STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01842

NAPOLEON IN RUSLAND

Heinrich Ross

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הײנריך ראָס.

נאַפּאָלעאָן אין רוסלאַנד

יודיש: נ. שאַפּירא.

№ 22

פארלאג
יודיש
ווארשע

פאָרוואָרט.

די גראַנדיעזע עפּאָפּייע פון יאָהר 1812 האָט זעהר אַ רייכע מעמואַרען־ליטעראַטור. די אַנטיילנעהמער און צושויער, וואָס האָבען אונמיטעלבאַר איבערגעלעבט און אָבסערווירט די גרויסע געשעהעניסען, האָבען זיי פערבעהאַלטען אין זייערע זכרונות און מעמואַרען פאַר די קומענדיגע דורות.

עס איז, נאַטירליך, איבעריג צו זאָגען, וואָס פאַר אַ וויכטיגע בעדייטונג עס האָבען פאַר אונז דיזאָזיגע עדות פון דער גרויסער מלחמה.

די מעמואַרען פון ראָס בעקאָנען אונז הויפּטזעכליך מיט דעם אינערליכען לעבען פון דער גרויסער אַרמעע בּשעת'ן קריגסצוג. די אויסערליכע שילדערונגען און די רייך־באַמאַלישע סצענען ערנעהמען דאָ לפי־ערך גאַנץ ווייניג אָרט, אין דעם פּרט שיידען זיך אונזער זייגע מעמואַרען פון די עספּעקטפולע און שפּאַנענדיגע, פּיולמאָל פאַנטאַסטישע, מעמואַרען פון סעגור, הורגאָ, מאַרבאָ, קוניע, בערזשאַנט בורגאָן און אַנדערע. דער אויטאָר אינטערעסירט זיך ווייניג מיט די הויכע אָנפיהרער פון דער אַרמעע. אפילו נאַפּאָלעאָן אינטערעסירט איהם ווייניג, דערפאַר אָבער גיט ער אונז בילדער פון דעם אַלטעגליכען מלחמה־לעבען, פאַר אונזערע אויגען ענטפּלעקען זיך די אַלע פּלאָגען און אַנגסטען פון אַזאַ גרויסער און פערוויקעלטער אונטערנעהמונג, וואָס

האָט געהאַט אַ רוישיגען און אַ פּרעכטיגען פּראָלאָג און אַ שלעכטען
און טראַגישען עפּילאָג.

דער אויטאָר פון די מעמואַרען איז גאַנץ אָביעקטיוו און דער־
צעהלט אונז רוהיג און אונפּאַרטייאיש פון די מלחמה־געשעהענישען.
אַלס דאָקטאָר־ספּעציאַליסט איז ראָס זעהר אינטערעסאַנט און וויכטיג
מיט זיינע פאַקטען וועגען דעם סאַניטאַרען צושטאַנד פון דער גרויסער
אַרמעע. דאָס דערצעהלט אונז אויספיהרליך, ווי גרויסע מאַסען מילי־
טער זענען באַלד אין אָנהויב מלחמה קראַנק געוואָרען, די מאַגען־
קראַנקהייטען האָבען אָנגעהויבען געוועלטיגען באַלד ווי מען איז אַרויף
אויף דער רוסישער טעריטאָריע. ביי מאָסקווע האָבען די דאָזיגע קראַנק־
הייטען אָבגעשוואַכט נאַפּאָלעאָנס אַרמעע; נאָך ערגער איז געווען ביים
ריקצוג, ווען די שרעקליכסטע קראַנקהייטען צוזאַמען מיט'ן רוסישען
פראָסט און הונגער האָבען אויסגעלעגט גאַנצע רייהען פון דער אָב־
טרעטענדיגער אַרמעע. פשוט, נישט געקינסטעלט, אָהן שום איבערלי־
כע עפעקטען דערצעהלט ער אונז, ווי אַזוי דער בראַנדיעזער און דריי־
סטער פּלאַן שטאַרבט בּיסלעכווייז אַוועק העסליך און קרענקליך. עס
זענען אויך זעהר אינטערעסאַנט די אַלע קליינינטשקע פרטים, וואָס זע־
נען מאַסענווייז צעוואָרפען אין די מעמואַרען פון ראָס און וואָס כאַ־
ראַקטעריזירען די אַנדער יענע זייט פון די היסטאָרישע געשעהענישען,
בעזונדערס בעדאַרפען בעמערקט ווערען יענע זייטלעך, וואָס זענען גע־
ווידמעט דער באָראָדינישער שלאַכט. אויב מיר האָבען דאָ נישט קיין
אַלגעמיין בילד פון דער שלאַכט, זענען דאָ אָבער איבערגעגעבען גע־
וואָרען די איינדרוקען פון דעמדאָזיגען גרויסען טאָג אונמיטעלבאַר און
לעבעדיג. אינטערעסאַנט זענען אויך די בעמערקונגען וועגען דעם, ווי־
אַזוי די אַרמעען זענען אריין אין מאָסקווע, ווי־אַזוי עס האָבען זיך
אָנגעהויבען די מאָסקווער שרפות און די בעוועגונג איבער דעם ריאַ־
זאַנער וועג*).

דעם ריקצוג פון דער גרויסער אַרמעע האָט ראָס, ווי מיר האָ־

---

*) ראָס האָט זיך געפונען אין דעם קאַוואַלערישען רעזערוו פון מו־
ראַט, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אָבצושטויסען דעם אַריערגאַרד פון דער
רוסישער אַרמעע, וואָס איז געגאַנגען איבער דעם ריאַזאַנער טראַקט.

בען שוין פריהער געזאגט, זעהר אויספיהרליך און גוט בעשריבען. דער אויטאָר בעלעבט די גאנצע צייט זיין שילדערונג דורך איינצעל־נע עפּיזאָדען און לעבענס־בילדער, וועלכע גיבען אונז א בעגריף פון דעם ריקציג. שוין און אָהויב פון דער מלחמה האָט ראָם נישט גע־לעגט קיין גרויסע האָפנונג אויף איהר אויסגאַנג (דיזאָיגע שטימונג, לויט די מעמוארען, האָט פערבאָסט נישט בלויז ראָס'ן אליין), אָבער ער האָט זיך רוהיג אונטערגעגעבען זיין גורל.

אין דעם מעמוארען־ציקל, וואָס איז געווידמעט דעם יאָהר 1812, פערנעמען די מעמוארען פון ראָס א בעשטימטען און זעהר חשוב'ן ארט.

פֿאָרוואָרט פֿון אויטאָר.

איך גיב דאָ איבער דער עפֿענטליכקייט אַ גאַנץ אײנפֿאַכע דערצעהלונג וועגען דעם, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט אָדער וואָס איז געשעהן מיט אַנ'אַנדער'ן נעבען מיר, אָנהויבענדיג באַלד פֿון דעם מאָמענט, ווי איך בין אַרויסגעטראָטען פֿון אונזער קוואַרטיר אויפֿ'ן דונאַי. איך האָב בעגלייט די גרויסע אַרמעע און בין געוועזען הויפּטדאָקטאָר פֿון אַ קאַוואַלערישען פּאָלק, וואָס איז כמעט די גאַנצע צייט געגאַנגען אינ'ם אַוואַנגאַרד פֿון דעם נעאַפּאָליטאַנישען קעניג. איך האָב געזעהן די גרויסע אַרמעע אין איהרע קאַמפּען און האָב אויך געזעהן די אַלגעמיינע מהומה, ווען מען האָט אָנגעהויבען אָבטרעטען און אַנטלויפֿען. צולעצט בין איך אַרײנגעפֿאַלען אין געפֿאַנגענשאַפֿט און האָב געלעבט צווישען די רוסען אַלס דאָקטאָר; נאָכדעם בין איך קראַנק געוואָרען אויף מלחמה-פּעסט און בין געזונד געוואָרען אינ'ם דאָרף זשיצקאָוו, נישט ווייט פֿון באָריסאָוו אויפֿ'ן טייך בערעזינאַ.

וואָס טײַער די גרויסע אַרמעע איז אַרײנגעדרונגען

אין דער רוסישער מדינה, אַלץ גרעסערע און ברייטערע בילדער זײַ פֿונאַנדערגעוויקעלט די מלחמה ; דאָס אָבטרעטען, ווידער, און דאָס אַנטלויפֿען האָט געמאַכט דידאָזיגע מלחמה פֿאַר דער איינציגער אין דער וועלט לויט איהר אייגענאַרטיגקייט און שרעקען. און מיינע דערצעהלונגען וועגען איהר ווערען אויך וואָס ווייטער אַלץ אינהאַלטסרייכער און ערנסטער. אויב די ערשטע קאַפּיטלען וועלען דעריבער אויסווייזען נישט אַזוי אינטערעסאַנט, וועלען אָבער די ווייטערדיגע מעהר פֿערכאַפּען און די לעצטע וועלען אפילו אויסווייזען גרויס און זעהר ערנסט און פֿול שרעקען.

אין מיין שטייגער שרייבען האָב איך מיך געסטאַרעט צו געהן אין דעם וועג פֿון אַ פּשוט'ען דערצעהלער, אָבער איך האָב אויסגעמידען די אַלע ראָמאַנטישע צוזוצונגען און די געוועהנליכע גוזמאות. איך האָב עס אומישנע געטהאָן אַזוי, ווייל איך וויל, אַז מיינע פֿאַקטען זאָלען טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פֿון אמת. מען בעדאַרף זיך דעריבער בעציהען צו מיר ווייכער, אויב מיינע דערצעהלונגען האָבען נישט יענעם קינסטלערישען אָטעם, וואָס איז שטענדיג פֿאַרהאַן ביי אַ פּראָפֿעסיאָנעלען בעגאַבטען שרייבער, מעגליך, אַז זיי פֿעלט אויך די שענקייט און האַרמאָניע פֿון אַ גענייטען פּראָזאַאיקער.

מען וועט מיך אודאי נישט קענען בעשולדיגען דערין, אַז איך האָב מיך בענוצט מיט פֿרעמדע ביכער, איבערשטייגען דיזעניגע, וואָס האָבען בעשריבען דעמדאָזיגען געגענשטאַנד פֿריהער פֿון מיר, האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט. איך האָב אויך קיינעם נישט געקאָנט נאָכמאַכען, ווייל בשעת איך האָב געשריבען, האָבען קיין שום אָריגינאַלען נישט עקזיסטירט, אויסער דאָס, וואָס איך האָב געהאַט אין זכרון. איך האָב געשריבען ביים טייך בערעזינאַ און ביים טייך בעוואַ אין אַ צייט, ווען מען האָט פֿון אויסלאַנד גאָרנישט געקאָנט שיקען אַהער, אין אַ צייט, ווען איך האָב די רוסישע שפּראַך נישט געקאָנט; איך האָב אויך נישט געהאַט קיין ליטעראַרישע בעקאַנטשאַפֿטען און בין געווען גענוג פֿערנומען מיט מיינע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿליכטען. דאָס, וואָס איך האָב

געליטן דערנאָך, האָט מיך אויך נישט געקאָנט אַראָבשלאָגן פון וועג, ווייל איך האָב מיך געקאָנט פערלאָזען אויף מיין זכרון, אגב האָב איך מיך גאָרנישט מכין-געווען צו פערעפענטליכען מיינע מעמוארען.

שפעטער איז מיר אויסגעקומען זעהר אַ סך צו לייענען. איך האָב געלייענט כמעט אַלץ, וואָס איז געשריבען געוואָרען וועגען דערדאָזיגער מלחמה, און איך האָב איינגעפונען, אַז אַ סך פאַקטען זענען איבגאַנצען נישט דערמאָהנט געוואָרען, צום ביישפיל, דער גרויסער מיליטערפאַראַד ביי אָסטראָלענקאָ, די בעשטראָפונגען פאַר די אונאָרדנונגען אין ווילנא און צרום איהר, די קראַנקהייטען אינ'ם מיליטער, בעזונדערס דער רויטער שלשול, וואָס לאָרע*) בעצייכענט איהם קוים מיט אַ פאָר ווערטער; די קאַוואַלערישע שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 1-טען אָקטאָבער אינ'ם וואַלד אונטער ספּאַס-קופּלאַ; דעם נאַפּאָליטאַנישען קעניגס אומגאַנג ביי די טייכען טשערניטשין און נאַרע, נעבען טאַרוטין, וואָס איז כמעט אינגאַנצען פערניכטעט געוואָרען; אונזער דוחק אין אַמוניציע; די געשעהענישען אויפ'ן טייך בערעזינאַ, נאָכדעם ווי די אַרמעע איז אַוועק א. אַ. וו. אַנדערע פאַקטען, ווידער, זענען איבערגעגעבען געוואָרען נישט ריכטיג, צום ביישפיל, די סבה פון דער מאָסקווער שרפה, ווי אַזוי עס זענען צושאָסען געוואָרען די רוסישע געפאַנגענע צווישען קאָלאָצקער קלויסטער און גזשאַטסק, ווען די אַרמעע איז אָבגעטראָטען, דער איבערגאַנג ביי קראַסני און נאָך אַ סך אַנדערע געשעהענישען.

אויב איך וועל מיטטיילען פאַקטען, וואָס זענען נאָך ביז איצט אונבעקאַנט געווען און וועל אַזויאַרום צוגעבען הוספות צו דער געשיכטע פון דערדאָזיגער מלחמה; אויב איך וועל נישט ריכטיג־בעשריבענע געשעהענישען אויספּיהלען מיט וואָהרהאַפטיגע בעווייזען און וועל נאָך צוגעבען פאַקטען פון מיין פּראַפעסיאָנעלער פּראַקטיק, וועט זיך מיין ווערק זיכער נישט נויטיגען אין בעגריינדונגען און הסכמות.

*) היסטאָריקער אין נאַפּאָלעאָנס אַרמעע.

ערשטעס קאַפּיטעל.

די הכנות אין וועג.—דער מאַרש איבער דער היימישער ערד.—לייפּציג.—אַ שבת די זאַקסער.—פראַנקפורט אויף דער אָדער.—

פאַר דער גאַנצער צייט פון די רהיינישע קריגסצוגען פון יאָהר 1792 ביז די פראַנצויזישע אַרמעע פון גענעראַל מאָראָ איז אַריין אין דייטשלאַנד (דעם 24־טען יוני 1796), פלעג איך פינקטליך בעזוכען מיין פאָטער. טיילמאָל האָב איך ביי איהם פערבראַכט אַ היבשע צייט און בשעת-מעשה געהאַט די מעגליכקייט איינצוזעהן, אַז די אַרבייט פון מיליטערישע דאָקטוירים ברענגט גרויסע נוצען סיי אין די שפּיטאָלען און סיי אויפ׳ן שלאַכטפעלד, סיי אין עלזאַס און סיי אויף יענער זייט רהיין. און אָט האָב איך, לויט מיין נייגונג, אויסגעוועהלט די שטעלע פון אַן׳אַרמעאישען דאָקטאָר און אַזוי־אַרום געוואָרען אַ ציווילבעאַמטער אין דער אַרמעע.

בשעת דעם זיבעניעהריגען קריג איז מיין פאָטער אָבגערי־

סען געוואָרען פון זיינע אוניווערזיטעטישע בעשעפטיגונגען איבער טעאָלאָגיע. דער גענעראַל ריגער, וואָס האָט דורך צוואַנג גענו־מען רעקרוטען, האָט געכאַפּט מיין פאָטער צוזאַמען מיט זיינע דריי ברידער און האָט זיי אַלעמען אַריינגעגעבען אין דער וויר־טעמבערגישער, דעמאָלט נאָך הערצאָגישער, אַרמעע. ערשט אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט מיין פאָטער בעקומען דעם טיטעל לייטענאַנט און אַדיוטאַנט; אָבער די ברידער זיינע האָבען געפונען זייער העלדישען טויט אין דער שלאַכט ביי לייטען און פולד.

איך האָב מיך אָבער געפונען אין אַ בעסערער לאַגע. אין פליהלינג 1800, בשעת עס זענען גענומען געוואָרען רעקרוטען און מען האָט געמאַכט מיליטערישע הכנות, בין איך נאָכדעם, ווי איך האָב גוט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען, אויפגענומען גע־וואָרען אַלס יונגערער דאָקטאָר אין דעם גאַרניזאָן־שפּיטאָל אין שטוטגאַרדט. אין אַ משך פון פינף יאָהר האָב איך מיך אַזוי גוט פערפאָלקאָמט אין מיינע טעאָרעטישע און פּראַקטישע קענטנישען, אַז אין פריהלינג 1805 בין איך בעשטימט געוואָרען פאַר אַב־עלטסטען דאָקטאָר און אין אַ יאָהר אַרום האָט מען מיר שוין פערטרויט דאָס געזונד פון אַ גאַנצען פאָלק סאָלדאַטען.

אַלס דאָקטאָר האָב איך מיך בעטייליגט אין די קאַמפּאַ־ניעס פון די יאָהרען 1805, 1806, 1807 און 1809 און זומער 1811 בין איך געשטאַנען אין עגינגען מיט אַ פאָלק פון לייכטער קאַוואַלעריע*), וואָס איז איינגעקוואַרטירט געווען אין עטליכע שטעדט אויפ'ן דונאַי — פון דער געוועזענער אימפּערישער שטאָדט אולם ביז זיין אַריינפאַלען אין ים. אין דערדאָזיגער צייט האָט מען אַ סך געשמועסט וועגען אַ מלחמה מיט רוסלאַנד. דער הע־לער קאָמעט מיט זיין לאַנגען עק, וואָס אונטער זיין בלענדע־דיגען ליכט זענען צייטיג געוואָרען די בעסטע וויינטרויבען, האָט דערוועקט די סאַמע אויסטערלישטע האָפנונגען און נביאות. אין הערבסט האָבען זיך אָנגעהויבען די הכנות צו דעם קריגסמאַרש.

*) דער יעגערישער ריטער־פאָלק פונ'ם הערצאָג לודוויג.

מען האָט איינגעקויפט פערד, וואַרימע קליידער און דער עולם איז זיך געלאָפען זעהן מיט זיינע קרובים און נאָהנטע. מען האָט זעמאָלט שטאַרק געאַרבייט. אפילו די שולען זענען אויך נישט אויסגעבליבען. דאָס יונגוואַרג האָט געפליקט קאָרפיע, א סחורה, מיט וועלכער מען האָט מיך דעמאָלט גוט בעזאָרגט.

דעם 11-טען פעברואַר 1812 האָבען מיר פערלאָזט די שטאָדט אויפ'ן דונאי. דער פאָלק איז געווען אין פולען קאָמפלעקט און האָט געצעהלט 750 פערד. די מענשען זענען געווען יונג, מש געקליבענע איינע אין איינע, די אָפיצירען זענען געווען מענשען מיט גרויסע פראַקטישע קענטנישען. מיט איין וואָרט, אַלץ האָט זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מען האָט געקאָנט רעכענען אויף אַ געזיכערטען ערפאָלג.

מיט אַנ'אָווענד פריהער האָבען די אָפיצירען געמאַכט אַ באַל פאַר די חשוב'ע לייט פון דער שטאָדט. מען האָט אַ סך און לאַנג געטאַנצט. צום סוף האָט מען געזונגען אָבשייד-לידער, געמאַכט אַ פיינעם לחיים, אַז מען זאָל זיך זעהן צוריק געזונדערהייד און פאַרטאָג האָט מען שוין געבלאָזען אין האָרן, מען זאָל זיך אַנידערזעצען אויף די פערד.

מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דורך דער שוואַבישער יורע און פאַרבייגעגאַנגען שטוטגאַרדט און לודוויגסבורג. ביי היילבראָן האָט מען זיך עטוואָס צוגעשטעלט און דעם 2-טען מערץ אין דאָרט פאָרגעקומען אַ מיליטערישער פאַראַד. נאָכדעם איז מען ווייטער געגאַנגען. מיר זענען אַדורכגעגאַנגען די נחלאות פון די פירשטען האָהענלאָע, דאָס שטעדטעל ווייקערסהיים און אַזויאַרום אַריבערגעגאַנגען די היימישע גרעניץ. דאָ האָבען מיר זיך צוגעשטעלט. אַ סך פון אונז. און איך אויך בתוכם, האָבען אַרומגענומען דעם גרעניצסלופ, געקושט איהם און געדאַנקט איהם פאַר דאָס גאַנצע גוטס, וואָס אונזער היים האָט אונז אַרויסגעוויזען פון די סאַמע צאַרטע קינדער־יאָהרען־אָן. אויף מאַנכע פנים'ער האָט מען, דאַכט זיך, געקאָנט מערקען דאָס פאָרגעפיהל פון גרויסע שווערע אַנגסטען און פלאַג, וואָס וואַרטען אויף אונז, און אַנדערע האָבען אפילו הויך אויסגעשריען: „זענט מיר גע-

וונד, טייערע, מיר פארלאזן אייך און וועלן זיך אפשר שוין
קיינמאל מער נישט זען!"

ביז אהער פלעגן אונז אלע טאג באזוכן פריינד און
קרובים, וואס פלעגן קומען זיך געזעגענען מיט אונז, ארויס-
ווייזן אונז דאס לעצטע ביסל װאַרעמקייט. פאטערס האבן
געבראכט די קינדער געלד צו דער ווייטער נסיעה; מאמעס הא-
בן געבראכט וועש, באזונדערס װאַרעמע זאקן, וואס זײַנען
אזוי נויטיק אין קאלטן צוג, און שוועסטער פלעגן גלײַך קו-
מען זיך דורכווייגן א ביסל צוזאמען מיט די ברידער, האט
לאזן זיך אוועק אין אזא ווייטן לאנד.

אין צעהן טעג ארום נאכדעם, ווי מיר זענען ארי-
בער די גרענעץ און דערזען זיך אויסגערוהט אין הזניג-
סהויף, איז מיר אויך בעשערט געווען צו געניסן א בי-
סעלע פרייד. אכט נאהנטע מענשן האבן מיך מיט אמאל
ארומגענומען; א טייל פון זיי האב איך נאכשעם געזעהן,
די איבריגע—שוין קיינמאל נישט. א גאנצן מעת-לעת האבן
מיר צוזאמען געלעבט אויפ'ן סלאוואקישן שטייגער, די היימי-
שע בעלי-הבתים האבן אונז געגעבן צו עסן און צו טרינקען
נאכמער, ווי מען האט בעדארפט. עס איז געווען זונטאג. מיר
זענען אוועק אין קירך און דארט געהערט א גוטע פאסטאר-
דרשה. מאנטאג, סאמע אין דעם מאמענט, ווען מיר האבן בע-
דארפט ארויסטרעטן, האבן מיר זיך צוזעגנט מיט טרערן
אויף די אויגן, צומישט און אויפגערעגט דורך דער נעבעלדי-
גער האפנונג, צי וועט אונז נאך זיין בעשערט צו זעהן זיך
אמאל.

דעם ווייטערדיגען מארש האבן מיר דורכגעמאכט דורך
די פראנקאנישע געביטן, דורך די גבולות פונ'ם הערצאג זאק-
סען-הילדבורגהויזן, דורכ'ן גראפשאפט הענעבערג, און פון
דאנען זענען מיר דעם 25-טען מערץ דורכגעגאנגען דעם טירינ-
גענער וואלד מיט זיינע בערג, וואו מיר האבן געפונען א סך
איינגעפארענעם שניי, וואס האט זיך נישט געפרעקעלט אונ-
טער אונז: דער געוועהנליך-בעקוועמער געבערגעלטער וועג איז

אָבער אין דער צייט געווען אזוי שלעפּס, אַז מיר זענען איהם קוים אַדורכגעקראָכען. אונזער טראַנספּאָרט איז געצוואונגען געווען צו מאַכען אַ גרויסען אומוועג דורך אילמענוי. מיט גרויס מיה און מאַטערניש זענען מיר צו אָווענד לאַנגזאַם אַדורכגעקראָכען די מיט וואַלד באַדעקטע בערג און זענען בשלום געקומען צו דעם פּרעכטיגען ישוב לאַנדגעוויזען. פון דאַנען זענען מיר אויגעבען אַריינגעדרונגען אין די נחלאות פונ׳ם פירשט שוואַרצבורג-רודאָלפשטאַדט. דעם 25-טען זענען די פאָלקען אַדורכגעגאַנגען די הויפּטגאַסען פון דער שטאָדט מיט אַ פּאַראַדמאַרש, אונטער דער רוישיגער מוזיק פון דער קאַוואַלעריע און אינפאַנטעריע. דער פירשט, וואָס איז שטענדיג וואוילגעגויגט געווען צו דער אַרמעע, האָט איינגעלאַדען צו זיין טיש די אַלע אָפיצירען, וואָס זענען איינגעקוואַרטירט געווען אין זיין רעזידענץ. מיר, ווידער, האָבען זיך געמוזט בעזעצען אין די אָפּגעלעגענע דערפער, ביי די פויערים, אַ זאַך, וואָס פאַלט שטענדיג אויס אויפ׳ן גורל פון דער קאַוואַלעריע צוליב איהרע פערד.

פון דאַנען זענען מיר אַוועק קיין לייפּציג, וואו עס איז איינגעקוואַרטירט געוואָרען דער גרעסטער טייל פון אונזער אינפאַנטעריע. אַ וואָך צייט זענען מיר געשטאַנען אין די דערפער פון די אַרומיגע טאָלען, וואָס זענען אזוי בעקאַנט פון די פריהערדיגע מלחמות. זיי האָבען אָבער נאָכמעהר קונא-שם געווען מיט דער געוואַלטיגער אונפערגעסליכער פעלקער-שלאַכט, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען אין אַ צוויי יאָהר אַרום. אין לייפּציג האָבען מיר בעטראַכט די אַלע מערקווירדיגקייטען און האָבען זיך דאָ אויך פערזעהן מיט אַלעם נויטיגען. צווישען אַנדערע זאַכען האָב איך מיר דאָ אויך איינגעקויפט אַ זייגער, וואָס האָט מיך דערנאָך, אויף דער טייך בערעזינאַ, אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ אונבעקוועמער שווערער לאַגע, פון וועלכער איך האָב מיך בשלום אַרויסגעדרעהט בלויז צוליב׳ן ווערטעל: „פּאַרדאָן!“

דעם 6-טען אַפּריל האָבען מיר פערלאָזט לייפּציג. פון דאַנען האָבען מיר, לויט׳ן בעפעהל, בעדאַרפט געהן קיין פראַנקפורט אויף דער אָדער. ביי דעם ג׳ ? וועטער,—זעלטען אַ רעגענדעל,

זעלטען אַ פּײַעסטעל—זענען אַלע אָפיצירען און סאָלדאַטען געװעזען פּאַלקאָם געזונד, און איך האָב גאָרנישט געהאַט װאָס צו טוהאָן.

אַז מיר זענען דורכגעגאַנגען זאַקסען, איז נישט געשעהן קײן שום בעדײַטענדיגעס. ערשט אין עטליכע טעג אַרום האָבען מיר, הינטער לײפּציג, זיך דערװאוסט, װי שטאַרק עס איז די גרױסע אַרמעע בײַ דער רוסישער גרענױץ און װאָס פאַר אַ צאָהל פעלקער עס בעטײליגען זיך אין איהר. אײן העלד האָט געמאַכט אַ שנעפּסעל און האָט אױסגעשריען: „מיר האָבען אַזױנע העלדישע הילות, װי קסערקס האָט געהאַט, גבורות װעלען זײ בעװײזען, װי אַלעקסאַנדער מוקדון׳ס אַרמעען און בלוט װעלען זײ פערגיסען, װי די חשמונאים!”

די אײנװאױנער פון די זאַקסען בין איך נאָך עד-היום דאַנקבאַר פאַר זײער העפליכקײט, גוט-ברודערשאַפט און מענשענפרײנדליכקײט. דרײ מאָל בין איך אַדורכגעפאָהרען דאָס לאַנד אין פערשידענע ריכטונגען. װי אַ װאָהרהאַפטיגער עדות מוז איך אָנערקענען, אַז צום דריטען מאָל האָב איך איבערגעלעבט די אײגענע גאַסטפרײנדליכקײט װי צום ערשטען מאָל. אין זין פון גאַסטפרײנדליכקײט און העפליכקײט זענען די זאַקסער די אײגענע, װאָס מיט זעקס יאָהר צוריק, נישט-געקוקט דערױף, װאָס צוליב די עפּטע מלחמות זענען זײ שטענדיג געװען איבערגעזעטיגט מיט מיליטער. װיפיל מאָל האָבען זײ אונז דערװאַרימט די פערגליװערטע און דורכגענעצטע גלידער, און אַז מיר פלעגען פון דאָסבײַ אַרײנקומען צו זײ אין די װאױנונגען, פלעגען זײ אונז בעגעגענען מיט אַ װאַרימען ברוך-הבא און מיט קאַװע און מיט טאַבאַק און פלעגען אונז בעטען געניסען דערװײלע, ביז מען װעט דערלאַנגען דעם גוטען מיטאָג אָדער דאָס אָװענדברױט. אױך אַזױ װאַרים האָבען זײ אונז אַהױסבעגלײט פון דער שטאָדט. מיט אַ ברײטער האַנד האָבען זײ אָנגעפילט אונזערע פלעשער מיט שנאַפּס, האָבען אונז מיטגעגעבען אין װעג אַרײן פוטערברױטען, געבראָטענס א. אַז. װ. און בײַ אונזער אױסגעצײכענט-גוטער אױפפיהרונג ❜.פלעגען זיך פשוט װײזען טרערען אין די אױגען בײם

געזעגענען זיך. מיר פלעגען זיך וואָרים אַרומנעהמען, און טייל־מאָל פלעגען זיי אונז בעגלייטען ביז צו דער נאָהנטער שטאָדט. נאָכמאָל אַ דאַנק אייך, אַ דאַנק אייך, מיינע ליבע זאַקסער, פאַר אייער גוטער מדה פון הכנסת-אורחים.

אין פראַנקפורט זענען מיר געקומען דעם 12-טען אַפּריל. דאָ האָב איך אויפגעזוכט מיינע פריינד נאָך פון יאָהר 1807. זיי אַלע האָבען זעהר גוט געלעבט. אַ טאָג צייט זענען מיר געשטאַנען אין שטאָדט און נאָכדעם, ווי איך האָב פערענדיגט מיינע וויזיטען, בין איך אַוועק צו עוואַלד פאָן-קלייסט'ס דענקמאָל און דאָ, ביי דעם אייביגען אָרט פון דעמדאָזיגען קריגער און פאָעט, האָב איך מיך פערטראַכט וועגען דער נביאות פון מיינע פריינד, וואָס האָבען פאָרגעזאָגט, אַז דידאָזיגע מלחמה וועט זיך שלעכט ענדיגען.

צװײטעס קאַפּיטעל.

דער מאַרש דורך פּױלען.—דער נביא.—דער קאָלטאָנעװאָ-טער.—מערב-פּרײסען.—דער מיליטערישער פּאַראַד בײ אָסטראָ-לענקאָ.—די רױבערישע רעקװיזיציעס.—דאָס אַרױסטרעטען אױף דער רוסישער טעריטאָריע.

אין פראַנקפורט האָט אונזער פּאָלק בעקומען אַ בעפעהל אָבצוטײלען זיך פון דעם אַרמעאישען קאָרפּוס און אַװעקגעהן קײן מערב-פּרײסען, װאו ער בעדאַרף זיך פעראײניגען מיט די אַנדערע פּעלקער אין דער דיװיזיע פון דעם קינסטיגען אַװאַנ-גאַרד. קאָמאַנדיר איבער'ן פּאָלק איז געװאָרען דער פראַנצױזי-שער גענעראַל אָרנאַנאָ. אַ סך אָפיצירען האָבען געהאַלטען דעמ-דאָזיגען בעפעהל פאַר אַ בעזונדער אױסצײכנונג. אױף אַזאַ אופן זענען מיר אָבגעריסען געװאָרען פון אונזערע לאַנדסלײט, און דאָס האָט זיך אַזױ געצױגען סאַמע ביז דער באָראָדינישער שלאַכט.

דעם 16-טען אַפּריל, נאָכדעם ווי אונזער הויכגעשעצטער קרוינפּרינץ*) האָט אונז פּאַראַדירט, האָבען מיר זיך הייס צוזעגענט מיט איהם. מיר זענען איבערגעגאַנגען דעם טייך אָדער און אַרויף אויפ׳ן בעריהמטען שלאַכטפעלד ביי קונערסדאָרף. מיט דעמדאָזיגען בערגיגען אָרט זענען מיר עקאָהרען ווייטער. דער ברעסלאַווער טראַקט און דער יודישער בית-עולם זענען אונז געבליבען פון רעכטס. אָבער אונזער מאַרשרוט איז געלעגען איבער פּויזען.

דער פאַקט, אַז מיר האָבען פערלאָזט די דייטשע ערד, האָט זיך איינגיכען געגומען וואַרפען אין די אויגען. די שענקייט פון שטעדט, ישובים, וועלדער און וועגען, די קולטור פון ערד, מענשען און חיות—אַלץ האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פונ׳ם פריהערדיגען און אַלץ איז שוין נישט געוועזען אַזוי ליב און מילד. די גוטע אַברוה-ערטער האָבען זיך שוין אויך געענדערט. דאָ זענען אַ סך געקומען צום געדאַנק, אַז דערדאָזיגער אונטערשייד וועט נאָך ווערען גרעסער און גרעסער. די צוקונפט האָט זיך אונז געמאָלט אין טריבע פאַרבען.

נאַכטלעגער האָבען מיר געהאַלטען ביי אַ חשוב׳ען פּראָטעסטאַנטישען פאַסטאָר. ער איז געוועזען אַלט און אָרים און האָט אונז גאָרנישט געקאָנט געבען, אָבער דאָס, וואָס ער האָט יאָ געהאַט, האָט ער אונז פאָרגעלעגט מיט גרויס שמחה און אָפענהערציגקייט. נאָך אין זיבעניעהריגען קריג האָט ער געוואוינט אין דעמדאָזיגען קאַנט, וואו זיין פאָטער איז אויך געוועזען אַ פאַסטאָר. ער האָט אונז אַ סך דערצעהלט פון יענער צייט און נאָכמעהר—וואָס זיין פאָטער האָט איהם דערצעהלט. אַזוי צי אַזוי—פון זיינע מעשיות האָבען מיר אַרויסגעטראָגען דעם איינדרוק, אַז אונז שטעהען-פאָר שווערע טעג. און דער אַלטער האָט דייטליך געזעהן דידאָזיגע טעג. אין סאַמע שוואַרצע פאַרבען האָט ער אונז געמאָלט דעם שווערען קאַלטען ווינטער אין טיף רוסלאַנד, וואו די נויט איז אויך זעהר גרויס. ער האָט אונז שוין סאָר-

*) וויהעלם, שפעטער דער קעניג פון ווירטעמבערג.

אויס בעדויערט: „איהר זענט דאָ אַ סך. לכתחילה וועט איהר זיין די זיגער. די רוסען וועלען אייך אַריינלאָזען אין הארץ פון זייער מדינה. מיט דער צייט וועט איהר אָבער אָבגעשוואַכט ווערען, און דעמאָלט וועט אייך אויסקומען צו קעמפען מיט קעלט און נויט. איהר וועט זיך נישט קאָנען אַרויסקריגען פון דאָרטען און זעהר ווייניג פון אייך וועלען האָבען די זכיה אומצוקעהרן זיך צוריק בשלום".

דידאָזיגע ווערטער זענען מאַנכע נישט געפעל'ען געוואָרען, אַנדערע האָבען געלאַכט, די דריטע האָבען געוואָרטשעט. אָבער איך האָב מיך זעהר גערן צוגעהערט צו די ווערטער פון דערפאַהרענע מענשען.

ווייטער זענען מיר געגאַנגען דורך גרעסערע און קלענערע שטעדט פון פוילען, אָבער דידאָזיגע שטעדט זענען אויך אַזוי ווייניג אינטערעסאַנט, ווי זייערע דערפער. צו'אויטנאַהם איז נאָר פוזען, וואו מיר זענען געקומען דעם 22-טען, און גנעזנאָ, וואו מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דעם 27-טען. אין דער צייט פון דידאָזיגע מאַרשען זענען מיר, נאָך אויפ'ן ליגקען ברעג ווייכסעל, איינמאָל, אין אַ זונטאָג, ביי אַ שענעם וועטער, אַריינגעפאָהרען אין אַ קליין שטעדטעל. ניי־גיריגע יודען און קריסטען זענען אַרויס אויף דער גאַס. דער פאָלק איז אַריינגעפאָהרען אין מאַרק, מען האָט פונאַנדערגעטיילט וואוינונגסבילעטען, און בשעת די סאָלדאַטען זענען זיך פונאַנדערגעפאָהרען, איז איינע, אַ יונגע שענע פוילישע דאַמע, אָנשטענדיג געקליידט, אַנ'אָפיצירס אַ ווייב, אַזוי איינגעדריקט געוואָרען אין המון, אַז זי איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד צוזאַמען מיט'ן קינד, וואָס זי האָט געהאַלטען אויף די הענד. דאָס קינד האָט שרעקליך געשריען, עס האָט, אפנים, בעקומען אַ רעכטען חלק אין טומעל. איך בין שוין געשטאַנען אין טיר פון מיין וואוינונג, ווען מען האָט מיר געבראַכט די ווייגענדיגע פרוי מיט'ן קינד. דאָס קינד האָט געהאַט אַ צובראָכען פאַר־אַקסעלע. איך האָב זיי אַריינגעפיהרט אין צימער און גלייך גענומען אויסגלייכען דאָס אַקסעלע. איך האָב עס פערבינ-

טעוועס, און די מוטער מיט'ן קינד האָבען זיך ביסל'כווייז בערוהיגט.

איהר מאַן, דער פאָטער פון קינד, איז מיט עטליכע טעג צוריק אַוועק אויף דער מלחמה. די שענע דאַמע האָט מיך געגומען דאַנקען. זי האָט מיר און אויך מיין געהילף מכבד-געווען מיט אַ מין האָניג-געטראַנק, וואָס איך האָב דעמאָלט צום ערשטען מאָל געזעהן און צום ערשטען מאָל פערזוכט. עס איז זעהר אָנגענעהם געווען צו טרינקען דעם זיסען און שפילענדיגען האָניג-געטראַנק. ער האָט אונז איינגעשטילט אונזער וועג-דורשט און מיר האָבען זיך אַזוי משמח-געווען, ווי נאָך קיינמאָל נישט פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער מאַרש אין פוילען. די ליבע פרוי האָט מיר געקושט די הענד—פון די עלענבויגענס ביז די אַקסלען. צולעצט, זענען מיר אַוועקגעפאָהרען, מיד פון איהרע דאַנקען.

מיר האָבען זיך איצט דערנעהנט צו דער ווייכסעל. דעמדאָזיגען טייך האָבען מיר בעדאַרפט אַריבערגעהן אין וולאָצלאַוועק, וואוהין מיר זענען געקומען דעם 30-קטן אַפּריל. אונז איז אויסגעקומען איבערצוּוואַרטען דאָ אַ געוויסע צייט, ווייל מיר האָבען בעדאַרפט מאַכען די נויטיגע הכנות צו דעם טייך-איבערגאַנג.

מען האָט מיר געגעבען אַ וואוינונג ביי עפּיס אַ גלח. זיין הויז איז געשטאַנען אויפ'ן ברעג טייך. ווי אומעטום, האָט מען אויך דאָ ביים עסען געשמועסט פון דער מלחמה. דער אַלטער האָט אויך אָנגעריהרט די אייגענע סטרונעס וועגען אונזער צוקונפט, ווי יענער פּאַסטאָר נעבען קונערסדאָרף. געענדיגט האָט ער זיינע ווערטער מיט דעמדאָזיגען וואונש, „אַז מיר זאָלען זיך אַלע אומקעהרען בשלום דורך דעמדאָזיגען טייך, וואָס מיר זענען זיך איצט מכין אַריבערצוגעהן איהם". אָבער פאַר מיר איז אויך וויכטיגער געווען דאָס, וואָס ער האָט מיר דערצעהלט וועגען די קאָלטענס, וואָס מען טרעפט זעהר אָפט אין דערדאָזיגער געגענד און דערצו אין זעהר אַ העסליכער פאָרם. ביים גרויסען טראַקט זיצען שורות'ווייז אָרימעלייט—גרויס-געוויקסיגע געזונדטע

יוגגען. אויף בײדע זײַטן הינטער'ן אויער, אויפֿן אַקסעל און אויף דער ברוסט זענען בײ זײ אַראָפּ לאַנגע געדרעהטע שמו-ציגע שטיקער האָהר, ענליך צו דער גריווע פֿון אַ פֿערד. אפילו מײן אַלטער גלח, אַ מענש אַ פֿליכטזאַמער און אַ גרויער, האָט אויך געוואַקסע אַזעלכע שטיקלעך האָהר, וואָס זענען איהם געהאַנ-גען הינטער'ן אויער.

„דורך אונזער קלימאַט, אונזער וואַסער און ערד לעבען זע-נען זעהר גינסטיג פֿאַר דער דאָזיגער מכה.—האָט ער געזאָגט,— דאָך האָט זי נישט געלעמען בערוהרט. איבערהויפּט לײדען פֿון דעם ווײבער און קינדער. מיר הײסען שוין, אז די אַלע פֿער-שידענע קראַנקהײטען, דרויזען, קאָפּצוקונגען, קאָפּשמערצען, וועה-טאָגען אין די בײנער, וואָס ציהען זיך יאָהרענלאַנג, פֿער-ענדיגען זיך געוועהנליך מיט קאָלטענס, און די לאַנגיאָהריגע פּראַק-טיק האָט אונז דערוויזען, אַז די ברעכעניש אין די בײנער ווי אויך רעומאַטיזם זענען אַלץ סימנים פֿון אונזער קלימאַטישער קראַנקהײט. איבער די סבה דערפֿון, וואָס די דאָזיגע מחלה ענט-וויקעלט זיך בײ דעם המון ביז דעם העכסטען גראַד, בעדאַרף מען זוכען אין דער ניגונג צו פֿוילקײט, בעטלערײ און שמוץ. פֿרעמדע זענען געווענליך גאַנץ אונטערגעוואָרפֿען דער דאָזיגער מכה, אָבער ווען זײ פֿערברענגען דאָ אַ לענגערע צײט, קאָן עס אויך מיט זײ געשעהן, און דעמאָלט ווײזען זיך די אײגענע סימנים. אויסהײלען די קאָלטענס קאָן מען נישט, אָבער מען קאָן הײ-לען די פֿאַרקראַנקהײטען, און אויב מען דערווײטערט זײ, ווערען אויך דערווײטערט די קאָלטענס. אויסשערען די האָהר, וואָס פֿאַלען־צוזאַמען אין קאָלטען, טאָר מען נישט, ווײל דערפֿון קאָנען קומען שרעקליכע קראַנקהײטען אפילו ביז משוגעת און טויט. פֿערהאַן נאָר אײן תרופה—אָפּשלאָגען דעם קאָלטען מיט אַ שטײן אויף אַ שטײן, אָבער מען טאָר עס אויך נישט טהאָן מיט אַמאָל און האַסטיג."

אויפֿן דריטען טאָג האָבען מיר בעקומען שיפֿלעך איבער-צושווימען דעם טײך. אין אַ שיפֿעל האָבען זיך אַרײנגעזעצט צו דרײסיג־פֿערציג פּערזאָן. די לײט פֿון די שיפֿלעך האָבען גע-

האָט אַ שווערע אַרבייט. אָבער אין 59 מינוט אַרום זענען מיר שוין געווען אויפ׳ן צווייטען ברעג.

אינגיכען זענען מיר געקומען אין אַ סביבה פון אַ דייטשער בעפעלקערונג. מיר האָבען בעקומען אַ בעפעהל איינצוקוואַרטירען זיך אין די שטעדט: ראַסטענבורג, ניידענבורג, אַנגערבורג און אויך אין די אַרומיגע ישובים. אין דער סאַמע בעסטער צייט פון יאָהר, ביי אַ גרויסאַרטיגען וועטער, האָבען מיר עטליכע וואָכען צייט זעהר גוט פערבראַכט צווישען דער היגער חשוב׳ער און ליבער בעפעלקערונג. בעזונדערס האָבען זיך אויסגעצייכענט די איינוואוינער פון ראַסטענבורג. די בעפעלקערונג פון די אַרומיגע שטעדט איז שוין נישט געווען אַזוי ליבליך און פריינדליך. זי איז אויך אָרימער געווען, אָבער מיר זענען געשטאַנען מיט איהר אין פערבינדונג, ווייל זי האָט געהאַט אַ מאַסע ראַקעס, און דידאָזיגע ראַקעס זענען געווען אונזער איינציגע שפּייז. דידאָזיגע מענשען האָט זעהר גע׳חדוש׳ט אונזער מעסיגקייט, און זיי האָבען גאָרנישט געוואָלט גלויבען, אַז אויפ׳ן דוגאַי און דאָרט, פון וואַנען מיר זענען געקומען, זענען ראַקעס אַזאַ מאַכל, וואָס נאָר פערמעגליכע און נגידים קאָנען זיך פערגינען.

אויסער איין חולה, וואָס איז געשטאָרבען אין ראַסטענבורג פון לונגענענטצינדונג און איין אָפּעראַציע, וואָס איך האָב געמאַכט אַ סאָלדאַט פון אונזער פּאָלק, האָב איך גאָרנישט געהאַט וואָס צו טהאָן, און נאָך מיטאָג פלעג איך שטופען די צייט דורך רייטען אין די דערבייאיגע ישובים און דורך שפּילען אין באַלען אין די סעדער און אין דער אומגעבונג פון דער שטאָדט.

אין דער אייגענער צייט האָט אונזער פּאָלק בעקומען אַ בעפעהל, ער זאָל זיך בעצייטענס פערזאָרגען מיט פוראַזש. האָט יעדער רייטער בעקומען אַ סערפּ און יעדע צוואַנציג פּאַרשוין— אַ קאָסע.

פון דאַנען האָבען מיר זיך גענומען שנעלער בעוועגען צו דעם גרעניץ-טייך,—צום ניעמאַן. איצט האָבען זיך בעהעפט צו אונז נייע מיליטערטיילען, איבערהויפּט קאַוואַלעריע. אַז דער פּרייסישער אולאַנישער פּאָלק און דער פּויליש-הוסאַרישער פּאָלק

האָבען זיך בעהעפט צו אונז, זענען מיר פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בריגאַדע. מיר האָבען אַרויסגעשיקט פּאַטרולען און פּיקעטען און עס האָבען זיך גענומען ווייזען צו אונז דעזערטירען, איבערהויפּט פּאָליאַקען.

עס איז געווען אַ שיינער זומערנאַכט, אָנהויב יוני. מיר זענען געשטאַנען אין אַן אָרט פּעריתומ׳ט דערפעל, און שוין דאָ האָבען מיר געהאַט צו קעמפען מיט די ערשטע הונגער-סימנים. פּלוצלונג האָבען די טרומייטערס גענומען אַלאַרמירען. אין איין אויגענבליק זענען מיר שוין געווען אויף די ערטער, אָבער מיר האָבען נישט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס. צוערשט איז אונז איינגעפאַלען, אַז די רוסען זענען איבערגעגאַנגען דעם גרענעץ-טייך און האָבען אונז געמאַכט אַ פריהמאָרגען-וויזיט. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי. מיר האָבען זיך שנעל בעוועגט צוריק און זענען באַלד אַרויף אויף אַ גרויסאַרטיגען מיליטערישען טראַקט. מיט דעמדאָזיגען טראַקט האָבען מיר זיך זעהר שנעל בעוועגט פאָראויס. איך מיין, אַז מיר זענען דעמאָלט געגאַנגען צו אַכט-ניין שעה נאָכאַנאַנד. אַזויאַרום זענען מיר געקומען קיין אָסטראָלענקאָ צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פּאָלקען, און דאָרט, אויף אַ זעהר ברייטען פּלאַץ, איז פאָרגעקומען דער בעוואוסטער מיליטערישער פּאַראַד פון 40,000 קאַוואַלעריע-סאָלדאַטען.

די פערשידענע פּאָלקער, כלי-זין, בונטע מונדירען, מאַסען גענעראַלען, שנעלע בעוועגונגען, קאָמאַנדע-אויסגעשרייען און בעזונדערס די טרומייטען-קלאַנגען—דאָס אַלץ צוזאַמען מיט דעם שיינעם וועטער און מיט דעם גרויסען גרינעם פּלאַץ האָבען געמאַכט דעם פּאַראַד גרויס און מעכטיג. און ווער עס האָט געקאָנט בעמערקען דעם גרויסאַרטיגען צושטאַנד פונ׳ם מיליטער און דעם ערנסט פון די פיהרער און קאָמאַנדירען, דער האָט געמעגט גלויבען, אַז דאָס אַלץ איז גאַנץ גענוג צו בעזיגען דעם שונא.

נאָכ׳ן פּאַראַד האָבען מיר אָבגערוהט אונטער׳ן שאָטען פון שיינע יעגלבוימער אויפ׳ן ברעג פונ׳ם טייך נארעוו. נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען האָבען מיר אפילו פּאַר געלד נישט געקאָנט בע-

קומען עפּעס אין מויל אַריין. די פערד האָבען נישט געהאַט
וואָס צו עסען. בלויז שאָטען און וואַסער האָבען מיר געהאַט אי-
בער גענוג. צוזאַמען מיט אַ גרעסערן עולם האָב איך מיך אויס-
געבאָדען אין טייך, און דאָס איז געווען זעהר אָנגענעהם.
אויף דעם אייגענעם פאַראַד בין איך געוועזן אַנ׳עדות, ווי
איינער אַ רייטער איז אַנידערגעפאַלען צוזאַמען מיט׳ן פערד. דאָס
איז אָבער געווען אַזאַ מין פאַלען, וואָס אַזעלכעס האָב איך נאָך
נישט געזעהן אין מיין לעבען. איבער׳ן גרויסען טראַקט האָבען
זיך געטראָגען ווי שדים גרויסע מאַסען קיראַסירען—צוזאַמען
אפשר אַ צעהן פאָלקען. כדי אָנצושליסען זיך צו די איבעריגע
טיילען, האָבען זיך די הינטערשטע געמוזט שטאַרק צואיילען.
און אָט איז איינער פון זיי אַנידערגעפאַלען צוזאַמען מיט זיין
ריזענפערד און מיט דעם שווערען געפעק. דאָס פערד האָט זיך
איבערגעדרעהט, נאָכדעם באַלד זיך אויפגעהויבען און אַוועקגע-
שפרונגען, אָבער דער רייטער איז געבליבען ליגען אונבעוועגט.
ער איז געווען טויט. דער שאַרבען און דאָס פנים זענען געווען
צוהאַקט, די הויט און די מוסקולען צוריסען.
נאָכדעם האָבען מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין
אין דער ריכטונג צו דעם גרענעץ-טייך, און לויט דער גרויסער
מאַסע, וואָס האָט זיך בעוועגט הינטער אונז, האָבען מיר פער-
שטאַנען, אַז אינגיכען וועלען מיר איהם אַריבערגעהן. דאָ האָבען
מיר זיך ווידער אָבגעשטעלט אויף עטליכע טעג, דערביי אָבער
האָבען מיר בעקומען עפּיס אַ משונה׳דיגען בעפעהל: אַלע פאָל-
קען זאָלען זיך אָנגרייטען פוראַזש און פראָוויאַנט אויף דריי
וואָכען. אין דעמדאָזיגען בעפעהל איז אָבער נישט געזאָגט גע-
וואָרען, ווי אַזוי מיר זאָלען עס מאַכען. האָבען מיר אַוועקגע-
שיקט אין די נאָהנטע דערפער און הויפען קאָמאַנדעס מיט אָפי-
צירען בראש, זיי זאָלען אַרויספאָרען און צונעהמען אַלץ,
אין וואָס מיר נויטיגען זיך און ברענגען עס אין די פאָלקען
אַריין. אָבער דידאָזיגע קאָמאַנדעס האָבען זיך אומעטום אָנגע-
שטויסען אויף אַנדערע קאָמאַנדעס, וואָס זענען געגאַנגען איבער
די דערפער און הויפען מיט דעם אייגענעם צוועק. קיינער האָט

נישט בעקומען קיין אָבזאָג, און קיינער וואָלט זיך אויך נישט דערוועגט צו קומען צוריק מיט לעדיגע הענד. אָבער דער עולם האָט פשוט געראַבעוועט און גערויבט. אַזויאַרום האָט מען איינס-און-צוויי לעדיג געמאַכט שפּייכלערס, תבואה-שייערס, אַלקערס און אפילו אויוונס. אָבער וואו עס ווערט נאָר אַ שטיקעל אונאָרדנונג, דאָרט הערען שוין נישט די סאָלדאַטען דאָס געזעץ, און טאַקי דעריבער האָבען די סאָלדאַטען געכאַפּט און גערויבט זאַכען, וואָס האָבען גאָרנישט געטויגט צום עסען.

אָבער ווי אַזוי ברענגט מען דאָס אַלץ אין די פאַלקען אַריין? אין די דערפער און גיטער האָט מען אָבגעשלאָסען די שטאַלען, איינגעשפּאַנט אָקסען, אָנגעלאָדען אויף די וועגען דעם סוראַזש און פּראָוויאַנט, דערביי האָט מען אויך נישט פערגעסען צוזאַמענצוטרייבען פון הינטען בהמות, שעפּסען, ציגען און אַזויאַרום האָט מען עס געבראַכט אין די פאַלקען אַריין, דערדאָזיגער בעפעהל, וואָס איז אַזוי שנעל אויסגעפיהרט געוואָרען, האָט אָבער אַזוי בעטריבט און בע'עול'ט די בעפעלקערונג, אַז זיי האָבען דערשפּירט די שרעקען פון דער מלחמה נאָך פריהער, איידער זי האָט זיך אָנגעהויבען.

איצט, אַז מיר האָבען געהאַט מאַסען פוראַזש און פּראָוויאַנט, זענען מיר אַוועק צו דעם טייך ניעמאַן, וואוהין מיר זענען געקומען צו האַלבען טאָג דעם 25-טען יוני. אַ גרויסע צאָהל וועגענס זענען געגאַנגען הינטער אונז. נעבען אַ קליין דערפעל, ביי אַ שעהנעם וואַלד, האָבען מיר פערשפּרייט אונזער לאַגער. פאַר אונז האָבען זיך געצויגען גרויסאַרטיגע פּאַשע-פעלדער און לאָנקעס און דאָס וועטער איז געווען זעהר שען. די אַלטע בעוועגונגען און די צוגעקומענע אַרמעען, וואָס זענען בעשטאַנען פון פערשידענע פעלקער און פערשידענע מינים געוועהר, די מאַסען אַרטילעריע און פּאָנטאָנבריקען—דאָס אַלץ האָט פערוואַנדעלט אונזער לאַגער אין אַ העכסט-אינטערעסאַנטען בילד, וואָס איך האָב נאָך אַזוינס נישט געזעהן אין מיין לעבען.

איבערהויפּט האָט מיך אינטערעסירט דער גרויסער טראַנספּאָרט מיט פלאַפּלענדיגע ווייבער—אין וועגענס, אויף פערד און

צופּוס. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זייער עובדה איז—געהן אַרום די קראַנקע און פערוואונדעטע אין די שפּיטאָלען; דערנאָך איז געגאַנגען אַ גרויסע צאָהל דאָקטוירים, על-פּי-רוב יונגעלייט, וואָס האָבען עפּטער געכאַפּט פּאָרציעס און פּאָרוואורפען פון זייער נאַטשאַלסטוואָ. צולעצט האָבען זיך בעוויזען די פאָנטאָנוועגען, געשפּאַנט מיט ריזענפערד. אין יעדען פּאָנטאָנוואָגען זענען גע-גאַנגען צו דריי פּאָר פערד.

איך האָב בעשלאָסען נישט צו שלאָפען אין דערדאָזיגער שענער נאַכט. איך האָב גאָר פערגעסען, אַז די מיליטערישע אַלאַרמירונגען וועלען סיי-ווי נישט לאָזען צומאַכען מיט אַנ׳אויג. די נאַכט איז געווען שען און נישט טונקעל. די אָוועגד-רויטקייט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דער פריהמאָרגענרויטקייט, און דער רויך פון די פייערן אויף די פעלדער האָט צוגעגעבען דער געגענד עפּיס אַנ׳אייגענאַרטיגען אויסדרוק; דער געפּילדער און טומעל פון די אַרמעען האָט מאָדנע געווירקט אויף דער נשמה, וואָס איז אַזוי אויך געווען אָנגעשטרענגט דורך די קומענדיגע געשעהענישען: מען האָט בעדאַרפט אויפשטעלען די בריקען אויפ׳ן טייך. אינדערפריה האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז די בריקען זענען שוין אויסגעלעגט געוואָרען, אַז די אַרמעען געהען איבער דעם טייך און אַז אפילו נאַפּאָלעאָן אַליין געפינט זיך שוין אויפ׳ן רוסישען ברעג.

אַזוי איז אַוועק די נאַכט, די ערשטע נאַכט, וואָס מיר האָבען פערבראַכט אונטער׳ן בלויזען הימעל, און קיין איינער פון אונז האָט נישט געטראַכט, אַז אויף יענער זייט טייך וועט שוין קיינער פון אונז נישט האָבען מעהר קיין אָבדאַך איבער׳ן קאָפּ.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער יאָהאַן-טאָג, וואָס איז געווען און וועט פערבלייבען פאַר מיר זעהר אַ וויכטיגער טאָג. אין דעמדאָזיגען טאָג איז מיין פאָטער געבוירען געוואָרען. בשעת גענעראַל מאָראָ איז אין יאָהר 1796, ביי קעלע, איבערגעגאַנגען אין דעם אייגענעם טאָג דעם רהיין, איז שוין מיין גורל בע-שלאָסען געוואָרען: איך האָב אויסגעוועהלט די קאַריערע פון א

דאָקטאָר. אין יאָהר 1817 האָב איך אין דעם אייגענעם טאָג געזעהן, ווי וואַנדאַם האָט דורך שטורם גענומען דעם רוסישען לאַגער ביי גלאַץ אין שלעזיען. און אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכען זענען מיט מיר געשעהן אין דעמדאָזיגען יאָהן-טאָג. און טאַקע דעריבער בין איך געוועזען געשטימט ביים ניעמאַן זעהר ערנסט און פייערליך.

די גאַנצע נאַכט און ביז האַלבען טאָג—בשעת מען האָט אונז אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן: „אויף די פערד!"—איז פאַרבייגעגאַנגען אַ סך מיליטער: אינפאַנטעריע, אַרטילעריע און טראַנספּאָרטען, און פון אַלע זייטען האָט מען זיך בעוועגט פאָראויס. דאָס איז געווען זעהר אַ שען בילד: פערשידענע פעלקער, כלי-זין, מונדירען, מיליטערישע מוזיק. די אָרדנונג איז געווען אַ מוסטערהאַפטע. די אַרמעען זענען געווען איבערגעטהאָן פונקט ווי אויף אַ פּאַראַד. זיי האָבען אויסגעזעהן מוטיג און דרייסט, אָבער נישט פרעהליך. און לידער האָט מען נישט געזונגען. צולעצט האָבען מיר זיך געריהרט אין וועג אַריין. ערגעץ נעבען אַ פערזייהטען באַרג, ביים ברעג פון ניעמאַן האָט אונז פערכאַפּט אַ שרעקליך געוויטער מיט דונערן און בליצען. נאָכדעם איז אַרויסגעפאַלען אַ שלאַקסרעגען און האָט אונז פערגאָסען ביז דעם לעצטען פאָדעם אויפ'ן לייב.

עס איז געווען זעהר שען און טשיקאַווע צו קוקען, ווי בשעת די דונערן און דעם שלאַקסרעגען זענען די אַלע בערג און טהאָלען פון דערדאָזיגער געגענד פערזייהט געווען מיט מיליטער, וואָס האָט רוהיג אויסגעוואַרט, ווען עס וועט זיך ענדיגען דאָס געוויטער. באַלד ווי עס האָט זיך נאָר אויסגעלייטערט, זענען אַלע געקומען צו זיך און פאָלקען נאָך פאָלקען האָבען זיך גענומען ריהרען. צו אָוועבד האָבען מיר זיך אויך געריהרט און זענען איבערגעגאַנגען דעם טייך אויף ברעטער. אַזויאַרום זענען מיר אַרויף אויף יענער טעריטאָריע, וואָס אין איהרע קברים האָט דער גרעסטער טייל פון אונז געפונען זייער אייביגען אָברוה. דאָס איז געווען נעבען קאָוונע, נישט ווייט פון יענעם אָרט, וואו די ווילליע פאַלט-אַריין אין ניעמאַן.

דריטעס קאפיטעל.

עס פעהלט פראָוויאַנט.—מען בערויבט די איינוואוינער.—די קראַנקהייטען פון די רייטער און פערד.—ווילנא.—נאַפּאָלעאָן און גענעראַל וואַטיע.—דער ערשטער צוזאַמענשטויס מיט קאָזאַקען.—מוראַט.—די שטראָף-עקזעקוציע.—מיין דענשטשיק.—דער פּרינץ האָהענלאָע ווערט גענומען אין געפאַנגענשאַפט.—די שענע רייד פון גענעראַל סעבאַסטיאַני.—מיר געהען-אַריבער די דווינע.—פּאָלאָצק.—אַלאַרם.—די שלאַכט ביי וויטעבסק.

אונזערע מיינונגען וועגען רוסלאַנד און אונזער שרעקען זיך פאַר דער ריזענאונטערנעהמונג זענען טיילוויז צונייהט געוואָרען, באַלד ווי מיר האָבען נאָר בעמערקט, אַז אויפ'ן צווייטען ברעג איז אַלץ געווען אַנדערש, ווי מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט און אַלץ האָט זיך געפונען אין אַ גוטען צושטאַנד, אַ סך בעסער, ווי דאָס, וואָס מיר האָבען געזעהן אין פּוילען.

מיר זענען באַלד צוריקגעגאַנגען אויף אַ גוטען מיליטערישען טראַקט, און די ערשטע הייזער, וואָס מיר האָבען דערזעהן, האָבען אויסגעזעהן זעהר גאַסטפריינדליך. מיר האָבען דאָ אויך געפונען אַ בעסערע אָרדנונג אין די פונאַנדערגעשטעלטע וויאָרסט-סלופעס, שלאַגבוימער און וועג-ווייזער, איידער אין פוילען, עפטער און רעגולערער האָבען מיר דאָ, ביים טראַקט געזעהן שעגע הייזער, פאָסט-סטאַנציעס און איינפאָהרהויפען. אינגיכען זענען מיר דורכגעגאַנגען אַ פרעכטיגען געדיכטען בלעטערוואַלד, בשעת פריהער האָט אונז שוין געקעהרט צו חלשות. פון די גרויסע פלעצער בעדעקט מיט נאָדעלוואַלד. דאָס ערשטע דאָרף, וואָס איז אונז געקומען פאַר׳ן אויג, האָט אויסגעזעהן זעהר פערמעגליך און שען, כאָטש דרויסען האָט גערעגענט. מיט איין וואָרט, די ערשטע איינדרוקען האָבען אונז געצוואונגען צו טוישען אונזערע מיינונגען אויף בעסערע.

מוראַס, אָרומגערינגעלט פון געגעראַל׳ען און אַדיוטאַנטען, איז געשטאַנען ביים טויער פון אַ שענעם לאַנדהויף און האָט אונז געצוואונגען, מיר זאָלען אַדורכגעהן פאַרביי איהם מיט אַ מאַרשמאַרש. מיר זענען אָבער געווען שוידערליך אַדורכגענעצט און אויסגעמאַטערט פון רעגען. נאָכדעם האָבען מיר פערליגט אַ לאַגער אין אַ בעאַרבייטען פעלד, נעבען אַ דאָרף, רעכטס פון מיליטערישען טראַקט, וואָס איז געגאַנגען קיין ווילנא.

ביז אַהער זענען נישט געווען קיין קראַנקע, און הינטער׳ן ניעמאַן איז קיינער פון אונז נישט אָנגעשטאַנען, אפילו דער זעלבער, וועלכען איך האָב אָפּגעפירט אין ראַסטענבורג, איז אויך געזונד געוואָרען און האָט אונז אָנגעיאָגט. איצט אָבער האָבען מענשען און פערד שלעכט געגעסען, איז געקומען אַ סוף צו דעם גוטען צושטאַנד פון געזונד. אייגענטליך וואָלט נאָך אַלץ געווען גוט, ווען מיר וואָלטען געקאָנט מיטפיהרען דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבען צונויפגעזאַמעלט הינטער׳ן ניעמאַן.

איצט זענען מיר אַראָב פון גרויסען טראַקט, וואָס האָט געפיהרט קיין ווילנא, און זענען אַוועק מיט שלעכטע דאָרף-וועגען. דעם שונא האָבען מיר ערגעץ נישט בעמערקט. מיר האָבען נאָר

געטראָפען קליינע גרופעס פויערים, וואָס האָבען זיך גאַנץ גוט
בעצויגען צו אונז, און אַ סך שמוציגע יודען*).

צו אָוונד האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט און געגעבען עסען
י פערד. דאָס ערשטע מאָל האָבען מיר איצט אָבגעבונדען די
ד־ ־פען און די קאָסטעס און גענומען שניידען דאָס גרינע גראָז.
סע, ז פאַלקען בעדאַרפען זעהר אַ סך, אָבער נאָכמעהר וויפיל
זיבע, עדאַרפען, מאַכען זיי קאַליע. אין דערנאָהנט האָבען מיר
זיי ב ערפער נישט בעמערקט. מיר האָבען נאָר פון ווייטען בע־
קיין ד. קליין קלויסטערל, און שוין דעמאָלט האָט דער עולם גע־
זעהן אַ׳ אַז אין דעמדאָזיגען קלויסטערל זענען אָנגעזאַמעלט גרוי־
שמועסט, ז מעהל, קאָסטבאַרע זאַכען א. ד. גל. דאָך איז קיי־
סע זאַפּאַסע ז נישט געגאַנגען אַהין און די קלאַנגען זענען נישט
נער פון אונ געוואָרען, סיי דאָ און סיי דערנאָך האָב איך קיינ־
קאָנטראָלירט יערקט, אַז עמיץ פון אונז זאָל געהן בעראַבעווען
מאָל נישט בע, די אַלע העסליכע זאַכען זענען על־פּי־רוב אָבגע־
אַ קלויסטער. אָס ז ורך יענע לייט, וואָס זענען געגאַנגען הינטער
טהאָן געוואָרען אי ינמאָל האָב איך מיך איבערצייגט, אַז די אינ־
אונז. און נישט וואָס אי ן שטענדיג וועניגער בעשעפטיגט, איז גיכער
פּאַנטעריע, מעשים, איידער די קאַוואַלעריע. די קאַוואַ־
געניגט צו אַזוינע שטענדיג צו זאָרגען וועגען פערד און זאָטעל און
לעריע האָט פילפאַכיגער בעוואָפנונג, און דעריבער האָט זי ווע־
וועגען זיין
ניג צייט דערצו.

מיט יעדען טאָג האָבען מיר זיך אַלץ מעהר דערנעהנט צו
ווילנא. די טעג זענען געוועזען וואַרימע. מיר האָבען זיך זעהר
שלעכט גענעהרט. אפילו ברויט האָבען מיר געהאַט וועניג. ווער

*) אין מאַנכע שטעלען פון בוך לאָזט זיך מערקען דעם מחבר׳ס נישט זעהר
פריינדליכע מיינונג וועגען יודען. איבעריגענס, נישט בלויז וועגען יודען אליין. מען
בעדאַרף אָבער נישט פערגעסען, אַז דער מחבר איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטאָר
מיט הונדערט יאָהר צוריק. אין יענער צייט האָבען נאָך וועניגע שענע גייסטער גע־
קאָנט זיך בעפרייען פון נאַרישע פאָראורטיילען בנוגע צו יודען.
דער איבערזעצער.

ריעדט—מעהל, מילך, ווײַן און בראָנפען האָבען מיר גאָרנישט געזעהן אין די אויגען. צוליב די גרויסע היצען און אויך צוליב דעם, וואָס מיר האָבען געהאַט שלעכט וואַסער צום טרינקען, האָבען מיר זיך אַריינגעפּאַקט אין די אייזקעלערס און אַרויסגענומען פון דאָרט שטיקער אייז, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד, און אַלע האָבען די געזויגען. קויפען עפּיס האָט מען נישט געקאָנט, ווייל אונזערע מאַרקיטאַנטען האָבען אונז נישט געקאָנט נאָכגעהן צוליב אונזערע שנעלע מאַרשען. די אָפיצירען האָבען זיך בעדאַרפט בענוצען דערמיט, וואָס זייער דינערשאַפט האָט בעקומען דורך גזלה און רויב. און דאָס איז אויך געווען זעלטען. און דעריבער האָבען זיך שוין אין די ערשטע טעג, ווי באַלד מען איז אַריבער דעם ניעמאַן, אָנגעהויבען ווייזען גרויסע אונאָרדנונגען. די פערד האָבען זעהר זעלטען בעקומען היי און האָבער, און אַז זיי האָבען יאָ אַמאָל בעקומען אַ ביסעל האָבער, האָבען זיי איהם ערשט נישט געקאָנט בייקומען, ווייל די צייהן זענען זיי טעמפּ געוואָרען צוליב'ן גראָז, מיט וועלכען זיי האָבען זיך שטענדיג גענעהרט.

אזא אַרט לעבען האָט נישט געקאָנט לאַנג פערבלייבען אָהן פאָלגען און מענשען און פערד האָבען גענומען ליידען פון שלשול. די מענשען זענען געוואָרען בלאַס, שלעפעריג און אויסגעמאַטערט, און די פערד האָבען זיך ווי-עס-איז געשלעפּט, אויסגעדאַרטע און אויסגעמאָגערטע.

צווישען ניעמאַן און דער ווייכסעל האָבען מיר עפטער געהאַט אַלאַרמירונגען, אָבער די רוסען האָבען מיר קיין איין מאָל נישט געזעהן. אַזוינע פאַלשע אַלאַרמירונגען געשעהן אָפט ביי דער לייכטער קאַוואַלעריע, וואָס געהט אין אַוואַנגאַרד. אַז מיר זענען געקומען קיין ווילנא, זענען מיר ווידער אַרויף אויפ'ן בּרייטען טראַקט, און דאָ האָבען מיר געהאַט דייטליכע סימנים, אַז גרויסע אַרמעען זענען דאָ דורכגעגאַנגען. אויפ'ן וועג האָבען מיר בעמערקט מאַנכע פערשטויבטע טרופּעס, וועלכע מיר האָבען אָנגענומען פאַר באַשקירען צוליב זייער אונבעקאַנטער קליידונג. אַ לענגערע צייט זענען מיר געגאַנגען איבער אַ זאַמדיגען וועג.

נאפאלעאן אין רוסלאנד.

צו אווענד האבען מיר פערשפרייט א לאגער אין א פייכטען גראז־זיגען טאל צווישען דעם גרויסען טראקט און דעם טייך ווילי. מיר האבען זיך אבער געפונען אזוי נאהנט פון ווילנא, אז מיר האבען דייטליך געהערט דעם גערויש פון דער שטאדט. מען האט אונז געזאגט, אז מיט א נאכט פריהער איז נאפאלעאן מיט זיין גווארדיע אריין אין דערדאזיגער שטאדט. מאנכע פער־ברענטע שפייכלערס האבען זיך נאך געראויכערט, אבער אונז איז פערבאטען געווען אריינצוגעהן אין ווילנא. די ארמעע האט שוין עפטער אזא גורל אויסצומיידען, נישט אריינצוגעהן אין גרויסע שטעדט. איך האב אבער פארט געוואלט זיין אין ווילנא, האב איך געפונען א תירוץ, אז איך בעדארף דארט בעקומען מעדיצי־נישע מאטעריאלען, און מען האט מיר נישט געשטערט. א סך מענשען האבען געליטען פון שלשול און די פאלק-אפטייק האט זיך נאך געפונען הינטער דעם ניעמאן.

אינדערפריה בין איך אריין אין שטאדט. קיין בעזונדערע סימנים פון מלחמה איז נישט געווען צו מערקען. בלויז עטליכע סאלדאטען האב איך בעגעגענט, און אין ראטהויז, וואו איך האב געמאכט מיין מעדיצינישע רעקוויזיציע פאר 48 גילדען, איז גע־ווען זעהר שטיל און בירגערליך-רוהיג. מיר האט זיך געדאכט אז די הערן מיטגלידער פון מאגיסטראט זענען גאנץ צופרידען, וואס מיר זענען געקומען, ווארום זיי האבען זיך בעצויגען צו אונז זעהר העפליך און ליב. קיין בעסערע בעציהונג האט גאר נישט געקאנט זיין.

אין ווילנע האב איך געזעהן, ווי נאפאלעאן איז מיט א קליינער סוויטע פארבייגעפאהרען א צובראכענע בריק און האט געמאכט א פעראָרדנונג, מען זאל די בריק פעררייכטען. מיין הונ־געריגער מאגען, וואס האט שוין לאנג נישט געוואוסט פון עפיס א רעכטען מאכל, איז זעהר שווער געווען איינצושטילען. נאך גרויסע הבטחות און פערמיטלונגען איז מיר סוף-כל-סוף געלונגען איינצובעטען זיך ביי א ייד, ער זאל מיך אריינלאזען צו זיך אין הויז, וואו איך האב בעקומען ברויט און ביר.

דעם 1-טען יולי האבען מיר זיך געריהרט ווייטער אין

וועג. פון דאָסניי האָט געדרענגט. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ שטאָדט און זיך אָבגעשטעלט נעבען אַן אָבגעברענטען שפּייכלער פון האָבער. דאָ האָבען מיר אָבגעוואַרט נאַפּאָלעאָנ׳ען, וואָס האָט אונז געוואָלט זעהן. מיר זענען אויסגענעצט געוואָרען פון רעגען. צולעצט, האָבען מיר אָנגעשטאָפּט פולע זעק מיט צובראָכענען האָבער — די איינציגע פעולה, וואָס מיר האָבען געהאַט פון דערדאָזיגער שטאָדט — און זענען אַוועק ווייטער. דאָ האָבען מיר זיך געטראָפען מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען. ער האָט זיך כמעט נישט אומגעקוקט אויף אונז. ער האָט אויסגעוויזען בייז און אויפגערעגט. דערזעהן דעם גענעראַל וואַטיע, דעם קאָמאַנדיר פון אונזער דעוויזיע, איז ער, אַ בייזער, פול גרימצאָרן, צוגעפאָהרען צו איהם. פון זייער שמועס האָבען מיר געהערט איינציגע ווערטער: „איך האָב אייך שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ טויגעניכטס. איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז איהר זענט אזוי אַן׳אויסוואורף און אַ פחדן!‟ אונזערע אָפיצירען האָבען געגאַפט און די סאָלדאַטען האָבען לאַנגע־דיג געשמועסט צווישען זיך: „נו, ער האָט איהם געגעבען פעפער צו שמעקען!‟ נאָך דערדאָזיגער געשעהעניש איז וואַטיע*) אַנטרונען געוואָרען פון אונז און באַלד דערויף האָט זיך בעווי־זען סעבאַסטיאַני**). מיר האָבען געהאָפט, אַז סעבאַסטיאַני וועט ווייזען גוואַלדיגע גבורות, אָבער מיר האָבען זיך געטאָרט.

פון דאַנען זענען מיר אַוועק אין דער ריכטונג פון דעם

---

*) וואַנטיע דע-סענט שלאַנס (געב. 1770, געשט. 1840), זיך באַטייליגט שוין אין אַלע מלחמות, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געפירט. אין די יאָהרען 1813—14 געווען אין האַמבורג קאָמאַנדיר פון דער פראַנצויזישער קאַוואַלעריע אונטער דער אָנפירונג פון מאַרשאַל ד א ב ו. אין דער שפּעטער פון דער רעסטאַווראַציע איז ער געווען גענעראַל-אינספּעקטאָר.

**) סעבאַסטיאַני (געב. 1775, געשט. 1851) זיך באַטייליגט אין אַלע מלחמות, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געפירט. געווען דערנאָך מאַרשאַל, מיניסטער און געזאַנדטער. דער מחבר פון דעמאָלדיגען בוך רופט זיך אָב וועגען איהם נישט זעהר גינסטיג, אָבער עס איז באַוואוסט, אַז ער איז געווען איינער פון די בעסטע קאַוואַלעריע-קאָמאַנדירען.

טייך דווינע, וואס ליגט אין מערב־זייט. מיר זענען ווידער ארויס פונ׳ם גרויסען טראקט, און אויפ׳ן צווייטען טאג האבען מיר זיך אנבעגעגענט מיט רוסיש מיליטער, על־פי־רוב קאזאקען אין א רויטער אוניפארם. עס איז פארגעקומען א קליינער צוזאמענשטויס אין די פאדערשטע ליניעס. דער רעזולטאט — וואונדען פון קוילען, פון שווערד און פיקעס. איין קאזאק האבען מיר גענומען געפאנגען, מען האט איהם באלד אוועקגעשיקט קיין ווילנא, וואו ער וועט אויסגעפארשט ווערען.

אויף מארגען איז אויך געגאנגען א רעגען און עס איז ווידער פארגעקומען א געפעכט צווישען דער קאוואלעריע פון ביידע צדדים, אבער שוין מעהר ערנסט. מיר האבען בעקומען א בעפעהל אוועקצעווארפען דעם געברענטען האבער, וואס מיר האבען געשלעפט מיט זיך, כדי מיר זאלען זיך קאנען פרייער און לייכטער בעוועגען. דער עולם האט זעהר נישט גערן געפאלגט דעמדאזיגען בעפעהל. אין דעמדאזיגען געפעכט זענען א סך געפלויגען פאראויס און צוריק. פערוואונדעטע האבען מיר היינט געהאט מעהר ווי נעכטען און איך מיט מיינע חברים האבען געהאט גענוג ארבייט.

אין דעמדאזיגען געפעכט איז אונז אויך בעשערט געווען צו בעקענען זיך נעהנטער מיט׳ן נאפאליטאנישען קעניג. ער האט זעהר א סך געארבייט, א סך געזארגט פאר די פערוואונדעטע און געטהאן פאר זיי, וואס ער האט נאר געקאנט. אינ׳ם רעכטען ברעג פון געפעכט איז ער געשטאנען אויף א בארג און בעקוקט אין א וועג־שפאקטיוו. פלוצלונג זענען פארבייגעפאהרען אונזערע יעגערס און עמיץ פון זיי האט געפאדערט א דאקטאר. אזוי ווי איך בין געשטאנען נעהנטער, ווי אנ׳אנדערער, בין איך גלייך צוגעלאפען און דערזעהן א פראנצויזישען אפיציר מיט א פערוואונדעטען האלז. דער קעניג האט זיך באלד פעראינטערעסירט, צי די וואונד איז א געפעהרליכע. אז מען האט דעם אפיציר ארונטערגעצויגען די קליידער, האט ער גענוי בעענטפערט אויף אלע פראגען, וואס דער קעניג האט איהם געשטעלט. אונטער דער חויט, אויף דער רעכטער זייט פון האלז, האב איך געפו-

גען אַ וואונד פון אַ שטאָך. פון דער וואונד איז געגאַנגען בלוט. די אַרטעריעס זענען אָבער נישט אָנגערירט געוואָרען. איך האָב געזאָגט, אַז די וואונד איז אַנ׳איינגעבאַכע, אַז די וויכטיגע אָרגאַנען זענען נישט אָנגערירט געוואָרען און אַז מען קאָן זי זעהר שנעל אויסהיילען ביי גינסטיגע בעדינגונגען. די וואונד האָט מען אַרומגעוואַשען און פערבינטעוועט, נאָכדעם האָבען מיר זיך אַנידערגעזעצט אויף די פערד—איך און דער פערוואונדעטער אָפיציר. איך ווייס נישט, וואוהין ער איז אַוועקגעפאָהרען, אָבער איך האָב מיך אומגעקעהרט אויף מיין אָרט.

מוראַט האָט געטראָגען אַזויגע קליידער, וואָס ווערען געוועהנליך צוגעשריבען דעם גענעראַל טילי. אויף דעם פראַנצויזישען גענעראַלישען מונדיר האָט ער געטראָגען אַ רויטען אָדער אַ גרינעם שפּאַנישען איבערציהער מיט זילבערנע פרענזן; אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ סך ווייסע פעדערן און אויף די פיס רויטע, גרינע אָדער געלבע אונגאַרישע שטיוועל.

אין דעמאָזיגען געפעכט זענען איבערגעגאַנגען צו אונז דעזערטירען—פּאָליאַקען פון די רוסישע אולאַנען. מען האָט ביי זיי צוגענומען די פערד, וואָס האָבען כהרף-עין בעקומען נייע בעלי-הבתים איבער זיך, און די אולאַנען האָט מען אַוועקגעשיקט צופוס קיין ווילנאַ, וואו זיי וועלען אויסגעפאָרשט ווערען.

נאַפּאָלעאָן, וואָס וועגען איהם האָט מען איצט געשמועסט, אַז ער איז בעשעפטיגט אין ווילנאַ מיט אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבייטען, פּאָליטיק און מיליטערישע ענינים, האָט געוואָלט בעווייזען די פּאָליאַקען וואָס פאַר אַ שטרענגע דיסציפּלין עס הערשט אין זיינע אַרמעען. אַזוי ווי די סאָלדאַטען האָבען אויף די רוה-פּונקטען נישט געהאַט קיין שום וואַרינגען און חאָס צו עסען איז איך נישט געווען, האָבען זיי, נאַטירליך, געמוזט גנב׳ענען און ראַבעווען. דאָס איז אָבער שטרענג פערוועהרט געוואָרען. דאָס האָט געשמעקט מיט טויטשטראָף. האָט מען טאַקי אָנגעהויבען דערשיסען סאָלדאַטען אין ווילנאַ און איהר אומגעגענד. אויפ׳ן דריטען, צי אויפ׳ן פערטען טאָג נאָכדעם, ווי מיר האָבען פערלאָזט דיזאָזיגע שטאָדט, האָבען מיר געטראָפען קיראַסירישע דע-

ווידיעס, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרען אין פיר-עקען. אינמיטען די פיר-עקען האָבען מיר געזעהן, ווי עטליכע סאָלדאַטען גראָבען די ערד. אַז מיר האָבען געפרעגט, וואָס טהוט מען עס דאָ, האָבען מיר בעקומען אַ׳נטפער, אַז דאָס קריגסגעריכט האָט פער׳משפט צו טויטשטראָף מאַנכע סאָלדאַטען. די פער׳משפט׳ע וועלען באַלד דערשאָסען ווערען, אָבער פריהער מוזען זיי זיך אַליין אויסגראָבען אַ קבר. אַ קאַלטער פחד האָט אונז אַרומגעכאַפּט. שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז אין ווילנאָ זענען אַ סך סאָלדאַטען דערשאָסען געוואָרען, אָבער מאַנכע איז דאָך געלונגען אַרויסצודרעהען זיך פון דער שרעקלישער טויט-קויל.

מיר זענען פאַרבייגעפאָהרען דאָס שטעדטעל סווענציאַני, און היינט, דעם 5-טען יולי בייטאָג האָבען מיר געפּאַשעט אונזערע פערד ביי דאַוגאַלישקי, נעבען ווידז, אויף אַ בערגעל, בעזייהט מיט גריקע. פאָראויס איז געלעגען אַ טיפער טאָל מיט אַ בריק און אויף יענער זייט איז געשטאַנען אַ וואַלד און דערביי האָט זיך געצויגען אַ גרויסער טראַקט. מיר האָבען געשפּירט, אַז דער פיינד איז נאָהנט. פּלוצלונג האָט מען אַ קאָמאַנדע געטהאָן: „אויף די פערד, מאַרש!” אין דעמדאָזיגען טאָג איז אונזער יעגערפּאָלק געגאַנגען אין אַוואַנגאַרד. איך מיט די דאָקטוירים זענען געפאָהרען פון דער לינקער זייט. פּלוצלונג זענען מיר בעגעגענט געוואָרען מיט אַ זאַלפּ פון זעקס לייכטע האַרמאַטען, וואָס זענען פערבאָרגען געוועזען אין וואַלד.

„פאָראויס, אין גאַלאָפּ!”—האָט זיך ווידער דערהערט אַ קאָמאַנדע. מען האָט גענומען טרומייטערן אין די טרומייטערס און מיר זענען האַסטיג אַדורכגעלאָפען די בריק איבער׳ן טאָל. אינגיכען זענען אַלע אַנטרונען געוואָרען פון מיינע אויגען. הינטער׳ן וואַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ׳ן ערנסטע שלאַכט. די פערוואונדעטע זענען געבליבען הינטערשטעליג, און זיי האָב איך גע[illegible] באַלד געבען הילף. די טויטע האָבען מיר איבערגעלאָזט, אָבער די פערוואונדעטע האָב איך געהייסען איבערטראָגען אונטער׳ן שאָטען פון די בוימער. מיר האָבען פערהאַלטען דעם בלוטשטורץ, פערבינטעוועט די וואונדען און האָבען געטהאָן אַלץ, וואָס מען

האָט גאָר בעדאַרפט טהאָן. אײניגע האָט מען אונז געבראַכט נײַע פערוואונדעטע מיט צובלוטיגטע קעפּ און גלידער פון שווער- דען, שפּיזען און קלײנע קױלען. צווישען די פערוואונדעטע זע- נען אויך געווען רוסען. מיר האָבען אַ סך און לאַנג געאַרבײט, און אַז איך בין פאַרטיג געוואָרען, האָב איך בעדאַרפט אַבוואַשען מײַן מילטערקיטל, וואָס איז פאַר דער צייט ערגען ווייט אַוועק- געוואָרען, ווי איך האָב לאַנג צוריקגעזוכט מײַנע לייט, האָב איך זיי, צוזאַמען, געפונען אין דער פאָלשטענדיגער קאָמפּאַסאָרדנונג. בײדע געגנער האָבען צוטײלט געוואָרען דורך אַ קלײן טײכעל (די- נע), און דאָס שפּעטער האָט זיך, ווײזט-אויס, געענדיגט. איך האָב איבערגעגעבען אַ בעריכט דעם פעלדוועבעל וועגען דעם אַלעם, וואָס איז פּאַסירט אין רוקען פון דער אַרמעע, וויפיל איך האָב אָנגעטראָפען טויטע און פערוואונדעטע, און וואָס איך האָב בכלל געטהאָן. ער האָט מיר באַלד אָנגעוויזען אַן אָרט, וואו עס האָבען זיך נאָך געפונען אַ סך פערוואונדעטע. אַז איך בין געקומען אויף דעמאָזיגען אָרט, איז זיי שוין די ערשטע הילף געגעבען געוואָרען. דאָ האָב איך געפונען מײַן פרײנד ווײס, וואָס האָט זיך בײַ מיר געקלאָגט, אַז די קויל, וואָס זיצט איהם אין די לענדען, ברענט איהם, ווי פײַער. איך האָב אָבגעזוכט די קויל, און נאָכ- דעם, ווי איך האָב געמאַכט אַ טיפען שניט, האָב איך זי אַרויס- גענומען און איהם די איבערגעגעבען.

אין דעראָזיגער שלאַכט האָבען מיר פערלאָרען אונזער פּאָדפּאָלקאָווניק, דעם פּרינץ הײנריך האָהענלאָהע-קירכבערג. קײ- נער האָט נישט געוואוסט, צי ער איז געפאַלען אין שלאַכטפעלד, צי ער איז געפאַנגען. אַז איך בין אין אָווענד אַ צווייט מאָל געקומען אין פּאָלק, האָט מיר דער פּאָלקאָווניק אָנגעוויזען אַ בעשטימטען פּונקט אין פעלד און געבעטען, איך זאָל אַבזוכען דעם פּרינץ: אפשר ליגט ער דאָרטען און געהט-אָב מיט בלוט אָדער ער איז שוין טויט. איך בין אַוועקגעפאָהרען צו דעמאָזי- גען אָרט. אָבער מײַן זוכען האָט קײן ,שום ערפאָלג נישט גע- האַט. איך האָב נישט געפונען—נישט קײן טויטע, נישט קײן

פערוואונדעטע, ווי איך האָב דאָ בכלל נישט געפונען קיין שום שפורען פון אַ שלאַכט.

מיין דענשטשיק, וואָס האָט פון סאַמע דורכאַ' אָן נישט געזעהן קיין פערוואונדעטע און טויטע, איז שטאַרק געפעלען געוועזן דאָס מיליטערלעבען, אָבער איצט, אַז מיר זענען אַדורכ־געגאַנגען ווילנאָ, האָט ער אינגאַנצען פערלאָרען זיין ענערגיע און מוט. צוליב דער גרויסער נויט, וואָס האָט אונז אַלעמען שווער געדריקט, זענען אַלע אומעטיג געווען. די פנים'ער האָבען אויפגעלייכט נאָר אין דעם פאַל, ווען מען האָט ערגעץ געפאַקט פראָוויזיע אויף עטליכע טעג. אָבער אויך דאָס האָט שוין נישט געווירקט אויף מיין דענשטשיק. בשעת צוויי האַרמאַטענקוילען האָבען, אין דעם ערשטען געפעכט, אַ פייף געטהאָן נעבען אונז זעהר נאָהנט און איינע האָט זיך איינגעגראָבען אין דער ערד נישט ווייט פון זיין · פערד, איז ער אַנידערגעפאַלען צוזאַמען מיט'ן פערד אַזוי, אַז אין דעם ערשטען אויגענבליק האָב איך אפילו אַ טראַכט געטהאָן, אַז זיי זענען שוין ביידע קאַפוט. אָבער ער האָט אויסגעשריען: „ראַטעווע מיך, גאָט!" און האָט זיך הענדום־פענדום געלאָזט לויפען פון פעלד. מיט גרויס מיה און מאַטערניש איז געלונגען אַנידערצוזעצען איהם צוריק אויפ'ן פערד, ווארום דער יונג האָט זיך געצאַפּעלט און געוואָרפען פון פחד. ער איז באַלד אַריינגעפאַלען אין אַ האַרמאַטען־פיבער, די קראַנ־קהייט איז געגאַנגען מיט שטאַרקע טריט פאָראויס. איצט איז דאָס געווען נישט קיין מענש, נאָר אַ שטיק מרה־שחורה און איך האָב מיך גאָרנישט געקאָנט בענוצען מיט איהם. אַז איך האָב איהם אָבער שפּעטער, ביי אינקאָוו, אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז איך שיק איהם אַוועק מיט צוויי פערד קיין לעפּעל אין דע־פאָ, האָט ער באַלד געגעבען ווייזען סימנים פון געזונד ווערען.

נאָך דערדאָזיגער פּאַסירונג האָב איך מיר צוגענומען איינס פון יענע פינפאונצוואַנציג פערד, וואָס אונזער פּאָלק האָט פער־כאַפּט אין געפעכט. וועגען דעמדאָזיגען גוטמוטיגען בעשעפעניש וועל איך נאָך האָבען צו דערצעהלען ווייטער.

דעם 6־טען יולי האָבען מיר פערבראַכט אויף יענעם זייט

וואוהין מיר זענען זיגרייך געקומען מיט אַ טאָג פריהער. פון דעם שונא׳ס לאַגער האָט מען אונז מיטגעטיילט, אַז אונזער פרינץ האָהענלאָע איז געטויטעט געוואָרען און געפאַנגענשאַפט און איז איך פערזאונדעט. ער האָט איינענהענדיג אָנגעשריבען עטליכע שורות און געבעטען, מען זאָל איהם אַרויסשיקען וועש און געלד. ביידע זאַכען זענען באַלד צונויפגעזאַמעלט געוואָרען און צוזאַמען מיט זיין דענשטשיק אַוועקגעשיקט געוואָרען צו דעם רוסישען אַוואַנפאָסט. פון מיין הוים אָן ביז דעמאָלט זיגען געפעלט בין איך על-פי-רוב געפאָהרען אין דער געזעלשאַפט פון דעם פרינץ האָהענלאָע. די גוטע פריינדשאַפט צווישען אונז ביידען האָט אונז ווידעראַמאָל צונויפגעפיהרט שוין אין פעטערבורג, אין עלף יאָהר אַרום, און דעמאָלט האָב איך מיך דערוואוסט, אַז ער האָט אַלץ ריכטיג בעקומען: זיין דענשטשיק, זיין פערד, וועש און געלד.

בעגינען, דעם 7-טען יולי, האָבען מיר זיך גערידהרט אין וועג אַריין. די בריק, וואָס איז אויף דער-גיין אַריבערגעוואָרפען געוואָרען איבער דעם טייך דיסנע, האָט אונז באַלד אַריבערגעטראָגען אויפ׳ן צווייטען ברעג. מיר האָבען אויך באַלד דערזעהן די רוסישע קאַוואַלעריע. זי איז אָפּגעטראָטען אין גרויס אָרדנונג און דערביי האָט עס אויסגעזעהן, אַז אויב מיר וועלען זי אָנגרייפען, וועט זי אונז שטעלען אַ ווידערשטאַנד. מיר זענען איהר נאָכגעגאַנגען אויף אַ נאָהענטען שטח.

אין אָוונעד האָבען מיר זיך אַ רוק געטאָהן לינקס. עטליכע טעג צייט זענען מיר געגאַנגען פאָראויס מיט גרויסע שוועריגקייטען און מיט לעדיגע מאָגענס. אַזוי האָבען מיר אַרומגעבלאָנקעט אויף דעם לינקען ברעג פון דער דיסנע. דעם 14-טען יולי האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין דערפעל, ביי אַ וואַלד. די פוילישע גוסאַרען זענען געשטאַנען פאָראויס, אָבער מיט אונז זענען געשטאַנען די פרייסישע אולאַנען און פראַנצויזישע יעגערס און גוסאַרען. מען האָט אונז געזאָגט, אַז דאָס שטעדטעלע דרויע ליגט נישט וויים פון אונז — ביי אַ שעה גאַנג, און מיר האָבען געהערט, אַז דער שונא געפינט זיך הינטער

דער דוויגע, אָבער אויף מאָרגען, דעם 15-טען, האָט ער אונז אַזוי פריה און אַזוי האַסטיג אויפגעהויבען פון די ערטער, אַז מיר האָבען קיין צייט נישט געהאַט אויסצורייבען זיך די אויגען. די רוסישע קאַוואַלעריע האָט זיך געוואָרפען אויף דעם צעהנטען פוילישען און אויף דעם פראַנצויזיש-גוסאַרישען פּאָלק, וואָס זענען געשטאַנען אין דער פאָדערשטער ליניע. דאָס איז געשעהן אַזוי פלוצלונג און אונגעריכט, אַז זיי האָבען געקומען אין געפאַנגענ-שאַפט איבער אַנ'עסקאַדראָן סאָלדאַטען. אָבער אַז מיר האָבען זיך געכאַפּט און געוואָלט עפּיס טהאָן, זענען שוין די רוסען געווען אויף יענער זייט טייך.

נאָכדעם, צוריקוועגס, האָב איך געקאָנט בעמערקען, אַז גענעראַל סעבאַסטיאַני האָט זעהר א גלאַט צינגעלע. און טאַקי מיט דער הילף פון דעמדאָזיגען צינגעלע האָט ער געפּרובט פערגלעטען זיין היבשען פערלוסט אין מענשען. די צונג און די הענד האָבען נאָכאַנאַנד געאַרבייט, צו פערענטפערן ווי-עס-איז די מפּלה, וואָס ער האָט געהאַט. דידאָזיגע פערענטפערונגס-דרשה זיינע איז איבערהויפּט געהאַלטען געוואָרען פאַר דעם פרייסישען מאַיאָר פאָן-ווערטער, פאַר דעם פוילישען פּאָלקאָווניק אומינסקי און פאַר'ן ווירטעמבערגער פּאָלקאָווניק גראַף טרובזעס-פאָן-וואַלד-בורג וואורצאַך. דאָס זענען אַלץ געוועזענע קאָמאַנדירען פון זיין דעוויזיע*).

דעם 18-טען אין אָוועַנד, אין דריי טעג אַרום, האָבען מיר זיך ביי דעם טייך דריסע דערנעהנט צו דעם רוסישען לאַ-גער און זיינע אָקאָפּעס. צו די אונגעוועהנליך הויכע אָקאָפּעס, וואָס זענען געווען פערזעהן מיט אַ סך פעסטונגסהאַרמאַטען, האָ-

---

*) פון די אויבענדערמאָנטע אָפיצירען איז בעזונדערס ווערט צו דערמאָנען דעם פּאָלקאָווניק אומינסקי (געב. 1780, געשט. 1851); נאָך דער רוסישער קאַמ-פּאַניע איז ער אין יאָהר 1815 געוואָרען א בריגאַדע-גענעראַל; שפּעטער איז ער אַלס פּאָליטישער פערברעכער געזעסען אין דער גלאָגויער פעסטונג; אין יאָהר 1831 האָט ער זיך בעטייליגט אין דעם פוילישען אויפשטאַנד און איז גע-שטאָרבען אין חוץ-לאַנד.

בלײַבן מיר זיך שנעל פּעלוגט, און בײַ דעם גרעסטן טייל פֿון די אונזעריגע האָט מסתמא געמײנט גוט קלאַפּן דאָס האַרץ. וואָס נעענטער מיר זענען צוגעגאַנגען, אַלץ שטילער זענען אַלע געוואָרן. מען האָט נישט געהערט דאָס קלאַפּן פֿון געווער און דער עולם האָט אויפֿגעהערט צו הוסטן. די פֿערד האָבן אויך נישט געהירזשעט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פֿערד קאָנען אויך גײן אויף די שפּיץ פֿינגער. אַ ליאַדע מינוט האָט מען אונז געקאָנט באַגעגענען מיט אַ קנאַלן פֿון די אַקאָפּעס און די פֿעסטונגסהאַרמאַטען, אָבער מיר האָבן זיך שטיל באַוועגט אַז די, פּלוצלונג האָט זיך צעוויהט דער נעבעל, וואָס האָט אונז פֿאַרשטעלט די אויגן. און דער שטילקייט איז אַרײַנגעקאָסטן גע-הערן אַ שפּעטשערײַ און באַלד דעם אַ שטאַרקער געלעכטער. הינ-טער די הויכע אַקאָפּעס איז קײן אײן האַרמאַט און קײן אײן סאָלדאַט נישט געווען. אין דער-הויך האָט אַרויסגעבלאָנקעט עפּיס אַ פֿײַערל, וואָס מיר האָבן אָנגענומען פֿאַר אַ סאָלדאַט, און אונזערע פּאַטרולען, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿאַר-אויס, האָבן אונז באַלד געבראַכט די ידיעה, אַז די רוסן האָ-בן באַגינען פֿאַרלאָזט זייער לאַגער צוזאַמען מיט די אַקאָפּעס. אין דיזאָויגע טעג זענען מיר אַזויפֿיל געגאַנגען, אַז מיר האָבן זיך פּשוט אַרויסגעשלאָגן פֿון די כחות, און איך קאָן מיך בשום-אופֿן נישט דערמאָנען די ערטער, וואו מיר זענען שפּעטער געשטאַנען. נאָכדעם, ווי אונז איז קלאָר געוואָרן, אַז די רוסן זענען אַוועק פֿון אונזער דריטע און נאָכדעם, ווי מיר האָבן געהאַט גרויסע פֿאַרלוסטן אין מענטשן און אין פֿערד צוליב'ן דוחק אין לעבנסמיטלען און צוליב די לאַנגע שווערע נסיעות אויף אַנ'אָרטיגעל, זענען מיר דעם 22-טען אין אָווענד צוגע-גאַנגען צו דעם שטעדטעל דיסנע. הינטער דעמדאָזיגן שטע-טעל האָבן מיר פֿאַרלעגט אַ לאַגער אויף געדילטען גרינעם גראָז. צוזאַמען מיט מײַנע געהילפֿען האָב איך מיר אויסגעקליבן אַ שיינע וואַלד-לאָנקע און האָב אָנגעשניטן גראָז פֿאַר די פֿערד. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און צו אונז זענען אַרויס-געשפּרונגען צוויי שוואַרצע גרויסע באַראַנעס; זיי האָבן זיך גע-

ראַטעוועט פון דער פּעכאָטע, וואָס האָט צוטריבען אַ גאַנצע טשע-רעדע. „מיט וואָס קאָנען מיר אייך העלפען, בידנע בעשעפעני-שען? מיר זענען אויך טויט-הונגעריג, און איהר זענט געקומען אַקוראַט צו דער צייט". — האָט איינער אַ דאָקטאָר געזאָגט און האָט זיי באַלד געפּאַקט. אין דער אייגענער רגע האָט מען פער-לעגט אַ פייער, געשאָלטען די באַראַנעס, אויפגעקאָכט זיי און זיך גענומען צו דער אכילה.

אַ רעגענדל איז געפאַלען, אָבער מיר האָבען רוהיג גע-שלאָפען עטליכע שעה צייט, ווייל מיר זענען געווען זאַט און האָבען נאָך געהאַט פּראָוויאַנט אויף עטליכע טעג — די בעסטע שטיקער פלייש האָבען מיר מיטגענומען מיט זיך. די קעפּ, די פעל און דיביינער האָבען מיר איבערגעלאָזט די איינוואוינער, וועלכע קלויבען שטענדיג אויף דאָס אַלץ, וואָס בלייבט-איבער פון די סאָלדאַטען.

ביי אַ שלאַקסרעגען זענען מיר אויף מאָרגען צוגעגאַנגען צו דעם טייך דווינע. דעמדאָזיגען טייך האָבען מיר בעדאַרפט אַריבערגעהן לויט'ן בעפעהל, וואָס מיר האָבען בעקומען. קיין בריק איז נישט געווען. שוין עטליכע טעג ווי מיר זענען געווען אויסגעווייקט פון רעגען, און מאַכען זיך איצט פון דאָסניי אַ קאַלטע וואַנע האָט אונז גאָרנישט געשמעקט, בפרט נאָך, או מיר האָבען זיך אַלע געפונען אין אַ קרענקליכען צושטאַנד. די דווינע האָט דאָ געהאַלטען אַ טריט 80—90 די ברייט. דאָס וואַ-סער האָט זיך מיט געריוש געטראָגען איבער גרויסע שטיינער. איך בין געגאַנגען הינטער דעם ערשטען עסקאַדראָן, וואָס האָט זיך אַראָבגעלאָזט צום ברעג. אָבער איך האָב מיך דאָ נוהג-געווען אויך אַזוי, ווי איך בין מיך אַלעמאָל נוהג, דאָס הייסט, איך האָב געבעטען צוויי אונטעראָפיצירען, גוטע רייטער, זיי זאָלען מיך אַריינבעהמען אינמיטען. זיי האָבען גערן אָנגענומען מיין בקשה, און אָט האָבען מיר זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער און — מאַרש אויף יענער זייט! מיר זענען דורכגעשוואומען שנעל און לייכט דעם טייך און האָבען באַלד דערגרייכט דעם צווייטען ברעג. דערפאַר אָבער זענען מיר און די פערד אויסגענעצט געוואָרען

פון די פיס ביז די סאַמע לענדען. קיינער פון אונז איז נישט דערטרונקען געוואָרען. אין די אַנדערע פאָלקען אָבער איז די זאַך נישט אַדורכגעגאַנגען אָהן פערלוסטען.

אויפ'ן צווייטען ברעג האָבען מיר תיכף פערלעגט אַ פייער, זיך אָנצעוואַרימען, ווייל דער רעגען, וואָס איז כסדר געפאַלען, האָט אונז נישט געלאָזט אויסטריקענען די זאַכען אויף זיך. דאָ, אויפ'ן צווייטען ברעג האָבען מיר זעהר וואַרים בעגריסט אייבאַדער און האָבען געמיטליך אָנגעשטאָפּט די לולקעס צום רויכערן. אויב עמיץ האָט פערמעגט אַ ביסעל שנאַפּס, האָט ער מכבד־געוועזן דעם צווייטען.

בעזונדערס האָבען מיר געהאַט גרויס מיטלייד מיט צחיי דאַמען פון פאָלק, וואָס האָבען גערייטען אויף קליינינטשקע פערד און דעריבער זיך מעהר איינגענעצט, איידער מיר. איצט האָבען זיי בשום־אופן נישט געקאָנט זיך אָבטריקענען. איך רוף זיי דאַמען, ווייל זיי האָבען נישט געהערט צו דער געוועהנליכער צאָהל פון די זעלנערישע ווייבער. זייערע מאַנען זענען געוועזן וואַכמיסטערס. איינע פון זיי, מאַדאַם ווערט, האָט זיך ביי אַלע אומשטענדען און סיטואַציעס געהאַלטען אַזוי קלוג און גוט, אַז זי האָט אויסגענומען ביי אַלע אָפיצירען און סאָלדאַטען. די צווייטע בעדאַכטע מאַדאַם וואַלער האָט אונז אַלעמען גרויס נוצען געבראַכט מיט איהר קאָנען די פוילישע שפּראַך, איבערהויפּט דעמאָלט, ווען מיר זענען אַריינגעדרונגען טיפער אין רוסלאַנד.

נאָכדעם, ווי אונזער גאַנצע דיוויזיע איז אַזוי־אַרום איבערגעגאַנגען דעם טייך, האָבען מיר זיך אַוועקגעלאָזט העכער מיט'ן שטראָם און אין אָוונד האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט ביי אַ הויף, וואָס זיין אייגענטימער איז נישט אַנטלאָפען. דערדאָזיגער מאַן האָט ברייט און פריינדליך געטיילט מיט אונז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. יעדער פאָלק האָט בעקומען גענוג בראַנפען און אַנדערע גוטע זאַכען. כדאי צו בעמערקן, אַז איך און אַ פאָלקאָווניק האָבען דאָ, אויף דער רוסישער ערד, צום ערשטען מאָל פערבראַכט די נאַכט נישט אונטער'ן פרייען הימעל, נאָר אין אַ שטאַל.

מיר זענען געגאַנגען איבער אַ גרויסן ברייטן טראַקט בײַ דעם רעכטן דווינע-ברעג און דעם 24-טען יולי זענען מיר אַרײַן אין פּאָלאָצק. מיר זענען געווען די ערשטע רייהען פון שלנאַ, וועלכע האָבען דערשראָקען די אײַנוואוינער פון דערדאָ-זיגער שטאָדט, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ היבשע ראָל אין אונזער לעבען. אויסער יודען האָבען מיר דאָ כמעט קיינעם נישט בעזעהן.

בײַם טראַקט, וואָס פיהרט קיין פּעטערבורג, צווישען גרויס-אַרטיגע פערזייהטע פעלדער, האָבען מיר פערשפּרייט אונזער לאַ-גער. גענעראַל מאַנבערען, דער שעף פון דער צווייטער קאַוואַלע-רישער דיוויזיע, האָט אײַנגעקוואַרטירט זיין וואָהנונג אין אַ גוט קעגען אונזער פראָנט און האָט זיך פערבראַכט די צייט אויפ'ן באַלקאָן אין אַ געזעלשאַפט פון מענער און דאַמען. דער טאָג איז געווען אַ שענער, דער אָווענד האָט ווייך בערוהיגט די געמיטער. איך בין אַוועק אין שטאָדט נאָך מעדיצינישע אַרטיקלען, ווייל די ווילנער זאַפּאַסען זענען שוין בײַ מיר כמעט ווי אויסגעגאַנגען, אָבער דער שלשול איב'ם מיליטער האָט אַלץ געשטייגט. דער אַפּטייקער, אַ דייטש, האָט זיך זעהר געטשאָרעט; אָבער איך האָב איהם נישט געשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען, ווי מיינע חברים, וואָס זענען געקומען נאָך מיר. איך בין געווען זעהר צופרידען, ווען איך האָב געקאָנט בעקומען פון אַלץ, וואָס איך האָב בע-דאַרפט און אין אַזאַ צאָהל, אַז איך זאָל עס קאָנען פיהרען בע-קוועם אויף מיין פערד. דער אַפּטייקער האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם רוסישען קייזער און דער רוסישער אַרמעע, וואָס האָט נעכטען פערלאָזט די שטאָדט. ער האָט מיר אויך דערצעהלט וועגען די געפאַנגענע, וואָס האָבען דאָ פערבראַכט. בײַ איהם האָב איך בעקומען גענויע ידיעות וועגען דעם פרינץ האָהענלאָאַ, וואָס האָט געהאַט זעקס וואונדען פון פּיקעס און שווערדען. אין אַ'אַנשטענדיגער יודישער אכסניא האָב איך פאַר געלד בעקומען אָוועגדברויט און גוטען ביר. נאָכדעם האָב איך מיך אומגעקעהרט אין אונזער גרינעם לאַגער.

אין דערדאָזיגער נאַכט האָט זיך פעראייניגט צו אונז די

לייכטע קאַוואַלעריע פון מאַרשאַל נעי. די דאָזיגע לייכטע קאַוואַלעריע איז, אַפּנים, געצוואונגען געווען דורכ'ן הונגער אַריינצודרינגען אין דער שטאָדט. דאָרט האָט זי גערויבט און געראַבעוועט אויף רעכטס און אויף לינקס, און אינדערפריה, אַז די סאָלדאַטען זענען געקומען אין לאַגער, האָבען זיי געשלעפּט מיט זיך פערשידענע אומנוציגע זאַכען.

דעם 25-טען יולי זענען מיר אַרויס פון פּאָלאָצק. מיר זענען געגאַנגען איבער אַ גוטען טראַקט, ביי דעם רעכטען ברעג פון דער דווינע, אין דער ריכטונג פון וויטעבסק. נעיס לייכטע קאַוואַלעריע, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס, איז שוין צו האַלבען טאָג אַריינגעטראָטען אין אַ געפעכט מיט'ן רוסישען אַריערגאַרד. אַז מיר זענען געקומען צום אָרט פון געפעכט, זענען שוין אונזערע טויטע בעגראָבען געוואָרען. מען האָט געשמועסט, אַז דער קאָמאַנדיר פון רוסישען מיליטער, וואָס שטעהט געגען אונז, איז גענעראַל דאָכטוראָוו. נאָכער האָבען מיר בעאָרדערט טרייבען די פערד מיט אַלע כוחות און טיילמאָל פלעגען מיר שטעהן אויף איין אָרט שעה'ענווייז.

דער מאָרגענדיגער טאָג איז אַריבער רוהיג. היגטער אַ וואַלד, רעכטס פון טראַקט, אויף אַ ברייטען פּלאַץ, פּערוואָרימען מיט מאַהאָלדער האָבען מיר פערבראַכט אַ לאַגער איבערצושלאָפען די נאַכט. פּלוצלונג האָבען זיך פערבי אונז פערביינעטראָגען פיר פּאָלקען פון דער לייכטער בייערישער קאַוואַלעריע. זיי האָבען זיך געטראָגען אין דער ריכטונג צום וואַלד. פון זיי האָט זיך געגאָסען וואַסער, ווייל זיי זענען, אַזוי ווי מיר, אַריבער די דווינע נישט ווייט פון דעם אָרט, וואו מיר האָבען זיך געפונען. די לעצטע פון זיי האָבען נאָך גאָר אַפילו נישט דערגרייכט דעם וואַלד, ווי די ערשטע זענען שוין אַריינגעטראָטען אין אַ האַנדגעפעכט מיט די רוסען. באַלד ווי מיר האָבען גאָר דערהערט די שיסעריי, איז אונז שוין איינגעפאַלען, אַז מיר וועלען זיך די נאַכט נישט אויסרוהען, נישט שלאָפען, און אַזוי איז טאַקי געווען. פּלוצלונג איז אָנגעפלויגען אַ פערסאָפּעטער פראַנצויזישער אַדיוטאַנט. דאָס איז געווען אַ קליינטשיק מענטשעלע, וואָס איז געזעסען אויף אַ גרויסען

פערד, דאָס פערד איז שטאַרק געשפּרונגען און דער רייטער איז קוים געזעסן אויפ׳ן זאָטעל. וואָלט דער זאָטעל נישט געהאַט קיין גוטען געזעס, וואָלט דער רייטער זיכער אַרויסגעפאַלען און פערגראָבען געוואָרען אין זאַמד; דעם רייטערס האָר זענען גע־וואָרען צושויבערט, דעם הוט האָט ער שוין לאַנג פערלאָרען. פון פחד האָט ער קוים אָבגעכאַפּט דעם אָטעם. מיט גרויס שוועריג־קייט האָט ער איינגעהאַלטען דאָס פערד און געשריען: „אויף די פערד, אויף די פערד! די רוסישע קאַוואַלעריע, אַ סך קאַוואַ־לעריע, אַ געוואַלטיגע מאַסע!” מיר זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די פערד און זיך באַלד אַוועקגעטראָגען אין דעם אייגענעם וואַלד אַריין. געקומען אויפ׳ן אָרט, האָבען מיר געטראָפען בלויז ביי־ערן: די רוסען זענען אָבגעטראָטען צו וויטעבסק און האָבען זיך שוין דערווייטערט. האָבען מיר זיך אומגעקעהרט צוריק אין אונזער מאַהאָלדער־לאַגער און סיי די מענשען, סיי די פערד האָבען נישט געהאַט וואָס אין מויל צו נעהמען.

דעם 27־טען אינדערפריה האָבען מיר זיך אויפגעהויבען בע־גינען פון די ערשטער און זענען אַוועק ווייטער מיט׳ן טראַקט. דאָ האָבען מיר געפונען טויטע ביירען און רוסען, וואָס האָבען זיך בעוואַלגערט אין די קאַנאַוועס ביים גרויסען טראַקט.

שוין איך אָהענד האָבען מיר געהערט אַ שיסעריי אויפ׳ן לינקען ברעג פון דער דווינע. הייסט, אַז מיר האָבען זיך מעהר דערנעהנטערט, האָט זי זיך שטאַרקער געהערט. אָבער אַז מיר זענען אַרויס פון וואַלד און אַרויפגעטראָטען אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, האָט אונז איבערראַשט דאָס אונגעוועהנליך מאַלערישע בילד פון דער שטאָדט וויטעבסק מיט איהרע בנינים, קלויסטערס און מאַגאַזינען, איינגעהילט אין וואָלקענסרויך. מיר האָבען שוין לאַנג געהערט דעם נאָמען פון דערדאָזיגער שטאָדט. וואָס מעהר מיר האָבען זיך דערנעהנט צו איהר, אַלץ שטאַרקער איז געוואָ־רען דאָס דונערן פון האַרמאַטען. צולעצט האָבען מיר אָנגעהויבען אונטערצושיידען, ווען די פייערלען, רויך און דונערן קומען פון דער רוסישער און ווען פון דער פראַנצויזישער זייט. מיר זענען געווען זיכער אין אונזער נצחון, ווייל אונז האָט אויסגעזיזען.

זיך אַלץ מעהר און מעהר צו דער שטאָדט. פאַרוואָס מיר, 4000 מאַן קאַוואַלעריע, האָבען זיך נישט בעטייליגט אין דער שלאַכט, איז ערשט קלאָר געוואָרען אויף מאָרגען.

מען האָט אונז כסדר איבערגערוקט דאָ לינקס, דאָ רעכטס, מען האָט אונז פונאַנדערגעשטעלט אין פערשידענע ערטער און פונקטען, און דערווייל האָט זיך אַראָבגעלאָזט דער אָוועגד. די בלוטיגע שלאַכט, וואָס האָט זיך אָבגעשפּילט פאַר אונזערע אויגען, איז אויך פערענדיגט געוואָרען. אין צפון פון דער שטאָדט האָבען מיר פערלעגט אונזער לאַגער; באַרג און טייך האָבען אונז פערשטעלט פון די רוסען, וואָס האָבען אונז שוין מעהר נישט געקאָנט בעאונרוהיגען.

אויף מאָרגען בעגינען, דעם 28-טען יולי, איז געווען אַ שען וועטער. אויף יענער זייט איז געווען שטיל, אָבער נישט-געקוקט דערויף, איז ביי אונז שטאַרק אַלאַרמירט געוואָרען. אַרום שטאָדט האָבען זיך געהויבען זיילען רויך, און די אויפגעהענדיגע זון האָט זיי הערליך בעלויכטען. ערשט איצט האָבען מיר זיך דערוואוסט, פאַרוואָס אונז איז נישט בעשערט געווען אָנטיילצונעהמען אין דער נעכטיגער שלאַכט. די רוסען, וואָס זענען דורך אונז פערפאָלגט געוואָרען פון פּאָלאָצק, האָבען נעבען וויטעבסק פערברענט הינטער זיך די בריק, און אַזויאַרום האָבען מיר זיי ווייטער נישט געקאָנט פערפאָלגען. מען האָט געשמועסט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט אונז נעכטען צוגעשיקט דריי אַדיוטאַנטען מיט אַ ספּעציעלען בעפעהל איבערצוגעהן דעם טייך העכער פון דער שטאָדט און אַריינגעהן די רוסען אין רוקען, אָבער אַלע דריי אַדיוטאַנטען זענען דערטרונקען געוואָרען. מען האָט אויך געשמועסט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט מנצח-געווען און איז אַריין אין שטאָדט.

אין וויטעבסק זענען שנעל געמאַכט געוואָרען די נויטיגע הכנות, מיר זאָלען קאָנען איבערגעהן דעם טייך, און מיר האָבען בעקומען אַ בעפעהל זיך אויסצוהויבען פון די ערטער. ביי אַ שעה צייט זענען מיר געגאַנגען מיט׳ן רעכטען ברעג פון טייך, איבער פעלדער און וועלדער, אָנגעטראָפען אויפ׳ן וועג עפּיס אַ גוט, צו-

ראַבירט דאָרט די גאַנצע מילך-פּראָדוקטען און אַזויאַרום געקומען צום ברעג פון דער דווינע.

ביים איבערגעהן דעם טייך זענען מיר ווידערמאָל געווען פון די ערשטע. אַ האלבער פּאָלק איז שוין געשטאַנען אין וואַסער איבער די זאָטלען. ווי אַלעמאָל, האָב איך מיך אויך דאָסמאָל געהאַלטען זעהר פּאָרזיכטיג. אונטער די פיס האָבען מיר אָבער געהאַט אַ זאַמדיגען גרונד, און דעריבער האָט מען נישט בעדאַרפט שווימען. אין טייך זענען געשטאַנען פוירים. זיי זענען געשטאַנען ביז איבער די בערד אין וואַסער; בלויז די הענד און די ווייסהאָהריגע קעפּ האָבען זיך אַרויסגעזעהן. דורך צייכענס האָבען זיי אונז געוויזען, וואָס פאַר אַ ריכטונג מיר זאָלען זיך האַלטען. שרייען האָבען זיי נישט געקאָנט, ווייל זיי וואָלטען אָנגענומען וואַסער אין מויל. אַזוי זענען מיר בשלום אַריבער דעם טייך.

מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ פעלד, בעדעקט מיט קוסטעס און אַזויאַרום געקומען צו יענעם אָרט, וואו עס איז פריהער געווען אַ שלאַכט, נישט ווייט פונ׳ם ברייטען טראַקט.

וויטעבסק האָט אויסגעזעהן זעהר שען און מיר האָבען געהאַפט דאָ צו קריגען אין מויל אַריין. אָבער דאָס שלאַכטפעלד מיט די פערוואונדעטע, וואָס האָבען געבעטען הילף און די הירזשענדיגע פערד און די מענגעס טויטע האָט מיך אַריינגעוואָרפען אין מרה-שחורה און אַנגסט. די שנעלע מאַרשען אונזערע האָבען מיך אָבער אינגיכען אַוועקגעטראָגען פון דידאָזיגע שרעקבילדער. עטליכע פערוואונדעטע רוסען, מיט נישט-פערבינטעוועטע וואונדען, זענען געזעסען אונטער די בוימער ביים גרויסען טראַקט. האָב איך געמוזט אַראָבקריכען פון פערד און געבען זיי מעדיצינישע הילף, אויב דער בינט קאָן אָנגערופען ווערען הילף.

אָבגעשטעלט האָבען מיר זיך סאַמע נעבען שטאָדט, דאָרט, וואו די רוסען זענען פריהער געשטאַנען; דאָ האָבען מיר גענומען טריקענען אונזערע קליידער: דרויסען איז געווען אַ שען וועטער. איך בין אַוועקגעפאָהרען אין שטאָדט נאָך מעדיצינישע אַרטיקלען. אָבער דאָס האָט מיר אויך אַזוי וועניג געלונגען, ווי

עס איז מיר געלונגען צו קריגען עפּיס אין מויל אַריין. אויסער אַ שטיקעלע אייז, מיט וועלכען איך האָב איינגעשטילט מיין פיינ-ליכען דורשט, האָב איך גאָרנישט געפונען אין דערדאָזיגער פיל-צוזאַגענדיגער שטאָדט.

די פּאָלקען, צו וועלכע איך האָב אויך אָנגעהערט, זענען דערווייל אַדורכגעגאַנגען דורך דער שטאָדט. אין מזרח ביי ווי-טעבסק, אויפ'ן גרויסען טראַקט, האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע צאָהל קאַוואַלעריע. באַלד דערויף איז זי זיך פונאַנדערגעפאָהרען אין פערשידענע ריכטונגען. מיר האָבען בעקומען אַ בעפעהל צו לאָזען זיך באַלד אין וועג אַריין. מיר זענען שנעל אַוועק צו דרום פון וויטעבסק, און איינגיכען איז דידאָזיגע שטאָדט פער-שוואונדען פון מיינע אויגען.

פינפטעס קאַפּיטעל.

מיר מוזען אַלץ אַליין טהאָן.—אַ דועל צווישען פוילישע אָפיצירען.—דער לאַגער ביי רודניע.—דאָס אָבהיטען די קראַנקע.—אַ רוסישער גלח.—אונזער אוידיטאָר פערקויפט פראָוויאַנט.—אַ געלונגענע רעקוויזיציע.—שלעכטע ידיעות.—די נישט-געלונגענע שלאַכט ביי אינקאָוואָ.—אונזער פאָלקאָווניק פאַלט-אַריין אין געפאַנגענשאַפט.

די סיבה פון אונזער איילינגען פערלאָזען וויטעבסק איז' אפנים, געוועזן דער אומשטאַנד, וואָס דער לאַגער אונזערער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַנ'אָרט, וואָס די רוסען האָבען נאָר-וואָס פערלאָזט. מיר האָבען זיך זעהר שנעל בעוועגט פאָראויס, אָבער די רוסען האָבען מיר פאָרט נישט דעריאָגט אין דעם טאָג. נעבען עפיס אַ שטעדטעל האָבען מיר געגעבען צו עסען די פערד און האָבען אויפגעקאָכט אויפ'ן פייער דאָס אַלץ, וואָס די סאָלדאַטען האָבען געבראַכט. שפעט אין אָווענד זענען מיר אַוועק אין אַ צווייטער ריכטונג, פערלעגט אַ לאַגער און געוואַרט ביז אויף מאָרגען צו מיטאָג. אַרום איז געווען שטיל און רוהיג

און אַ טאָג איז געװעזען אַ קלאָרער און אַ װאַרימער. פאַר אונז איז געלעגען אַ גרױסע אָזערע. איהרע קלאָרע רײנע װאַסערן און דער קענטיגער גרונד האָבען דערװעקט אין אונז אַ געפיהל פון תענוג. מיר האָבען זיך אַלע אױסגעבאָדען, אָבער דאָ האָבען מיר אױך דורכגעמאַכט דאָס אײגענע, װאָס אין װילנאָ, דאָס הײסט, מיר אַלע, אָפיצירען און סאָלדאַטען, האָבען נאָכדעם װי מיר האָבען זיך אױסגעבאָדען, אױסגעװאַשען אונזערע װעש און געלאָזט עס אױסטריקענען אױפ'ן ברעג טײך. אױסער אין רוסלאַנד, האָבען מיר עס אין ערגעץ נישט געטהאָן. בײ אונזערע אומשטענדען איז דאָס באָדען זיך, נאַטירליך, געװען זעהר אַ ליבע זאַך, אפשר די אײנציגע טרײסט אונזערע, אָבער דאָס, װאָס מיר האָבען זיך בעת-מעשה פערװאַנדעלט אין װעשעריגס, האָט אונז עפיס מאָדנע בעלײדיגט. צו די אַלע אַנדערע פונקציעס, װאָס די נויט האָט זײ אַרױסגערופען, דהײנו: האַקען האָלץ, מאַכען פײער, שעכטען בהמות, אױפקאָכען עסען, שנײדען גראָז און ד. גל. זענען מיר שױן לאַנג געװעהנט געװאָרען. מאָהלען מעהל און אױסבאַקען ברױט האָבען מיר זיך שױן שפּעטער אױסגעלערנט, און דער, װאָס האָט זיך נישט שנעל געכאַפּט צו דידאָזיגע אַרבײטען, פלעגט בלײבען מיט אַ לעדיגען מאָגען. עסען אָהן מיה און אַרבײט איז בײ אונז געװען גישט אין מאָדע און די מעהר געשיקטע אין אָט די אַלע פונקציעס זענען שטענדיג געװען געזונד און זעלבשטענדיג.

פון דאַנען זענען מיר אַװעק צו דעם שטעדטעלע לעסנע. אונזער לאַגער האָבען מיר פערלעגט בײ אַ שאָטענדיגען פּאַרק-טײכעל מיט פרישען װאַסער. בײטאָג, אין די גרױסע היצען, איז דאָ געװען זעהר אַנגענעהם און אין אָװענד—נאָך אָנגענעהמער; אגב האָבען מיר דאָ געפונען פּראָװיאַנט פאַר זיך און פאַר די פערד.

שױן נישט אַזאַ אָנגענעהמען לאַגער האָבען מיר געהאַט אױף מאָרגען, בשעת מיר זענען געשטאַנען אױף אַ מאָגערן פעלד, נעבען דעם טראַקט, װאָס האָט געפיהרט קײן ריזניע. רעכטס האָבען מיר געהאַט אַ יעגל-װאַלד, לינקס—אַנ'אָזערע מיט אַ מיהל.

אונטער דער גיהנמ'דיגער זון האָט זיך אויסגעלעגט אונזער אויס־געמאָגערטע און אויסגעמאַטערטע קאָמאַנדע. אין דידאָזיגע הייכע טעג און קיהלע נעכט איז אונז אויסגעקומען צו שלאָפען אויף דער ערד, געהרען זיך שלעכט, טרינקען שלעכט וואַסער, און דער שלשול האָט זיך פערשטאַרקט.

עס איז געווען שווער צוצוזעהן, ווי כמעט די אַלע, וואָס זענען בעשטימט געווען אין פאַטרול, האָבען געזאָגט אַ תירוץ, אַז זיי זענען נישט געזונד, אַז זיי זענען מיד און קאָנען זיך נישט זעצען אויף די פערד. אָבער מען האָט זיך נישט געקאָנט העלפען: דער, וואָס האָט בעדאַרפט געהן, האָט געמוזט געהן, אַנישט, האָט מען אָנגעבראָכען די ביינער מיט אַ שטעקען.

ערשט דאָ האָב איך מיך קלאָר איבערציינגט, אַז אפילו די שוואַכע און די קראַנקע פלעגען זיך אָננעהמען מיט גבורה אין אַנ'ערנסטען מאָמענט. איינעט נאָכ'ן צווייטען האָבען מיר דער־הערט געבען לאַגער אַ צוויי שאָסען. דער עולם האָט גענומען שרייען: „אויף די פערד! אויף די פערד!” דער פאָלקאָווניק, וואָס איז גראָד געווען אויף דעם אָרט פון דער שיסעריי, איז באַלד צוגעפאָהרען צו אונז. „וואו איז דער הויפטראָקטאָר?”— האָט ער אַ פרעג געטהאָן. איך האָב שוין אַריינגעטהאָן אַ פוס אינ'ם זאָטעל־אייזענדעל און געוואָלט זיך אַרויפזעצען אויפ'ן פערד, בשעת ער איז צוגעפאָהרען צו מיר מיט דידאָזיגע ווער־טער: „לאָמיר פאָהרען שנעלער!” אָבער וואָס איז דאָ געשעהן? פוילישע אָפיצירען האָבען זיך געשלאָגען אויף אַ דועל. אויפ'ן אָרט פון דועל האָבען מיר געפונען צוויי מענשען. איינער, אַ לעבעדיגער, איז געשטאַנען, דער צווייטער איז געלעגען אַ טוי־טער אויף דער ערד. דער, וואָס האָט געשאָסען און געטויט זיין נעגנער, איז שוין אַנטלאָפען מיט זיין סעקונדאַנט. מען האָט מיך געפרעגט, צי דער, וואָס ליגט, איז טאַקי טויט. איך האָב איהם בעטראַכט און האָב איינגעזעהן, אַז די קויל איז אַריינגע־פאַלען אין דער לינקער זייט פון דער ברוסט. איך האָב איהם אָבגעשפּיליעט זיין גוסאַרישען מונדיר, אָבער איך האָב נישט 60 געקאָנט צוקומען צו זיין וואונד, ווייל די קויל האָט אויך אַריינ־

געשלעפּט אין דער ברוסט-ספּערע דאָס גאָלדענע שנירעלע פון זיין אוניפאָרם. האָב איך אַרויסגעשלעפּט דאָס שנירעלע און אויפ-געדעקט אַ יונגעלישע ווייסע ברוסט. קיין בלוטשטורץ איז נישט געווען, אָבער עס איז אויך קיין אָטעם נישט געווען. מיט'ן ווייס-פינגער בין איך לייכט אַריינגעדרונגען אין דער ברוסט, דורכגעזוכנדיק די וואונד און די צעשעדיגטע ריפּן. דאָס האַרץ איז דורכגעשלאָגן געוואָרן סאַמע אין דער מיט, און די וואונד איז יעדענפאַלס געווען אַ שטערבליכע.

דערווייל איז געקומען אַ באַפעהל, מיר זאָלן זיך ריהרען אין וועג. די פּויליקן זענען שוין אַרויסגעטראָטן. מיין פּאָלקאָ-ווניק, עטליכע פּוילישע אָפיצירן און איך זענען פאַרבליבן ביים דערשאָסענעם. אַ פּוילישער אַדיוטאַנט האָט אַרומגעוויקלט די קליי-דער פון'ם טויטן. ער האָט צוגענומען זיינע פּאַפּירן און פון די איבעריגע זאַכן האָבן געכאַפּט מיר אויך אַ טייל, הגם איך האָב עס באַרעכטיגט געבעטן (איך ווייס נישט, אפשר איז עס אַ פּוי-לישער מנהג). ער האָט זיך גענומען אַ לולקעלע און דעם פייער-קלאַפּער און מיר האָט ער געגעבן אַ שיין טאַבאַק-פּושקעלע מיט געמאָלטע בילדער און אַ קליין מעסערל. פון די גאָלד- און זילבער-געלט האָט ער מיר געגעבן פיר רובל. איך האָב בע-האַלטן די מיר אומבעקאַנטע מטבעות און געטראַכט: „איך וועל אייך ברענגען צוריק אונזער וועט זיין עדות פון דערדאָזיגער געשעהעניש." דעם טויטנס וואונד איז צוגעדעקט געוואָרן מיט אַ שנירעל און באַטיילט געוואָרן צווישן אונז צווייען, און מיין חלק האָב איך פּשוט מוחל-געווען.

מיר האָבן זיך געזעצט אויף די פערד און שנעל דער-יאָגט די אונזעריגע. מיר האָבן אויסגעמידן רודניע—דאָס לע-צטע שטעטעלע אויף דעם וועג, וואָס איז בעוואוינט פון יודען.

פון רודניע האָט זיך דער וועג געצויגן קיין מזרח, איב-ריגענס האָבן מיר דערזעהן פון ווייטען אַ גוט, וואָס האָט אונז שטאַרק פּעראינטערעסירט. זיין שיין הויז פון דריי שטאָק האָט אונז געצויגען צו זיך. געשטאַנען איז עס אין אַ מין פריהלינג-וועלדעל, אויפ'ן שפּיץ פון אַ באַרג. הינטער'ן הויז האָבן זיך

געצויגען שענע טונקעלע יעגל-וועלדער און דערביי זענען געלעגען צייטיגע תבואה-פעלדער און גרינע לאנקעס.

עטליכע טעג צייט האבען מיר דא זעהר אנגענעהם פערבראכט. די פעטע לאנקעס האבען געגעבען א סך צו עסען אונזערע פערד; עס האט אויך נישט געפעלט קיין ברויט און פלייש. אלע טאג האט מען געקאנט באקען ברויט און שעכטען קיה. שען און ווארים איז געווען דאס וועטער. די סאלדאטען האבען זיך געוויילט ביי די הישטאוקעס, וואס מען האט אויסגעשטעלט ביים וועג. איין זאך האט דא בלויז נישט געטויגט: מיר האבען געמוזט טרינקען שלעכט וואסער. דאס האט, נאטירליך, שלעכט געווירקט אויף די מענשען און פערד און האט פערשטארקט דעם שלשול.

ביז אהער האב איך אפילו געהאט עפיס א רפואה, א הילף, און האב געקאנט היילען אדער פערלייכטערן די יסורים פון א סך מענשען. אז מיר פלעגען פערלעגען א לאגער, פלעגען מיר קודם-כל מאכען פייער. אויפ'ן פייער פלעגען מיר ארויפשטעלען א פאר קעסלען מיט וואסער, אין וועלכען מיר פלעגען פערבריהען טיי פון מיענטע און ראמאשקעס, און יעדער, וואס האט נאר געוואלט, האט עס געקאנט טרינקען. אז מיר האבען אבער נישט געהאט דידאזיגע מיטלען, פלעגען מיר טרינקען טיי פון מעליס און בוזינע. די-יעניגע, וואס האבען געהאט גרויסע יסורים פון שלשול, פלעג איך צו דעמדאזיגען געטראנק צוגעבען אפיום און האפמאנישע טראפענס. כל-זמן איך האב געהאט דידאזיגע מיטלען, איז נאך געווען ניש'קשה, האבען זיך מענשען געהאלטען אויף די פיס, זיך נישט אנידערגעלעגט איינגאנצען קראנק, הגם דער מקור פון דער קראנקהייט פלעגט בלייבען מקור, און די מיטלען פלעגען איהם נישט דערווייטערן. מאנכע פלעגט אפילו העלפען א געוועהנליכער קרופניק מיט מעהל אדער א קלייאיגער קרופניק. איך פלעג עס יעדערן הייסען עסען. דעם עולם איז עס געפעלען געווארען, עס איז אריין אין מאדע ביי אונז אין צולעצט איז עס געווארען דער סאמע בעליבסטער מאכל אין לאגער. וואלטען מיר עס נאך פריהער געברויכט, וואלטען א סך

אויסגעמידען דעם טויט. איצט האָבען זיך אויסגענומען אַלע מיינע מעדיצינישע מיטלען, און די קראַנקע האָבען נישט געהאַט קיין רפואות. אין דערדאָזיגער געגענד האָבע מיר געהאַט אַ סך קיה, און אַנשטאָט דעם גראָז-געטראַנק דאָט דער עולם געברויכט אַ פליישׁ-בוליאָן. שפּעטער האָט אונז אָנגעיאָגט דער מאַרקיטאַנט, וואָס האָט געבראַכט וויין פון ווילנאָ און וויטעבסק. ווער עס האָט איצט געהאַט געלד אָדער קרעדיט, האָט געקאָנט לעבען [illegible].

עס איז געקומען דער פאָלק-אוידיטאָר קראַפּט. נאָך פון אונטער ניעמאַן האָט ער אונז בעדאַרפט צושטעלען פּראָוויאַנט און פוראַזש. ער האָט אונז דערצעהלט פון די אָרדנונגען, וואָס הערשען אין רוקען פון דער אַרמעע. דאָס זענען געווען טרויעריגע ידיעות. ער האָט דערצעהלט פון דער דאָרטיגער גרויסער נויט און דחקות, פון שרעקליכע שׂרפות, רויבערייען, הריגות און חרוב-געמאַכטע גיטער, פעלדער און וועלדער; אויף די פעלדער און וועגען וואַלגערן זיך מאַסען טויטע סאָלדאַטען, וואָס זענען אומגעקומען פון הונגער, דורשט און היץ. די קיה האַלטען זיך קוים אויף די פיס און די גאַנצע אַרמעע איז בעלאַגערט פון קראַנקהייטען. מיינע לאַנדסלייט האָט ער געטראָפען אין לאַגער אונטער לעסנע. „מען האָט גאָרנישט געקאָנט זעהן, דערצעהלט ער, ווי אָפיצירען און סאָלדאַטען ליגען קראַנקע אין לאַגער". דער שלשול הערשט דאָרט אַזוי שטאַרק, אַז די סאָלדאַטען קאָנען נישט מאַכען זייערע געוועהנליכע איבונגען און אפילו די מיליטערישע פונקציעס ווערען אונטערגעבראָכען. אַלע הייזער זענען אָנגעפילט מיט חולאים, מען שטאַרבט מאַסענווייז און אין פראַנט גופא האַלט דער עולם אין איין לויפען, פונקט ווי מען וואָלט גאַנצע פאָלקען געגעבען ריצעגאייל.

דער אייגענער אוידיטאָר האָט מיט גרויס מיה און שוועריגקייטען געבראַכט קיין ווילנאָ אַ טראַנספּאָרט עסענוואַרג, פוראַזש און קיה. ער האָט געזעהן, אַז ער קאָן זיך נישט בעוועגען פאָראויס מיט דעם אַלעם און איז שוין געווען זיכער, אַז ער וועט שוין אונז קיינמאָל נישט דעריאָגען. האָט ער די דאָר-

מיגע יודען פערקויפט אַלץ, וואָס ער האָט געשיהרט מיט זיך, אויסער די קיה. דערפאַר האָט ער געבראַכט אַ סך געלד און האָט עס איבערגעגעבען דעם פאָלקאָוניק. פאַר זיך האָט ער, לויט זיינע ווערטער, גאָרנישט איבערגעלאָזט. דאָך האָט מען איהם נישט געגלויבט. אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער ערד, האָט קיין ממשות נישט, און סאָלדאַטישע האָב און גוטס—אודאי נישט. אין צוויי טעג אַרום זענען שוין דידאָזיגע געלדער געווען אין די הענד פון די רוסען.

אונזער פאָלקאָוניק האָט, וואַהרשיינליך, געוואוסט, אַז מיר וועלען דאָ שטעהן אַ לענגערע צייט. באַלד ווי מיר זענען גע-קומען אַהער, האָט ער אַוועקגעשיקט אַן׳אונטעראָפיציר, וואָס האָט געקאָנט ריידען פויליש, צוזאַמען מיט אַ זעקס מענשען, זיי זאָלען אַרומגעהן אונזער לאַגער און קריגען פאַר אונז עפיס צו עסען. דער געשיקטער איז אַ לאַנגע צייט נישט צוריקגעקומען. מיר האָבען שוין געמיינט, אַז ער איז ערגעץ אומגעקומען. דאָס וואַרטען אויף איהם האָט אונז מיד געמאַכט. אָבער דער יונג האָט זיך בשלום צוריקגעקעהרט מיט גוט אָנגעפּאַקטע וועגענס. מיט גרויס שמחה האָבען מיר זיך אַ כאַפּ געטהאָן צו אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען און נישט געקוקט בעת-מעשה וואָס דאָרט איז גוט און וואָס שלעכט, וואָס שעדליך און וואָס געפעהרליך. אַלץ איז באַלד איינגעשלונגען געוואָרען. אַ פעסעל ביר, וואָס איז פון היץ זויער געוואָרען, איז אויך צונוץ געקומען. מיר האָבען דעם ביר אָבגעפרישט מיט אייז און האָבען אויסגעטרונקען ביז דעם לעצטען טראָפּען. מאַרינירטע אָדער אויף צוקער געפרעגעלטע אַגרעסען, וואַלדבערעלעך, עפּעל אָדער געזאַלצענע אוגערקעס,—דאָס אַלץ איז איינגעשלונגען געוואָרען, נישט-געקוקט אויפ׳ן שלשול. גע-רויכערט חזיר-פלייש, לאַנגע שטיקער וואורשט, עופות, ברויט, בראָנפען, קנאָבעל—פון דעם אַלעם האָט מען געמאַכט אַ תכלית.

אָבער די ידיעות, וואָס דער יונג האָט געבראַכט, האָבען צולעצט איינגאַנצען פערשטערט אונז די שמחה. „דאָ,—האָט ער געזאָגט,—ענדיגען זיך די אַלע ערטער, וואו די בעפעלקערונג האַלט מיט אונז. ווייטער זענען שוין די מענשען גאָר אַנדערע.

דאָרט זענען אַלע געגען אונז. אָדער זיי וועלען זיך פאַרטיידי-גען, אָדער די וועלען אַנטלויפען. אומעטום האָט מען מיך אויפ-גענומען זעהר נישט פריינדליך, מיט זידלווערטער, גראָב. קיי-נער האָט גאָרנישט געוואָלט געבען. איך האָב אַליין גענומען נעה-מען מיט געוואַלד, מיט סכנות נפשות, און אַז איך בין אוועק, האָט מען מיך בעגלייט מיט קולות און סטראַשונקעס. די פויערים זיינען בעוואָפענט מיט פיקעס, אַ סך האָבען פערד. די פויערטעס זענען מוכן-ומזומן צו אַנטלויפען און זיי האָבען אונז בעשאָטען מיט זידלווערטער נישט ערגער פון די פויערים. פויערים פאָה-רען-אַרום פון אָרט צו אָרט און טיילען-מיט איינאַנדער, וואָס עס הערט זיך. זיי האָבען זייערע סיגנאַלען און סיגנאַליזירען אַזוי גוט, ווי גוטבעזיצער".

אין דער אייגענער צייט האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז נאַפּאָלעאָן געפינט זיך אין וויטעבסק, אַז ער מאַכט דאָרט אָקאָ-פּעס, גרייט-צו גרויסע זאַפּאַסען תבואות און סוכאַרעס און מו-שטירט זיין גוואַרדיע.

אין דעמדאָזיגען לאַגער זענען מיר געשטאַנען אַ גאַנצע וואָך און דערינען איז געווען אַ גיהנום'דיגע היץ. דעם 8-טען אויגוסט, באַלד בעגינען (דאָרט הויבט-אָן צו טאָגען פריהער, ווי אויפ'ן דונאַי), האָט זיך פּלוצלונג דערהערט דער קאַמפּס-רוף: „דער שונא!" אין דער אייגענער רגע האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. מען האָט גענומען אַלאַרמירען, און דאָ האָבען מיר גאָר נאָהנט דערזעהן רוסען, וואָס האָבען געטריבען פאַראויס פראַנצויזישע פאָלקען אין פולשטענדיגער אונאָרדנונג. דידאָזיגע פאָלקען זענען פריהער געשטאַנען אין איבקאָווא. אין אַזאַ פאַל האָב איך מיך שטענדיג אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן פערד פון די ער-שטע, און דעריבער האָב איך מעהר דייטליך געקאָנט זעהן דעם שלעכטען אויסגאַנג פון דער שלאַכט: איך האָב געזעהן, ווי די פראַנצויזען זענען צולאָפען געוואָרען. "שוין איצט, דאָס דריטע מאָל, ווי מיר און אונזערע פאַרבינדעטע האָבען זיך נישט דערשראָקען, האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן פאַראויס אין דער פולער קאַמפּסאָרדנונג און האָבען אויסגעהאַלטען דעם פאַרשטויס פון

די רוסען. די פּרייסישע אולאַנער האָבען אין געשלאָסענע רייהען אָבגעשטויסען מיט ערפאָלג דעם רעכטען פליגעל פון די רוסען; אונזערע יעגערס האָבען געאַרבייט אין צענטער און די פּוילישע גוסאַרען האָבען אין דער אייגענער צייט פערטיידיגט דעם טראַקט נעבען דעם גוט און זיך געסטאַרעט איינצוהאַלטען דעם וועג, טאָמער וועלען מיר בעדאַרפען אָבטרעטען; זיי האָבען אויך געשטערט די קאָזאַקען און באַשקירען צו בעוועגען זיך פאָראויס. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אונז דאָ בעשאָסען מיט פיילען, וואָס פ׳יהען און פייפען אין לופטען, ווי קוילען. איינעם אַ פוילישען אָפיציר האָט אַ פייל געטראָפען אין די לענדען, ביי אַ צווייטען האָט ער זיך פערטשעפעט אין די קליידער. אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָבען מיר געפיהרט די פיילען מיט זיך אַלס אָנדענק. בלוטיגע אַרבייט האָבען דאָ דאָקטוירים געהאַט איבערגענוג, און פאַר כיר האָט אויך נישט געפעהלט.

אונזערע דריי פאָלקען זענען אָבער זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען, און דער נייער דרוק פון די רוסען האָט אונז איבערגעשטייגט סיי אין דער צאָהל און סיי אין די כחות.

און ווירקליך, זייער נייער אָנפאַל האָט געהאַט ערפאָלג: אונזער בריגאַדע איז אָבגעשטויסען געוואָרען. אמת, זי איז אָבגעטראָטען אין געשלאָסענע רייהען, אָבער די אָרדנונג האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטען, ווייל די רוסען זענען געגאַנגען זעהר האַסטיג און זענען געווען אין אַ גרעסערער צאָהל, ווי מיר. מיר זענען שנעל אָבגעטראָטען צו רודניע, וואָס איז געלעגען ביי אַ מייל הינטער אונזער לאַגער. דער גענעראַל מאַנבערט, וואָס איז גראָד צו דער צייט געקומען מיט זיין סוויטע, קאַוואַלעריע און לייכטער אַרטילעריע האָט אונז מציל-געווען פון אַ קאַטאַסטראָפע און האָט געמאַכט אַ סוף צו דערדאָזיגער בלוטיגער שלאַכט.

איך האָב דערווייל איבערגעטראָגען מיינע פערוואונדעטע אין אַ נישט-געפעהרליכען אָרט, דאָרט, וואו עס האָט פריהער געאַרבייט די ווירטעמבערגער שווערע אַרטילעריע. מיר, צוקלאַפטע, זענען אָבגעטראָטען צו רודניע; די רוסען האָבען פערנומען

אונזער לעצטען לאַגער, און דאָס נײַ-געקומענע מיליטער האָט פערנומען יענעם פּלאַץ, וואו די רוסען זענען אונז פריהער בעפאַלען.

הינטער רודניע, אין אַ גרינעם טאָל, אויפ׳ן ברעג פון אַ טײַכעל, האָבען מיר זיך אויסגערוהט און בערעכענט אונזערע פערלוסטען.

דער אַדיוטאַנט פאָן-באַל איז אַרײַנגעפאַלען אין גרויס היץ—פונקט ווי איין מענש איז בכח אָבצוהאַלטען פון אַ מפלה—און איז פערקראָכען אין ווייט: איז ער אַרײַנגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט. דער פאָלקאָוניק גראַף פאָן-וואַלדבורג-וואורצאַך איז געפאָהרען אויף אַ גרויסאַרטיגען פערד, נאָכדעם ווי די רוסען זענען אונז בעפאַלען אַ צווייט מאָל און האָבען געטריבען אונזערע פאָלקען דורך דעם לאַגער פון די פוילישע גוסאַרען, איז מיט זיין פערד געשעהן אַנ׳אומגליק. דאָס פערד האָט בעדאַרפט איבערשפּרינגען איבער דעם שטריק, וואָס האָט זיך געצויגען בײַ דעם ברעג פון לאַגער, האָט עס זיך פערטשעפּעט און אַנידערגעפאַלען, און דער גענעראַל צוזאַמען מיט זיינע לייט איז אַרומגערינגעלט, פערוואונדעט און גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. דער יונגער אָפיציר פאָן-האָרנשטיין, שוין אַ פערוואונדעטער, איז געלעגען אויף דער ערד און זיך נאָך אַלץ פערטיידיגט. ער איז אַ צווייט מאָל פערוואונדעט געוואָרען און האָט אויף אייביג צוגעמאַכט די אויגען. אַ פערטער אָפיציר שענהאַמער האָט פון פחד פערלאָרען דעם מוט—מעגלין, אַז ער האָט איהם קיינמאָל נישט געזעהן—און האָט זיך אויפגעפיהרט אַזוי, אַז די אָפיצירען האָבען איהם נישט געוואָלט זעהן אין זייער סביבה. דעמאָלט איז ער איבערגעגאַנגען צו דינסט אין טראַנספּאָרט, שפּעטער איז ער אַרײַנגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט און אַזוי-אַרום אויסגעמעקט געוואָרען פון די מיליטערישע רשימות*).

*) די שלאַכט בײַ אינקאַווא האָט פערטראַכט דער גענעראַל באַרקלאַי דע-טאָלי. ער האָט געוואָלט צופרידענשטעלען דעם רצון און די שטימונג פון פאָלק, וואָס האָט געפאָדערט, מען זאָל אָנגרייפען די פראַנצויזען.

עקסטעס קאַפּיטעל.

דאָס שטעדטעל ליובאָוויטש.—דער מעריסטער געבורטסטאַג.—דער וועג ביז מאָהילעוו אויפ׳ן דניעפער.—סמאָלענסק אין פייער און רויך.—אַ מרה-שחורה׳דיגער דאָקטאָר.—אַן אָנגעפאַל פון קאָזאַקען.—דער וואָילשטאַנד פון מאַנכע געגענדען.—דאָראָגאָבוזש אין רואינען.—ידיעות וועגען דער גרויסער אַרמעע.—אומזיסטע פערוויסטונגען.—דער וועג קיין מאָסקווע.—מאָראָדערן.—וויאַזמע און גזשאַטסק.—מיר בעהעפטען זיך צו דער גרויסער ארמעע.—אַ בעגעגעניש.

דאָס, וואָס מיר האָבען קיין ערפאָלג נישט געהאַט ביי אינקאָווא, האָט צוגענומען ביי אונז דאָס לעצטע ביסעל ליבע צום גענעראַל סעבאַסטיאַני, און נאַפּאָלעאָן, ווידער, האָט שנעל בעשלאָסען צו פערלאָזען וויטעבסק. און אַז מיר האָבען אין דריי טעג אַרום זיך ווידער געריהרט אין וועג—פון רודניע קיין ליובאָוויטש, האָבען מיר נאָך פאַר מיטאָג דערזעהן דעם לאַגער פון אַ גרויסער צאָהל אינפאַנטעריע און יונגער קאַוואַלעריע. דאָסדאָזיגע מיליטער איז געקומען פריהער ביינאַכט און האָט זיך אָב- 58 געוועהרט עטליכע שעה.

דער געדאַנק, אַז דירדאָזיגע מאַסע וועט זעהן אין אונז געשלאָגענע ביי אינקאָוואָ און אָבגעטראָטענע, האָט אונז אַריינגע־וואָרפען אין אַ מין פּחדנות און, פערשעמטע, זענען מיר פאַרביי־געגאַנגען פאַרביי זיי.

אויף מאָרגען איז געגאַנגען אַ רעגען. מיר זענען צוגעגאַנ־גען צו אַ גאַנץ היבשען שטעדטעל, פערזייהט מיט הילצערנע הייזלעך און צעוואָרפען איבער בערג און טאָלען. דער גרויסער שטח אַרום שטעדטעל איז געווען פערזייהט מיט קרויט. די אייג־וואוינער האָבען מיר נישט געזעהן, דערפאַר אָבער האָבען מיר געטראָפען אַ סך סאָלדאַטען, וואָס האָבען אין און אויסער'ן שטעדטעל זיך בעשעפטיגט מיט קאָכען און באַקען. דאָסדאָזיגע שטעדטעל האָט געהייסען ליובאָוויצי. עפּטער קומט־אויס צו זעהן, ווי די סאָלדאַטען פּאַסען־צו נייע מיטלען צו זייער טעגליכער אַרבייט. אויך איצט האָב איך געזעהן אַ נייעם שטייגער פון באַ־קען ברויט. די פּראַנצויזישע גרענאַדירען האָבען געהאַט אַ דייטש מיט טייג, פון וועלכען אַ טייל סאָלדאַטען האָבען געמאַכט פּיראָ־גען, עהנליך צו ברויטלעך. אַ צווייטער טייל איז געזעסען ביים פייער, האָט אויסגעלעגט די פּיראָגען אויף די אָנגעבּרענטע קוילען, איבערגעדעקט זיי מיט די שווערדען און אַכטונג געגעבען, זיי זאָלען נישט צוגעברענט ווערען. מען האָט זיי אַזוי לאַנג אומגעדרעהט אויף די קוילען, ביז זיי זענען געוואָרען האַרט און האָבען געקנאַקט אונטער די ציינער. אַ דריטער טייל האָט אַראָבגעשאַרט פון די פּיראָגען דאָס אַש און די שטיקלעך קויהל און אויפגעלעגט זיי אין אַ זייט, ביז עס איז אויסגעבאַקט געוואָרען דער גאַנצער טייג. רעמאָלט האָט מען עס אָנגעהויבען פונאַנדערטיילען צווישען אייבאַנדער. אונזער קאַוואַלעריע איז געשטאַנען ביי אַ וואַלד, און בשעת מאַנכע האָבען אויפגעקאָכט דאָס גריגוואַרג, האָבען די אַנדערע געזוכט אויף די ביימער ביהנשטאָקען. די קונסט פון די סאָלדאַטען אַרויסצוגעפינען האָניג האָט מיך שטענדיג גע'חידוש'ט. אינגיכען האָבען זיי געבראַכט אין לאַגער אַריין אַ סך האָניג, און אַזוי איז מיר דערדאָזיגער טאָג—אין דעם טאָג בין איך אַלט געוואָרען 32 יאָהר—פערזיסט

געוואָרען אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט.

פון דאָרטען האָבען מיר געמאַכט עטליכע שנעלע מאַרשען קיין סמאָלענסק. מיר האָט געזעהן אַ גרויסע צאָהל אינפאַנטעריע און אַרטילעריע. אָבער אין עטליכע טעג אַרום זענען מיר אָב־געריסען געוואָרען פון דער אַרמעע, זענען זיך צופאָהרען אין פערשידענע זייטען און האָבען אויפ'ן וועג נישט בעגעגענט—נישט קיין פריינד און נישט קיין פיינד. מיר האָבען געטראָפען פּוי־ערים, וואָס האָבען אַראָבגענומען פון די פעלדער. וואָס ווייטער פון אונזער וועג, האָבען די פּויערים אַלץ מעהר געאַרבייט און אַלץ וועניגער זיך אינטערעסירט מיט אונז. די ערטער, וואָס מיר זענען איצט דורכגעפאָהרען, קאָן איך קוים געדענקען. פרעגען ווי הייסט דאָס שטעדטעל אָדער דער ישוב איז זעלטען מעגליך געווען, מחמת די בעפעלקערונג איז זיך על־פּי־רוב צולאָפען אָדער זיך אויסבעהאַלטען, און אויב די פּאָליאַקען האָבען אונז אַמאָל יאָ אָנגערופען אַ נאָמען, איז איהם שווער געווען איינצו'חזר'ען. מיר זענען שוין נישט איינמאָל אַריבערגעגאַנגען דעם דניעפּער אָדער אַנדערע קליינע טייכען; מיר זענען אויך אַדורכגעגאַנגען פערשידענע גרויסע טראַקטען, וואָס פון זיי זענען מיר אַלעמאָל געוואָהר געוואָרען, ווער עס איז דאָ פריהער אַדורכגעגאַנגען—רוסען, צי פראַנצויזען; מיר האָבען עס געקאָנט דערקאָנען פון די גע־שמידטע פערד און וועגענס, וואָס האָבען איבערגעלאָזט סימנים אויפ'ן טראַקט. אַנ'אַרמעע פעולירט שטענדיג עפּיס אין וועג, און פונ'ם פערלאָרענעם קאָן מען שטענדיג דערקאָנען, צו וואָס פאַר אַ נאַציע זי געהערט. בשעת אַנ'אַרמעע געהט־פאַרביי, לאָזט זי שטענדיג איבער עפּיס אַנ'אייגענאַרטיגען בעזונדערן ריח, וואָס איז גוט בעקאַנט די געניטע מיליטערלייט. מיר האָבען געפונען פיילען און עפּיס אַ מין באַשקיריש געוועהר—עפּיס אַזוינס, וואָס איז נישט קיין מעסער און נישט קיין חלף, נאָר אַ פעראייניגונג פון דיביידע, וואָס איז געווען לאַנג, ווי אַנ'עלענבויגען. איך האָב געהערט, ווי אַנ'אָפיציר האָט געקלאָגט דערויף, וואָס עס קומט־אויס זיך צו שיסען געגען אַזאַ מין געוועהר. דעמאָלט האָט איהם דער לייטענאַנט בלאַסמאַכער בעמערקט: „אין אַ מלחמה איז

די הויפּט-זאַך דער נצחון. דאָס געווער מעג זיך זײַן וואָס עס וויל: אַ קאָסע, אַ שפּיז, אַ סערפּ. דאָס איז אַלצאײנס.״

אַמאָל איז גאַנץ שווער צו בעשטימען לויט'ן לאַגער, וואָס פאַר אַנ'אַרמעע דאָ איז געשטאַנען. אָבער אויך אין דעם פּרט האָט די מלחמה אַרויסגעוויזען יענע אייגענשאַפט, וואָס מען האָט געקאָנט דערקאָנען דעם צושטאַנד פון אַנ'אַרמעע לויט'ן אָבוואַרף פון מענשען און פערד הינטער'ן לאַגער-פּראָנט. דער צושטאַנד פון דער רוסישער אַרמעע איז געווען אַ גוטער. הינטער אונזער לאַגער-פּראָנט אָבער האָט מען געקאָנט געפינען דייטליכע ראיות, אַז די גאַנצע אַרמעע—סיי די מענשען און סיי די פערד—האָבען געליטען פון שלשול.

דידאָזיגע עקספּעדיציע אונזערע האָט אַרומגעכאַפּט דעם ראַיאָן ביז מאָהילעוו. ווי אַנ'אײנצעלנער מענש קאָן אין מלחמה קײנמאָל נישט וויסען, אָדער ער ווייס עס זעהר זעלטען, צו וואָס ווערט דאָס און דאָס געטהאָן, אַזוי ווייסען עס אויך נישט צומאָל די קאָמאַנדירען גופא. דידאָזיגע בעוועגונג פון אונזער דיוויזיע אין רוקען פון דער אַרמעע האָט, ווי אונז האָט אויסגעוויזען, געהאַט דעם צוועק צו פערזיכערן דעם רוקען און די פערבינדונג מיט די אַנדערע קאָרפּוסען.

אַזוי-אַרום האָבען מיר זיך נישט בעטייליגט דערין, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום און אין סמאָלענסק גופא. דאָך האָבען מיר זיך אַזוי שטאַרק דערנעהנט צו דערדאָזיגער שטאָדט, אַז מיר האָבען בײַנאַכט געזעהן די פייערצונגען פון דער שרפה און בייטאָג—זײלען רויך. אָבער אין דער צייט, בשעת אַ סך זענען דאָרט אָבגעגאַנגען מיט בלוט און געליטען גרויס נויט, האָבען מיר געהאַט פון אַלעם גוטען, ווייל מיר זענען געווען אין אַזוינע ערטער, וואָס האָבען נאָך נישט געזעהן קײן סאָלדאַטען. אַנ'אויסנאַהם איז נאָר געווען די שטאָדט מאָהילעוו און שפּעטער—אינקאָוואָ, רודניע, לעסנע, דורך וועלכע מיר זענען אַדורכגעגאַנגען אַ צווייט מאָל. אין מאָהילעוו האָבען מענשען געזוכט עסענוואַרג, אָבער זיי האָבען נישט געפונען; דערפאַר אָבער האָבען זיי געבראַכט טאַבאַק און אַנדערע זאַכען. דער שמיד פון פּאָלק

האָט מיר, צום בייזפּיל, געבראַכט מעדיציניזשע ביכער און הילפ-אינסטרומענטען פאַר אַ געווינערין. דידאָזיגע גוטע זאַכען האָב איך געהאַט ביז דער באָראָדינישער שלאַכט. דעמאָלט האָט מען צוגענומען אונזערע וועגענס, איבערצופיהרען אין זיי די פער-וואונדעטע, און מען האָט אַרויסגעוואָרפען אַלץ, וואָס אין זיי איז געלעגען.

אין אינקאָווא האָבען מיר געפונען אונזערע טויטע נישט בעגראָבען, און אומעטום האָבען זיך געוואַלגערט סאָלדאַטישע קאַסקעס, קליידער און טיילען פון געשפּאַנען. אין לעסנע האָבען מיר געטראָפען דעם ווירטעמבערגער לאַזאַרעט. הער שלייער, מיט וועלכען איך בין געווען בעקאַנט נאָך פון די רהיינישע קריגסמאַרשען, איז דאָ געווען דער הויפּטדאָקטאָר. אָט דער מאַן, וואָס איז בטבע געווען זעהר אַ פרעהליכער, איז דאָסמאָל געווען מעלאַנכאָליש געשטימט. פון זיינע מעשיות האָב איך באַלד פערשטאַנען די סיבה פון זיין מעלאַנכאָליע. ער איז געווען איינער פון יענער גרויסער צאָהל מענשען, וואָס האָבען נישט איינגעשטימט אויף דער מלחמה און איהרע סבות און וואָס האָבען פאָרגעזעהן איהרע פאָלגען.

איהם האָט שוין לאַנג דערעסען דאָס מיליטערישע לעבען און ער האָט זיך בשום-אופן נישט געקאָנט בעפרייען פון דעמ-דאָזיגען לעבען. ער האָט געהאַלטען, אַז אין דינסט איז ער נישט אָבגעשאַצט געוואָרען ווי געהעריג און אין פאַמיליען-לעבען איז ער אויך נישט גליקליך געווען. ער איז געוועהנט געווען צו אַ גוט לעבען דאָרט, אין זיין פאָטערלאַנד, וואו עס איז דאָ אַזאַ שפע פון וויינטרויבען, און ער האָט זיך שוין לאַנג געמוזט בעגעהן אָהן דעם, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר אַ לעבענס-נויטווענדיגקייט. דעם בראָנפען, וואָס איז בלויז געווען אַ סוראָגאַט פון וויין און וואָס איז שוין, איבעריגענס, אונמעגליך געווען צו קריגען, האָט ער געהאַלטען פאַר שעדליך צו טרינקען. על-פי-נויט אָבער האָט ער איהם יאָ געטרונקען, און דאָס האָט, נאַטירליך, שלעכט געווירקט אויף זיין געזונד, וויבאַלד ער האָט אַזוי געקוקט דערויף.

אויסערדעם, איז דער גרעסטער טייל חולאים, וואָס דער רומעאַישער קאָרפּוס האָט איהם אָנפּערטרויט אין לעסנע, אויס־געשטאָרבען פון פיינליכען שלשול, און ער האָט נישט געקאָנט אָנווענדען די נויטיגע הייל־מיטלען, ווייל זיי האָבען געפעהלט. ער איז אַרומגערינגעלט געווען מיט קראַנקע, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעסערן, אָבער זיי זענען אַרומגעגאַנגען, ווי שאָ־טענס, ווייל עס האָט געפעהלט דאָס סאַמע נויטווענדיגסטע צו שטאַרקען די כוחות: נאַהרהאַפטע שפּייזען און משקאות. מען האָט געהאַט זעהר וועניג קערנער צו מאָהלען, און דער קראַנ־קער עולם האָט בעקומען נישט קיין גאַנצע פּאָרציעס ברויט און מעהל, ווי מען איז זיך נוהג אין די בעלאַגערטע פעסטונגען מיט וועניג פּראָוויאַנט און מען האַלט זיך ביים אונטערגעבען. דע־מאָלט גיט מען אויך אַרויס פערקלענערטע פּאָרציעס און ביסלעכ־ווייז געוועהנט מען צו דעם מאָגען צו דעם פלייש פון פערד, הינד און קעץ. דאָ, אין לעסנע אָבער איז אינגאַנצען קיין פלייש נישט געווען.

אויף מאָרגען האָבען מיר זיך געריהרט אין וועג אַריין און איך האָב איבערגעלאָזט מיין קראַנקען חבר אין לעסנע. שפּעטער האָב איך מיך דערוואוסט, אַז ער האָט בעקומען אַ בעפעהל, איבערצולאָזען די קראַנקע אין סמאָלענסק און מיט די געזונד־בעוואָרענע נאָכגעהן נאָכ'ן אַרמעאַישען קאָרפּוס. דערשלאָגען פון נויט און פערשידענע אַנגסטען, געגאַרט אין אַלע זיינע האָפנונ־גען, האָט ער געטהאָן דאָס, וואָס אַ סך האָבען עס שוין פריהער געטהאָן און טהוען עס אויך ווייטער: ער האָט איבערגעהאַקט זיין נמאס'דיג לעבען. מיט אַ כירורגישען מעסער האָט ער זיך איבערגעשניטען דעם האַלז.

עס איז געווען זעהר הייס און מיר זענען געגאַנגען ווייטער. סמאָלענסק און דעם דניעפּער האָבען מיר שוין געהאַט ווייט און רעכטס.

אין דערדאָזיגער לאַנגער נסיעה האָבען אונז די קאָזאַקען בלויז איין מאָל בעאונרוהיגט. אויף נאָכטלאַגער האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט נישט ווייט פון דוכאָווששיגע, אין אַ קליינעם טאָל

מיט אַ קליינעם טייכעל. אין דעדראָזיגער סאַמע הייסער צייט פון זומער האָבען מיר איינמאָל אין אַ קורצער נאַכט דערהערט אַן אונרוהיגען אויסגעשריי: „די רוסען!“ מיר האָבען שוין לאַנג נישט בעגעגענט דעם שונא, און האָבען געמיינט, אַז מיר זענען אויסער געפאַהר. האָבען מיר זיך אויסגעלעגט מיט דער גרעסטער בעקוועמליכקייט און זיך אויסגערוהט אָהן מחשבות און אָהן שום זאָרג. דאָך זענען מיר באַלד געזעסען אויף די פערד, און אַ טייל פון אונזער דיוויזיע איז אַרויסגעטראָטען פאָראויס. מען האָט אָבער נישט געהערט—נישט שיסען, נישט שרייען. אַלע האָבען שוין געמיינט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַן׳אויסגעטראַכטע. אָבער דאָס איז אַן׳אמת געווען. ביי אַ האַלבער שעה גאַנג פון אונזער לאַגער האָבען קאָזאַקען אַרומגערינגעלט אונזער פּיקעט—40 סאָלדאַטען מיט אַן׳אָפיציר. די קאָזאַקען האָבען באַלד פערכאַפּט די מענשען מיט די פערד, און אויף מאָרגען, אַז מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דעמדאָזיגען אָרט, האָבען מיר, לויט די צייכענס אויף דער ערד, פערשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אין די לעצטע טעג פון אויגוסט האָט זיך געענדיגט אונזער מאַרש אַרום דניעפּער און אַרום די אַלע אָנגערופענע ערטער. מיר זענען געקומען קיין דאָראָגאָבוזש און דאָרט זיך אָבגעשטעלט. אויף מאָרגען זענען מיר איבערגעגאַנגען דעם טייך און אַרויף אויפ׳ן גרויסען טראַקט, וואָס פיהרט פון סמאָלענסק קיין מאָסקווע, אַ טראַקט, וואָס איז אַזוי רייך אין געשעהענישען. דאָס שטיק לאַנד, וואָס מיר זענען אַדורכגעגאַנגען, אָנהויבענדיג פון אינקאָוואָ, איז מיט אַ קליינעם אויסנאַהם זעהר פעט און פרוכטבאַר. מיר האָבען געזעהן זעהר פעטע לאָנקעס, אויסגעצייכענטע פרוכטגערטנער, איבערהויפּט אין די רייכע הויפען נעבען מאָסקווע און סמאָלענסק, און גאַנץ אָפט האָבען מיר זיך געקאָנט איבערצייגען אין דער גוטער האָדעוואַניע פון קיה. בעזונדערס האָבען מיר עס געזעהן דעמאָלט, ווען מיר פלעגען קומען פּלוצלונג, אונגעריכט, איידער די בעפעלקערונג איז זיך צולאָפען.

אַט די אַלע שענע לאַנדשאַפטען און די רחבות און דער פלייס פון די פויערים זענען כהרף-עין פערשוואונדען געוואָרען,

וויבאַלד מיר האָבען זיך דערנעהנט צו דאָראָגאָבוזש. אָנשטאָט דעם אַלעם האָבען מיר איצט געפונען גרויסע שרעקליכע פערוויסטונגען. דאָס איז דער פועל-יוצא פון דער מלחמה און איהרע אכזריות'דיגע בעגלייטער.

דאָס גאַנצע פאָרשטעדטעל דאָראָגאָבוזש, אויף דעם רעכטען ברעג פון דניעפער—מעגליך, אַז דאָס איז געווען אַ ישוב—איז געשטאַנען אָהן אַ בעפעלקערונג. דעם 1-טען סעפטעמבער, בעגינען, זענען מיר איבערגעגאַנגען אַ גוט-געבויטע בריק און האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אין די חורבות פון דער שטאָדט, וואָס האָט זיך געצויגען אַרום דניעפער, ווי היידעלבערג אַרום נעקאַר. די אַרומגעברענטע ווענד האָבען געשראָקען מיט זייער אויסזעהן, די הייזער, וואָס זענען געשטאַנען פוןביידע זייטען גאַס, זענען שוואַרץ געוואָרען פון רויך. די שרפה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָדט מיט צוויי וואָכען צוריק, האָט בלויז אַדורכגעלאָזט דעם גרויסען שענעם קלויסטער און עטליכע הייזער.

דידאָזיגע הייזער האָט פערנומען אַ קליינער גאַרניזאָן וועסטפאַליער, וואָס האָבען געבאַקען ברויט. אָבער דער קלויסטער,—דער ערשטער רוסישער קלויסטער, אין וועלכען איך בין אַריינגעגאַנגען—האָט געהאַט אַזאַ אויסזעהן, פונקט ווי גזלנים וואָלטען איהם בעפאַלען און וואָלטען דאָרט אָבגעטהאָן כל דבר אסור..

אין דאָראָגאָבוזש האָבען מיר זיך ערשט דערוואוסט, ווי האַלט עס מיט דער אַרמעע, מיט וועלכער מיר האָבען זיך אויף אַ געוויסער צייט צושיידט. מיר האָבען זיך דערוואוסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי סמאָלענסק און פון סמאָלענסק ביז דאָראָגאָבוזש; ווי אַזוי נאַפּאָלעאָן בעווענט זיך שנעל און מיט גרויס בצחון קיין מאָסקווע; אַז נאַפּאָלעאָן איז שוין אין וויאַזמע און אַז דער גרויסער טראַקט פון סמאָלענסק איז פערוויסט געוואָרען, אַזוי גוט ווי דאָ, אַרום און, ביי דאָראָגאָבוזש. מען האָט אונז געראַטען, מיר זאָלען זיך דאָ בעזאָרגען מיט אַלעם נויטיגען, וואָרום אויף דעם גאַנצען שטח הינטער דער אַרמעע קאָן מען גאָרנישט בעקומען—נישט פאָר די מענשען און נישט

פאַר די פערד. אָבער ווי אַזוי קאָן מען זיך בעזאָרגען, אַז אַרום
אונז איז אַנ׳אמת׳ער טויטער מדבר? מיר האָבען זיך נישט גע-
קאָנט העלפען און האָבען זיך געמוזט לאָזען אין וועג אַריין אָהן
זאַפּאַסען.

מיר זענען געגאַנגען איבער אַ וויסטען וועג. אינדערפריה
האָבען מיר אָנבעגעגענט אַ קוריער, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשיקט
פון וויאַזמע קיין ווילנאָ. ער האָט זיך זעהר געאיילט און האָט
אונז נישט בעקאָנט ענטפערן אויף אונזערע פראַגען. דאָך האָט
ער אונז העגדום-פעגדום צוגעוואָרפען, אַז מיר זאָלען זיך אַ
ביסעל צואיילען, כדי מיר זאָלען זיך קאָנען בעטייליגען אין דער
גענעראַל-שלאַכט. אין דעם טאָג האָבען מיר דורכגעמאַכט 40
וויאָרסט.

אויפ׳ן האַלבען וועג, ביי אַ וויאָרסט פון גרויסען טראַקט,
האָבען מיר דערזעהן אַ מאָנאַסטיר (באָלדינאָ). מען האָט געשמו-
עסט, אַז דאָס איז אַ פרויענמאָנאַסטיר און אַז די פראַנצויזען האָ-
בען איהם צוראַבירט און דערצו נאָך פערגוואַלטיגט די פרויען.
פאַרנאַכט האָט זיך ווידער בעוויזען די זון. מיר האָבען פערלעגט
אונזער לאַגער ביי אַ שענעם גוט, אויף אַ באַרג, און דאָ האָבען
מיר געפונען אַ סך צייטיגע תבואות פאַר אונזערע מידע פערד.
דאָס איבעריגע איז שוין לאַנג אויפגעגעסען געוואָרען.

און ווי נעכטען, האָבען מיר אויך דאָ געפונען פערשידענע
זאַכען אויפ׳ן וועג. מיר האָבען געזעהן צוראַבירטע און פער-
ברענטע הייזער און ישובים, רוסישע און פראַנצויזישע געצעלטען,
סימנים פון די און יענע, וואָס לאָזען זיך עפּטער בעמערקען ביי
שנעלע בעוועגונגען. מיר האָבען געזעהן שטיקלעך קליידער, צו-
בראָכענע רעדער און וועגענס, טיילען פון געשפאַן, טרופּעס,
גע׳פגר׳טע פערד און קיה. די איינוואוינער פון דידאָזיגע גע-
גענדען האָבען מיר נישט געזעהן אפילו דעמאָלט, ווען מיר האָ-
בען, צוליב שפּייז-טעמים, זיך אַ רוק געטהאָן ווייטער פון וועג.
און נישט בלויז שטעדט און דערפער, נאָר אויך וועלדער האָבען
געטראָגען אויף זיך דעם צייכען פון דערדאָזיגער שרעקליכער
מלחמה, וואָס האָט אַלץ חרב ומוחרב געמאַכט.

איצט האָבען מיר טאָג-טעגליך אָנבעגעגענט אַלץ מעהר און מעהר פאַרשיינען, וואָס זענען אָבגעשטאַנען פון דער גרויסער אַרמעע, אין משונה'דיגע בגדים און אָנגעהויכטס. נישט זעלטען פלעגען מיר אָנבעגעגענען קליינע וועגלעך מיט איינעם אָדער צוויי מאָגערע פערדלעך. אין וועגעל פלעגט ליגען עפּיס צו עסען און דערביי פלעגען זיצען אַ דריי-פיר שטאָלצע זעלנער פון דער גוואַרדיע אָדער גרענאַדערן. מיילמאָל פלעגען מיר אָנבעגעגענען דעמבען-הויכע קיראַסירען, וואָס פלעגען רייטען אויף קליינטשקע פוילישע בויערשע פערדלעך און די פיס פלעגען זיי שלעפּען איבער דער ערד. אַנ'אַנדערש מאָל פלעגט אַזאַ רייטער ציהען זיין וועג צוזאַמען מיט אַ קליינער מחנה חברים, וואָס זענען געגאַנגען צופוס. אין אַ צווייטען אָרט פלעגען אונז פלוצלונג קומען פאַר די אויגען אַ דריי-פיר יעגערס, וואָס פלעגען טרייבען אַ פּאָר אויסגעמאַטערטע בהמה'לעך. דידאָזיגע מאַראָדערן- און רויבער-גרופּעס, וואָס האָבען אויסגעזעהן אָדער קאָמיש אָדער פער'יתום'ט און נעבעכדיג, זענען על-פּי-רוב בעשטאַנען פון די-יעניגע, וועלכע זענען אָבגעפאַלען פון דער גרויסער אַרמעע, האָבען זיך אַרומגעשלעפּט הינטער איהר און געזוכט צו עסען. זיי האָבען אויך געהאַט איין צוועק: קומען קיין מאָסקווע.

מיר האָבען זיך שטאַרק געראַנגעלט מיט דער נויט און האָבען זעהר שלעכט געלעבט, אָבער מיר האָבען זיך דאָך גערוקט פאָראויס און דעם 4-טען סעפּטעמבער זענען מיר אַריין אין וויאַזמע. די קריגס-געשעהענישען האָבען זיך דאָ כמעט פון-באַנדערגעוויקעלט פאַר די אויגען און די פערוויסטונגען האָבען זיך נאָר-וואָס אָנגעהויבען. דער טייל שטאָדט, וואָס האָט אונז גאַנץ וואַרים אויפגענומען, האָט געליטען בלויז פון גזלה, אָבער נישט פון שרפות. דערפאַר אָבער האָט דער צווייטער טייל שטאָדט, וואָס דורך איהם האָט דער וועג אונז געפיהרט קיין גושאַטסק און מאָזשאַיסק, זיך גאָר געוויכערט פון דער שרפה.

מיר האָבען בעגעגענט אַ סך פערוואונדעטע פון מוראַטס לייכטער קאַוואַלעריע. זיי האָבען אונז דערצעהלט, אַז הינטער דער שטאָדט האָבען די רוסישע רייטער געשטעלט אַ גרויסען

ווידערשטאנד, אז עס איז דא א סך פערוואונדעטע און אז דא קאן זיך פונאנדערוויקלען א גרויסע שלאכט.

מיר זענען געגאנגען ווייטער מיט דעם גרויסען טראקט און אלץ מעהר און מעהר האבען מיר אנגעטראפען שווערע מלחמה-בילדער. עפטער האבען מיר איצט בעגעגענט גרויסע אנגעלאדעוועטע וועגענס און לאגער-פייערן. מיר האבען אויך אנגעגעגענט פערוואונדעטע; ארום אונז האבען זיך געוואלגערט די קערפער פון געפאלענע העלדען און פון אלץ האט מען געקאנט פערשטעהן, אז מיר דערנעהנטערן זיך צו דער גרויסער ארמעע.

ביי א מייל פון וויאזמע האבען מיר פערלעגט א לאגער; דאס איז געווען רעכטס פון וועג, ביי א שענעם גוט און ישוב, אויפ'ן ברעג פון א טייך. דא האבען מיר געפונען עססענווארג פאר זיך און פאר די פערד. די זאטקייט האט אזוי געענדערט מיין געמיט, אז איך האב געמאכט א שפאציר אין פארק פונ'ם שענעם גוט און אומגעקעהרט האב איך מיך אין אזא געהויבענער שטימונג, פונקט ווי איך וואלט פערבראכט אנ'אווענד אין ווינער פראטער.

אין דערדאזיגער נאכט און אויף מארגען אינדערפריה האבען מיר צום ערשטען מאל בעמערקט, אז עס ווערט קעלטער. מיר האבען שטארק געפראהרען, אבער בייטאג האט אונז דערווארימט די זון. נאך שטארקער האבען מיר געשפירט די קעלט דעם 5-טען סעפטעמבער, בשעת מיר זענען בעגינען צוגעגאנגען צו דער שטאדט גזשאטסק. דא האבען מיר שוין אנבעגעגענט רייטער אין ווייבערשע פוטערס מיט צוגעדעקטע אויערן און אז. וו. דידאזיגע נייע קאסטיומען האבען געגעבען א סך שטאף צום לאכען, דאך אבער האט מען עס זיי נישט פערוועהרט צו טראגען. דער פאלק-קאמאנדיר מאיאר פאן-הארסבערג האט מיר די לעצטע נאכט געשענקט א פוטער. פאר דערדאזיגער מתנה בין איך איהם נאך עד-היום דאנקבאר. איך האב דעם פוטער שטארק אבגעהיט. ברויט און קליידער האבען בכלל נעשפילט א גרויסע ראלע אין יענער צייט. זיי האבען געהאט א גרעסערן ווערט פון נאלד. אבער צוריקוועגס, הינטער ארשע, בשעת איך האב פער-

לאָרען מיין פערד און האָב געמוזט גייען צופוס, האָב איך געמוזט אַוועקוואַרפען דעמדאָזיגען פוטער. איך האָב איהם אַריינגעוואָרפען אין אַ קאַנאַווע, ביים וועג.

אין אַלע מלחמות צעוואַרפט דער מיליטערישער עולם אַ סך שטרוי איף די וועגען און אַרום די פערוויסטעטע הייזער. אין דערדאָזיגער מלחמה איז עס געשעהן אין אַ גרעסערער מאָס. וואוהין מיר פלעגען קומען, פלעגען מיר געפינען אַ סך שטרוי, וואָס די פריהער-געקומענע פלעגען איבערלאָזען. אַוועקגעהענדיג, פלעגען מיר, נאַטירליך, נישט אויסלעשען די פייערן, וואָס מיר פלעגען פריהער פונאַנדערלעגען און אַזויאַרום פלעגען מיר אומעטום מאַכען שרפות, כאָטש מיר זענען נישט געווען קיין בעוואוסטזיניגע אונטערצינדער. אַזוי איז שוין דער כאַראַקטער פון אַ מלחמה! דער זעלנער בלאָזט אין האָרן, עס קלאַפען די פויקען. אין אַזאַ מינוט כאַפט מען וואָס שנעלער דעם ביקס און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין, און דאָס, וואָס מען לאָזט-איבער הינטער זיך—וועגען דעם טראַכט מען גאָרנישט.

גושאַטסק, אַ שטעדטעל מיט הילצערנע הייזער, האָט שוין נישט אַזוי געליטען פון די שרפות. מען האָט אונז געזאָגט, אַז מיט אַ פאָר טעג פריהער האָט דאָ גענעכטיגט נאַפּאָלעאָן. דאָס ערשטע מאָל האָבען מיר דאָ בעמערקט דעם אָרטיגען מנהג: בלומען אין די צימערן און אויף די פענסטער. דערדאָזיגער שטריך האָט זיך אונז בעזונדערס געוואָרפען אין די אויגען דערפאַר, ווייל מיר זענען געוועהנט געווען צו זעהן בלומען אין דרויסען און נישט אין שטוב.

מיט אַנ׳אָווענד פריהער האָבען מיר געהערט אַ שטאַרקע קאַנאָנאַדע. היינט איז אָבער שטיל. מיר האָבען געזעהן אַ סך מיליטער, וואָס איז אָבגעשטאַנען פון דער אַרמעע און האָט זיך איצט געאיילט צו איהר. מיר האָבען אָבער אויך געזעהן אַ סך פערוואונדעטע מיט פערבינטעוועטע קעפּ אָדער הענד. דידאָזיגע זענען ערשט נעכטען פערוואונדעט געוואָרען, בשעת עס זענען בעשטורמט געוואָרען די ערשטע אָקאָפּעס פון רוסישען לאַגער

אונטער באָראָדינאָ.*)

צווישען די אָבגעשטאַנענע האָבען מיר בעמערקט אַ סך יונגע אָפיצירען פון אונזער קאָרפוס. אַז מיר האָבען זיך גע'הדוש'ט דערויף, וואָס זיי זענען אָבגעשטאַנען, האָבען זיי אונז געזאָגט, אַז נאָך די געשעהענישען אונטער סמאָלענסק זענען די מעהר אָבגעשוואַכטע פאָלקען פערוואַנדעלט געוואָרען אין באַטאַ-ליאָנען, און דאָס האָט געבראַכט צו אַנ'איבערפלוס פון אָפיצירען. מען האָט זיי געהייסען נאָכגעהן נאָך דער הויפטקוואַרטיר. זיי זענען געפאָהרען אויף קליינע פוילישע פערד און אָנשטאָט דעם געוועהנליכען געפעק, האָבען זיי געפיהרט זעקלעך מיט ברויט. דאָס האָט זיי צוגעגעבען עפּיס אַ משונה'דיגען אויסזעהן.

צו מיטאָג האָבען מיר דערגרייכט דעם גרויסען קאָלאָצקער מאָנאַסטיר, וואָס איז געלעגען לינקס פון וועג. די הייזער אַרום איהם האָבען געברענט. פראַנצויזישע אָפיצירען פון די העכסטע ראַנגען זענען צוזאַמען מיט זייער דינערשאַפט אַריין און אַרויס פון דאָרטען, און דערפון האָבען מיר פערשטאַנען, אַז דאָרטען מוז זיך געפינען נאַפּאָלעאָן, דאָס איז אָבער געווען בלויז זיין סוויטע, אָהן איהם. זיי האָבען זאָיך געפיהרט מיט זיך אַ דרוקע-ריי פאַר דער הויפטקוואַרטיר. נאַפּאָלעאָן אַליין איז געגאַנגען פאָראויס און האָט געמאַכט די נויטיגע הכנות צו דער מאָרגענ-דיגער שלאַכט. מיט יעדען נייעם שריט, וואָס מיר האָבען גע-מאַכט פאָראויס, האָט מען אַלץ מעהר און מעהר געשמועסט וועגען דערדאָזיגער שלאַכט.

אַזוי זענען מיר געקומען צו דעם קליינעם טייכעל קאָלאָ-טשי, וואו די אַרמעע האָט געלאַגערט אין פערשידענע ריכטונגען. צווישען דעם מאָנאַסטיר און דער גרויסער אַרמעע, לינקס פון וועג, האָבען מיר דערזעהן אַ גרוב, בעוואַקסען מיט גראָז, און דאָרט האָבען זיך געוואַלגערט העגד און פּיס און טויטע קערפּערס. וואַהרשיינליך, האָט דאָ נעכטען געאַרבייט לאַריי מיט

*) דאָ ווערט געמיינט דער שעוואַרדינער געפעכט (דעם 5־טען סעפט.) פאר דער גרויסער שלאַכט ביי באָראָדינאָ.

זיינע חברים און פעלד-שפיטאָלען.

אַזוי־אַרום האָבען מיר דערגרייכט אונזער צוועק: מיר האָבען זיך פעראייניגט מיט דער גרויסער אַרמעע. דעמדאָזיגען טאָג האָבען מיר אייגענטליך בעדאַרפט פייערן, דאָס האָט בעדאַרפט זיין אַ יום-טוב-טאָג, אָבער די נויט און די שווערע שטימונג האָבען נישט דערלאָזט, מיר זאָלען זיך פרייען.

מיר האָבען לאַנג בעדאַרפט וואַרטען אויפ'ן גרויסען טראַקט, ביז וואַנען מען האָט אונז אָנגעוויזען אַן אָרט, וואו צו לאַגערן. דערווייל, וואַרטענדיג, האָבען מיר און אונזערע פערד געשטילט דעם דורשט מיט'ן פרישען וואַסער פונ'ם דערמאָהנטען טייכעל און מעהר האָבען אונזערע לעדיגע מאָגענס גאָרנישט געפונען.

דערפאַר האָבען מיר געהאַט גענוג געלד, ווייל עס איז נישט געווען וואו אויסצוגעבען עס. דערצו איז אין דערדאָזיגער צייט אַרויס אַ בעפעהל: יעדער זאָל בעקומען זיין חלק געלד. איך האָב בעקומען דרייסיג אַלבערטסטאָלער, אָבער איך האָלט מיך מיט פערגעניגען אָבגעזאָגט פון זיי, ווייל זיי האָבען געוואויגען זעהר אַ סך. אגב האָט מען, ביים בעסטען ווילען, גאָרנישט געקאָנט קויפען פאַר זיי און פון עסענוואַרג איז סתם קיין זכר נישט געווען. גלייכצייטיג האָבען מיר זיך אויך דערוואוסט, אַז אונזערע וועגענס ווערען, לויט אַ בעפעהל פון אויבען, צוגענומען פאַר דער אַרמעע, צו פיהרען אין זיי פערוואונדעטע, און אונזער גאַנצער געפעק איז אַראָבגעוואָרפען געוואָרען.

אונזער לאַגער האָט זיך געפונען הינטער'ן טייכעל, אין רוקען פון מאַרשאַל נעיס קאָרפוס. פאַר אונזער פראָנט איז שוין געשטאַנען אַ גאַנץ שיטערער קאָרפוס פון אונזערע לאַנדסלייט און הינטער אונז האָט זיך געצויגען זייער טראַנספּאָרט. מיין הייסער בעגעהר צו זעהן זיך מיט מיינע פריינד איז באַלד מקוים-געוואָרען. איך האָב אָבגעזוכט מיין יוגענד-פריינד, דעם הויפט-כירורג קעלדרייטער. ער האָט אויסגעזעהן אַזוי געזונד און פריש, אַז אַלץ, וואָס איז געשעהן ביז אַהער, האָט איהם גיכער געקרעפטיגט, איידער אָבגעשוואַכט, און די נויט און הונגער האָבען איהם גאָרנישט אָנגערירט, און טאַקי דערפאַר האָט ער באַלד נאָך די

ערשטע בעגריסונגס-ווערטער אַ זאַג געטהאָן צו מיר: „דו מוזט עסען און טרינקען. „נעהם דיר דאָ פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב", הגם זיין גאַנץ האָב-און-גוטס איז בעשטאַנען פון ברויט און בראָנפען, דאָך האָב איך איהם געהאַלטען פאַר אַנ'עושר און אַ בר-מזל, וואָרום קיין בראָנפען האָבען מיר שוין נישט געהאַט פון יענער צייט אָן, ווען מיר זענען אַרויסגעטראָטען אויפ'ן גרויסען טראַקט; ברויט, ווידער, האָבען מיר געהאַט אַזוי ווייניג, אַז מיר פלעגען עס טיילען אין קליינינקע פאָרציעס.

מיין פריינד האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק בעקומען בריף פון דערהיים. איך האָב זיי איבערגעלייענט. מיר ביידע האָבען דאָרט געפונען די טרויעריגע בשורה וועגען דעם טויט פונ'ם הויפט-דאָקטאָר יאַקאָבי, אונזער לעהרער און שעף, וואָס איז געווען מיין פריינדס אַ פעטער. פאַר די אויגען האָבען מיר גויט, הונגער און צער, פאָראויס און פון הינטען—שרעקליכע מלחמה-פלאָגען; פון דערווייטענס—טרויעריגע בשורות וועגען טויט און מאָרגען—אַנ'ענטשיידענע שלאַכט, וואָס איהר אויסגאַנג האָט אונז אַלעמען בעלאָדען מיט שווערע זאָרגען און אונרוהיגקייט— דאָס אַלץ קאָן דייטליך בעווייזען אין וואָס פאַר אַ שטימונג מיר האָבען געלעבט. ביז שפעט אין אָווענד האָבען מיר צוזאַמען פערבראַכט, דערנאָך אָבער האָבען מיר זיך געמוזט צושיידען, ווייל מיר האָבען בעדאַרפט מאַכען הכנות צו דער מאָרגענדיגער שלאַכט. צושיידט האָבען מיר זיך מיט דער האָפנונג, אַז מיר װעלען איבערקומען בשלום אַלע שוועריגקייטען און מניעות.

זעכסטער קאַפּיטעל.

די באָראָדינישע שלאַכט.- נאַפּאָלעאָנס בעפעהל.—די ערשטע אָקאָפּעס זענען גענומען.—מיין אַרבּייטספּונקט.—עס מעהרען זיך פּערוואונדעטע.—גענעראַל מאַנבּרען איז פּערוואונדעט.—די צווייטע אָקאָפּעס זענען גענומען.—די דריטע אָקאָפּעס זענען גענומען.— די רוסען ║טרעטען-אָב.—ווידעראַמאָל מיט מוראַט'ן אין אַוואַנ- גאַרד.—דער אָנגריף דורכ'ן וואַלד.—אַ דועל.—אַ שטילע נאַכט.—

מאָרגען האָבּען בעדאַרפט פּאָרקומען גרויסע געשעהעניששען, און די נאַכט האָט במעט קיינער נישט געשלאָפען. נעכטען האָט מען געזעהן די בעקוועמע פּאָזיציע פון די רוסען, זייערע הויכע אָקאָפּעס, וואָס האָבּען זיך געצויגען אויף אַ לאַנגען שטח אַרום זייער לאַגער און דאָס גלאַנצען פון זייער געוועהר הינטער די אָקאָפּעס סאַמע ביזן וואַלד. מען האָט געוואוסט, אַז זיי האָבּען אַ סך שווערע האַרמאַטען און מען האָט אויך געקאָנט פערשטעהן, אַז פאַר אַזאַ גרויסער אונטערנעהמונג האָבּען זיי מסתמא צונויפ-

געזאַמעלט אַלץ, וואָס האָט נאָר פערמעהרט זייער צאָהל און מאַכט. דאָס איז געווען זעהר אַנ׳ערנסטע אונטערנעהמונג אי פאַר אונז, אי פאַר זיי.

אויף אונזער זייט האָבען מיר געהאַט די זיכערקייט, אַז מיר שטייגען־איבער דעם געגנער אין דער צאָהל; מיר האָבען אויך געוואוסט, אַז מיר זענען זעהר געשיקט און פעהיג אין דער מלחמה־קונסט, דאָך אָבער שלאָגען זיך די רוסען מיט גרויס עקשנות און שטעהען פעסט אפילו אונטער די האַרמאַטענקוילען. מיינע חברים האָבען מיר דערצעהלט, ווי אַזוי די רוסען שלאָגען זיך אפילו דעמאָלט, בשעת זיי טרעטען־אָב: אונזער קאַוואַלעריע האָט פערפאָלגט אַ רוסישע פעלאָטע־מחנה פון קראַסני ביז סמאָלענסק. דידאָזיגע מחנה האָט געקעמפט אין אַ גוטער אָרדנונג און אָבגעטראָטען איז זי אַזוי קונציג, אַז די רייטער־אַטאַקעס האָבען קיין שום ווירקונג נישט געהאַט און די רוסען האָבען קיין איין מענשען נישט פערלאָרען. מיר האָבען זיך געהאַלטען פאַר שוואַכער, ווי מיר זענען עס געווען אין דער ווירקליכקייט, ווייל מיר האָבען אַ סך געליטען הונגער און נויט און די נערווען זענען געווען זעהר אָבגעשטרענגט.

די אינפאַנטעריע און די אַרטילעריע האָבען נאָך נעכטען, באַלד ווי עס איז געוואָרען נאַכט, פערנומען זייערע פּאָזיציעס. מיט דעם ערשטען שיין פון דעמדאָזיגען געדענקליכען טאָג האָבען מיר זיך שוין אַנידערגעזעצט אויף די פערד. מענשען און פערד האָבען געהאַט לעדיגע מאָגענס. מיר האָבען זיך פערנומען רעכטס, הינטער׳ן וואַלד, וואו עס איז געשטאַנען אונזער אינפאַנטעריע. פאָראויס פון דעמדאָזיגען וואַלד איז געשטאַנען דער לינקער פלאַנג פון דער רוסישער אַרמעע, בעשיצט מיט הויכע אָקאָפּעס. עס איז געווען זעהר פריה און שטיל, די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען. מיר האָבען געהאַט אַ בעפעהל זיך צונויפצוזאַמלען אויף די בעשטימטע פונקטען, די פריהמאָרגען־קעלט האָט געצוואונגען אונזערע סאָלדאַטען אָנצוהאַקען עטוואָס מאַהאָלדער און פערלעגען אַ פייער. צום הימעל האָט זיך געסראָגען דער רויך, ווי אַ זייל און מיר האָבען אין שפּאַס געזאָגט,

אַז דאָס איז אַ גוטער סימן, אַז מיר וועלען זיגען.

עס איז געוואָרען ליכטיגער, מיר האָבען זיך פון דאָסניי געזעצט אויף די פערד, און דער אַדיוטאַנט גראַף פאָן-גרעווענין האָט אונז אין דער דייטשער שפּראַך איבערגעלייענט דעם בעקאַנטען און געדענקליכען טאָג-בעפעהל צו דער אַרמעע. דערדאָזיגער אַדיוטאַנט איז געווען אַזוי צוהיצט און איילינ, ער האָט געהאַט אַזויפיל שלאַכט-פיבער, אַז אָנשטאָט צו לייענען ביים סוף פון בעפעהל: „אונטער מאָסקווע", האָט ער געלייענט: „מאָסקווע, דעם 7-טען סעפּטעמבער 1812, נאַפּאָלעאָן."

דערווייל איז נישט נאָר אויפגעגאַנגען די ליבע זון—עס האָט זיך אויך אָנגעהויבען די שלאַכט. פאָראויס פון וואַלד, הינטער וועלכען מיר זענען געשטאַנען האָט זיך אויפגעהויבען אַזאַ מין געפילדער און מיר האָבען געהערט אַזוינע דייטליכע און קלאָרע אויסגעשרייען, פונקט ווי אַלע לשונות פון איירָאָפּאַ וואָלטען מיט אַמאָל גענומעןריידען, כאָטש אָרום האָבען געהערט די שווערע האַרמאַטען און ביקסען האָבען געשאָסען. אַזוי האָבען מיר, לפּחות, זיצענדיג אויף די פערד, געקאָנט אונטערשיידען בעקאַנטע און אונבעקאַנטע לשונות. געדויערט האָט עס ביי אַ פערטעל שעה, דערנאָך איז געוואָרען שטיל, זעהר שטיל, און דערפון האָבען מיר געדרונגען, אַז עס איז פאָרגעקומען עפּיס ענטשיידענדיגעס. די ערשטע אָקאָפּעס אויף אונזער רעכטען פלאַנג—אויף דעם לינקען פלאַנג פון די רוסען—זענען גענומען געוואָרען דורך נעיס אַרמעע, וואָס איז בעשטאַנען פון פראַנצויזען און אונזערע לאַנדסלייט, און אויך פון די פּאָליאַקען אונטער פּאָניאַטאָווסקיס קאָמאַנדע.

אונזער פּאָזיציע האָט זיך געפונען אויסער דער ספערע פון פייער. אין וואַלד איז, אפנים, קיין איין קויל נישט אַריינגעפאַלען, און דעריבער האָט אונז די שיסעריי נישט געשאַדט. דער אָנהויב פון דער שלאַכט האָט, אַלזאָ, בלויז געוויילט אונזער געהער.

איניכען אָבער איז די זאַך געוואָרען ערנסטער, מיר האָבען זיך געמוזט אַ רוק טהאָן לינקס און דאָ האָבען אונז די

קוילען נישט דערגרייכט. די שלאַכט האָט זיך צונויפגעקערט אויף דעם גאַנצען שטח פון די אָקאָפּעס. פון אַלע זייטען האָט זיך דערהערט אַ קנאַקען און אַ דונערן, געהנליך צו ערדציטערניש. מיר האָבען זיך געלאָזט רייטען הינטער אַ גרעסערער צאָהל פּאָלקען, וואָס זענען געשטאַנען גרייט צום קאַמף, און האָבען זיך אויסגעשטעלט אין מיטעלפּונקט פון דער קאַמפּסליניע, קעגען די וויכטיגסטע אָקאָפּעס פונ׳ם רוסישען צענטער. פאָראויס האָבען מיר געהאַט אַ גרויסע קאָלאָנע פון דער קייזערליכער פוס-גוואַרדיע, פאַר דער גאַנצער צייט פון דער שלאַכט האָט זיך די קאָלאָנע געהאַלטען אויף דעם אייגענעם אָרט. זי האָט קיין איין מאָל נישט אויסגעשאָסען און נישט געהאַט קיין איין פערוואונדעטען. צו איהר האָט זיך בעהעפט אַ טייל פון דער פרייסישער אַרטילעריע.

אין דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער שלאַכט האָט די אינפאַנטעריע געמאַכט עטליכע אַטאַקעס אויף דעם מיטעלסטען באַסטיאָן פון דעם רוסישען לאַגער און די קיראַסירען האָבען זיי מיטגעהאָלפען. דעם שונא׳ס קוילען זענען איבערגעפלויגען די רייהען פון אונזער לייכטער קאַוואַלעריע און זי נישט אָנגע־ריהרט. איך האָב דערווייל נישט געהאַט קיין אַרבייט, האָב איך מיר אָבגעזוכט אַ פּאַסיגען אָרט הינטער אונזער פראָנט, אַזאַ פּאַ־סיגען אָרט קאָנען זיך נאָר ווינשען דאָקטוירים אויפ׳ן שלאַכט־פעלד. דאָס איז געווען אַ קליינער טהאָל, וואָס איז געווען צו־געפּאַסט פאַר מיר, פאַר מיינע געהילפען און די פערד. איבער׳ן טהאָל איז געלאָפען אַ קליין טייכעלע, ערטערווייז פערוואַקסען מיט קוסטעס.

פון אָנהויב האָב איך געהאַט גענוג צייט נאָכצוקוקען דאָס בלוטבאָד. אָבער אַז אַרום מיר האָבען גענומען פייפען איינציגע שווערע קוילען, האָב איך בעשלאָסען איינצוהאַלטען מיין נייגי־ריגקייט. אָט האָט מען שוין גענומען פיהרען און טראָגען אָפי־צירען און סאָלדאַטען: זאַקסער, וועסטפאַליער, פראַנצויזען, וויר־טעמבערגער און אפילו רוסען. על-פי-רוב זענען דאָס געווען קאַוואַ־לעריסטען מיט שווערע וואונדען און צוהאַקטע ביינער. מען האָט

געקאָנט זעהר אַ סך דערצעהלען וועגען מאַנכע אייגענאַרטיגע וואונדען און וועגען דער אויפפיהרונג פון די פערוואונדעטע, אָבער דאָס וואָלט אונז צו-ווייט פערשלעפּט. איך וועל עס נאָר עטוואָס בעריהרען.

ביי איינעם אַ קיראַסיר פון דער זאַקסישער לייב-גוואַרדיע, אַ מענש פון אַ זעלטענער וואוקס, זענען אַלע מוסקולען אויף דער לינקער לענד—פון דער קניה ביז'ן געזעס—צוריסען געוואָרען דורך אַ גראַנאַט ביז'ן ביין. די צוריסענע מוסקולען און די שטיקער פלייש האָבען געמאַכט אַנ'איינדרוק פון איין גרויסער שרעקליכער וואונד, אָבער קיין בלוט איז פון איהר נישט געגאַנגען.

געריסענע און געדריקטע וואונדען גיבען בכלל ווענינ בלוט, מחמת די געפעסען ווערען פּאַראַליזירט. אפילו די אַרטעריעס גיבען אַמאָל נישט קיין בלוט. פערקעהרט, די וואונדען, וואָס ווערען געמאַכט מיט אַ שאַרפען געוועהר, לויפען-אָב מיט אַ סך בלוט. דערדאָזיגער ריזיגער זאַקסער האָט פערמעגט אַזויפיל מוט, ווי וואוקס. „מיין וואונד איז אפילו אַ גרויסע,—האָט ער געזאָגט,—אָבער זי וועט שנעל פערהיילט ווערען, וואָרום איך בין אַ מענש אַ געזונדטער און ריין בלוט האָב איך.״ שוין ווייניגער מוט און גלויבען אין זיך האָט אַרויסגעוויזען אייבער אַ יונגער אָפיציר פון דעם איינענער פּאָלק. ער איז געווען נישט הויך און האָט געהאַט אַ פיינעם צאַרטען קערפּערבוי. ער האָט, אפנים, בעלאַנגט צו דער הויכער אַריסטאָקראַטיע פון זיין פאָטערלאַנד און איז געווען זעהר גוט דערצויגען. אַ קויל פון אַ ביקס האָט איהם דורכגעשאָסען די האַנד. ביי זיין גאַנצער אונרוהיגקייט האָט ער זיך דאָך נישט געקלאָגט אויפ'ן וועהטאָג פון דער וואונד, אָבער עס האָט איהם שמאַרק מצער-געווען דער פאַקט גופא, אַז ער איז פערוואונדעט, אַז ער קאָן בלייבען אַ קאַליקע, אַז זיין פערד און מאַנטעל זענען פערלאָרען געגאַנגען, אַז ער האָט נישט ווער עס זאָל איהם גוט אויפפּאַסען און אַז ער איז וויים פון דערהיים. דאָס אַלץ האָט אין מיר אַרויסגערופען עפּיס אַ רחמנות צו איהם, און נאָך דעם בינט, וואָס איך האָב איהם געמאַכט, וואָלט איך איהם גאַנץ גערן איבערגעגעבען צו זיין מאַ-

מעשי, ווען גושאַטסק וואָלט זיין דרעוזרען. די פּראָוונציזען האָבען בכלל אַרויסגעוויזען אַ סך געדולד און רוהיגקייט און אַ סך פון זיי האָבען אויסגעהויכט דעם לעצטען אָטעם נאָך פריהער, איידער די מעדיצינישע הילף איז דערגאַנגען צו זיי. אָבער אַז דער וועסטפאַליער, צום ביישפּיל, האָט נאָר פערלאָרען די רעכטע האַנד, האָט ער זיך שוין געזידעלט אויף וואָס די וועלט שטעהט און האָט געשאָלטען נאַפּאָלעאָנ׳ען מיט זיין ברודער און שטאַרק בעדויערט, וואָס ער קאָן זיך נישט נוקם-זיין אָן זיי.

די צאָהל פּערוואונדעטע האָט זיך אַזוי פערגרעסערט צו מיטאָג, אַז מיר האָבען געקאָנט פּאָראויסזעהן, אַז מיר וועלען דאָ האָבען צו אַרבייטען ביז נאַכט. די צאָהל דאָקטוירים האָט זיך אָבער אויך פערגרעסערט און זיי האָבען באַלד אַריינגעטראָגען רוה און לינדערונג צווישען די פּערוואונדעטע. מאַנכע זענען געשטאָרבען אונטער די הענד. מען האָט געבראַכט וועגענס אַי-בערצופיהרען די פּערוואונדעטע. די פּערוואונדעטע פון אונזער פּאָלק זענען איבערגעפיהרט געוואָרען אין אונזער לאַגער און אין מאָנאַסטיר, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט הינטער׳ן שלאַכט-פעלד. מאַנכע פּערוואונדעטע האָט מען אויך איבערגעפיהרט אין די דערבייאיגע דערפער. נאָך פריהער, פאַר דער שלאַכט, זענען אונז, דאָקטוירים, אָנגעוויזען געוואָרען די ערטער, וואו צו לעגען די פּערוואונדעטע.

בשעת מיר האָבען אַ היבשע צייט געאַרבייט אונזער בלו-טיגע אַרבייט אין דעמדאָזיגען טהאָל, איז איבער אונזערע קעפּ אַריבערגעפלויגען נישט איין שווערער גראַנאַט פון די רוסישע אָקאָפּעס. מאַנכע גראַנאַטען פלעגען זיך איינגראָבען אין דער ערד אין דעם הינטערשטען טייל פון טהאָל, אַנדערע, ווידער, פלעגען אַראָבפאַלען אין דעם פאָדערשטען טייל. פון דער רוסי-שער זייט, נישט ווייט פון אונז, האָט מען פלוצלונג אויפגעהערט צו שיסען און איך בין געווען אַ בעלן אַ קוק צו טהאָן, וואָס טהוט זיך דאָרט, אויבען, ביי די אונזעריגע. איצט האָב איך גע-זעהן איבערגעטראָגענע פּאָזיציעס און דאָס האָט מיר געשיינט ווי אַ גוטער אויסגאַנג פון דער שלאַכט. דערווייל אָבער איז איבער

דער גאַנצער ליניע געגאַנגען אַ שיסערײ. מען האָט געהאַקט פון די ביקסען, געדונערט פון האַרמאַטען, די לופט האָט געציטערט פון געשרײען. אַהין-און-צוריק זענען אומגעפלויגען אַדיוטאַנטען. אײנציגע קוילען זענען דערפלויגען צו יענעם אָרט, וואו איך בין געשטאַנען. איך האָב געזעהן, ווי לינקס, אַ טריט דרײסיג פון מיר, איז דער בעקאַנטער, געשעצטער און געליבטער פראַנצויזישער דיוויזיע-גענעראַל מאָנברען פלוצלונג בלאַס געוואָרען און אַראָבגעפאַלען פון פערד. איך בין באַלד געלאָפען צו איהם — איך האָב איהם געוואָלט געבען די ערשטע הילף, אָבער איך בין נישט געווען דער ערשטער: צוויי פראַנצויזישע דאָקטוירים זענען געשטאַנען נעהנטער צו איהם. מיר האָבען אײנגעפונען, אַז ער איז שטערבליך פערוואונדעט אין בויך מיט די שטיקער פון אַ גראַנאַט. די גרויסע וואונד האָט געגעבען ווייניג בלוט. ער איז שנעל בלאַס און געלב געוואָרען. שטענדיג אַ בעוועגליכער און אַ פרעהליכער אין לעבען, האָט איצט זײן פײערדיגער בליק גע־גוסס׳ט און די לעבענסקרעפטען האָבען איהם פערלאָזט. דאָך האָט ער אונז געגעבען צו פערשטעהן דורך אַ שוואַכען קול און זשעסטען, מען זאָל איהם איבערטראָגען אַהין, וואו ער האָט פער־בראַכט די לעצטע נאַכט. דאָרט איז ער געשטאָרבען פינף אַ זייגער נאָך האַלבען טאָג, אינ׳ם שטילען שאָטען פון אַ הײזעל, נישט ווײט פון אונזער לאַגער.

די פראַנצויזען האָבען זעהר שנעל און געשיקט צוגעגרייט טראָגבערעטלעך, אַרומגעלעגט זיי מיט בעראָזע-צווייגען, וואָס האָבען אײנגעהילט דעם פערוואונדעטען אין אַ ווייכען שאָטען. זיי האָבען זיך בעצויגען צו איהם מיט גרויס ליבע און אַכטונג, און דאָס האָט אונז אַלעמען שטאַרק גערירט.

איצט בין איך ווידעראַמאָל אַוועק אין טהאָל, פאָרטצוזעצען דאָרט מײן אַרבייט צוזאַמען מיט מײנע חברים. די צאָהל פער־וואונדעטע איז שוין פערקלענערט געוואָרען, ווייל די צווייטע גרויסע אָקאָפּעס, קעגען אונז, זענען גענומען געוואָרען. דער גאַנצער אינטערעס פון דער שלאַכט איז איצט קאָנצענטרירט געוואָרען אויף אונזער לינקען פלאַנג (דער רעכטער צו די רוסען),

דאָרט, וואו עס איז געשטאַנען די איטאַליענישע אַרמעע.

די אָנגעקומענע פּערוואונדעטע האָבען דערצעהלט שרעקליכע זאַכען, וואָס זענען געשעהן בשעת'ן אַטאַקירען דידאָזיגע אָקאָפּעס. אין און אַרום די אָקאָפּעס וואַלגערן זיך מאַסען טויטע. סיי די אָנגרייפער און סיי די אָנגעגריפענע שלאָגען זיך מיט גרויס עקשנות. איצט ווערען צושטערט די אָקאָפּעס און די טויטע ווערען פערשאָטען מיט דער ערד פון דידאָזיגע אָקאָפּעס.

אין דערדאָזיגער צייט איז נאַפּאָלעאָן מיט זיין גרויסער סוויטע פאַרבייגעפאָהרען פאַרביי אונזער טהאָל. ער האָט זיך בעוועגט לאַנגזאַם און רוהיג און דערפון האָבען מיר געדרונגען, אַז ער איז צופרידען מיט'ן גאַנג פון דער שלאַכט. מיר האָבען זיך נאָך אַלץ נישט אויסגעלערנט צו פערשטעהן דעם אויסדרוק פון זיין ערנסטען פּנים, ווייל סיי אין פרייד און סיי אין נויט, ביי אַלע אומשטענדען, האָט זיין פּנים שטענדיג אויסגעזעהן קאַלט און רוהיג.

פאַרביי אונז האָבען זיך געצויגען שיריים פון פּאָלקען, צובראָכענע האַרמאַטען, אָפיצירען, וואָס זענען אָבגעריסען געוואָרען פון זייערע מיליטערטיילען און סאָלדאַטען פון פערשידענע פּעלקער. עס איז פאַרבייגעפאָהרען אַ לייכטער קאַוואַלעריע-פּאָלק פון ווירטעמבערגישען הערצאָג היינריך. דערדאָזיגער פּאָלק איז אַזוי צושמאָלצען געוואָרען אין דער שלאַכט, אַז מיר האָבען אָנגעצעהלט אַרום און צוויי אָפיצירען און צוואַנציג סאָלדאַטען. שפּעטער האָב איך דעם אייגענעם פּאָלק געזעהן אַ פערגרעסערטען.

וואָס מעהר די זון האָט געניידערט, אַלץ מעהר איז אָבגערייניגט געוואָרען דאָס קאַמפּספעלד. דאָרט, וואו דער רעכטער פליגעל און די ביידע אַרמעען זענען געשטאַנען, איז איצט שטיל געוואָרען. די רוסען האָבען קאָנצענטרירט זייערע קאַמפּסקרעפטען אויפ'ן רעכטען פלאַנג און האָבען זעהר דרייסט פערטיידיגט די דריטע שוצגריבער געגען די איטאַליענער. ביידע צדדים האָבען אָנגעגריפען און זיך אָבגעשלאָגען מיט געשרייען, ביקסען- און האַרמאַטען-שיסעריי. איבט איז דער קאַמף געגאַנגען פערביסענער.

די פריהער. לויט'ן שטייגען און פאַלען פון דעמדאָזיגען געפיל־דער, פון דידאָזיגע דונערן און גוואַלדען האָבען מיר געמאָסטען דעם מיליטערישען ערפאָלג פון ביידע זייטען, ביז די רוסישע האַרמאַטען אין דער־הויך פון די שוצגראָבענס זענען אַנטשוויגען געוואָרען און האָבען אונז איבערצייגט, אַז מען האָט זיי סוף־כּל־סוף געצוואונגען צו שווייגען. אונזער פערשטאַרקטע קאָנצענטרירונג אין דער ריכטונג פון דעם רוסישען רעכטען פליגעל, דאָרט, וואו דער גרויסער סמאָלענסקער טראַקט געהט־אַדורך דאָס שלאַכטפעלד קיין מאָסקווע דורך אַ וואַלד, האָט אונז צוגעגעבען די האָפנונג, אַז אויך דידאָזיגע שלאַכט וועט זיך ענדיגען צו נאַכט לטובת אונז.

מיר, מיינע חברים און איך, האָבען פערלאָזט דעם טהאָל. איבגיכען האָבען מיר דערזעהן אונזערע פאָלקען, אויסגעשטעלט אין קליינע שורות. מענשען האָבען זיך געקלאָגט, אַז זיי האָבען פערלאָרען אַ סך פריינד. מען האָט אונז אויך געפרעגט וועגען דעם צושטאַנד פון די פערוואונדעטע. דאָרט, וואו מיר זענען געשטאַנען, האָט זיך שוין די שלאַכט געענדיגט. קיין איין קויל איז נישט דערפלויגען צו אונז. אויפ'ן רוקען פון אַ סאָלדאַט האָט אַנ'אַדיוטאַנט געשריבען אַ בעריכט וועגען אונזערע פערלוסטען. אָבער נעבען דעם דערפעל גאָרקי האָבען די איטאַליענער נאָך געאַרבייט מיט גרויס אָנשטרענגונג. זייער אַרטילעריע האָט ענטוויקעלט אַ מערדערליך פייער און די רוסען האָבען ענערגיש געענטפערט. מען האָט געפייערט ביז נאַכט, וואָס האָט, צולעצט, געצוואונגען איבערצורייסען די שרעקליכע אַרבייט פון דעמדאָזיגען טאָג. די רוסען זענען אָבגעטראָטען דורכ'ן וואַלד.

מיר, דאָקטוירים, האָבען געהאַט אַ סך אַרבייט, און אויב מיר האָבען זי נישט געפונען, האָבען אָפיצירען זי צוגעשטעלט. די אָפיצירען האָבען זיך בכלל מיט גרויס מיטלייד בעצויגען צו די פערוואונדעטע. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מיך איין אָפיציר אַוועקגעפיהרט צו אַ פערוואונדעטען, וועלכער איז געלעגען אין אַ גרוב, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון אַ שווערען גראַנאַט. דאָס איז געווען אַב'אונטעראָפיציר פון דער רוסישער אַרטילעריע.

דער גראנאט האט איהם צוקלאפט די אויבערשטע טיילען פון
ביידע לענדען און לחלוטין צופליקט די מוסקולען מיט דער
הויט. דאס איז געווען א געבילדעטער יונגערמאן פון קורלאנד.
ער האט געשטאמט פון א פיינער פאמיליע, האט גערעדט גאנץ
גוט דייטש און נישט שלעכט פראנצויזיש. דער אפיציר האט מיך
געבעטען, איך זאל פערבינטעווען דעם אומגליקליכען סאלדאט.
דער פערוואונדעטער האט זיך בעצויגען גאנץ גלייכגילטיג צום
בינט, אבער ער האט ארויסגעוויזען א שטארקען ווילען און האט
העלדיש איבערגעטראגען זיינע יסורים. אז איך האב איהם בע-
טראכט און געזאגט, אז די קלענסטע בעוועגונג פון די פיס וועט
ארויסרופען א נייעם בלוטשטורץ און א ריכטיג-געמאכטער בינט
וועט איהם פערשאפען גרויסע יסורים; אז דרויסען איז פינסטער
און מען קאן נישט פערבינטעווען די געפעסען, אז אנ׳אמפוטאציע
איז אונמעגליך, ווייל די וואונד געפינט זיך צו-נאהנט צום טאז—
אז איך האב איהם דאס אלץ געזאגט, האט ער א זיפץ געטהאן
און זיך בעגנוגענט דערמיט. מיר האבען איהם צוגעדעקט מיט זיין
מאנטעל און צוגעזאגט, אז מיר וועלען איהם אינדערפריה בעזוכען
און זענען אוועק.

אויפ׳ן שלאכטפעלד האט זיך אראבגעלאזט די נאכט און
אלץ איז אנטשוויגען געווארען. די פאלקען האבען זיך אומגע-
קעהרט אין זייערע לאגערן, פון וועלכע זיי זענען ארויסגעטרא-
טען אינדערפריה. מיינע פערוואונדעטע האב איך געפונען ליגען
ארום א פייער. מען האט זיי גוט אויפגעפאסט און זייער צו-
שטאנד איז געווען נישט קיין שלעכטער. ביי דער גאנצער נויט
און הונגער האט מען זיי דאך געגעבען צו עסען. אויסער א
שטיקעלע ברויט, וואס איך האב בעקומען ביי בארשע׳ן—דער
עלטסטער דאקטאר פונ׳ם קעניגליכען פאלק, וועלכען איך האב
געלי׳ען מיינע כירורגישע אינסטרומענטען—האב איך פאר׳ן גאנ-
צען טאג גארנישט געגעסען; איך האב בלויז געטרונקען וואסער
פונ׳ם טייכעל. אין לאגער האט מען מיר אויך געגעבען צו עסען,
אבער אזוי ווייניג, אז וועגען זאטקייט האט גאר קיין רייד נישט
געקאנט זיין. די פערד האט מען געמוזט האלטען געבונדענער-

חיה, ווייל דער הונגער האָט זיי געמאַכט אונרוהיג. אַ סך פערד, דערין אויך מיינס, האָבען געגעסען ציימיגען פלאַקס. זיי האָבען איהם אַרויסגעריסען פון דער ערד צוזאַמען מיט די קערנער און וואורצלען.

איך האָב געשלאָפען ביים פייער צוזאַמען מיט אונזערע פערוואונדעטע, און אינדערפריה בין איך געווען צוטויבערט און צוקנייטשט. די אַרומיגע שטילקייט און דער ריינער פריהמאָרגען האָט אין מיר דערוועקט אַ חשק, צו געהן אויפ'ן שלאַכטפעלד, וואו עס איז געשטאַנען אונזער אינפאַנטעריע. איך האָב מיך פערנומען ליבקס און אַז די זון איז אויפגעגאַנגען און געוואָרפען די ערשטע שטראַהלען אויף די מענגעס לעבעדיגע און טויטע, בין איך שוין געשטאַנען אויפ'ן שפיץ פון די שוצגריבער, וואָס זענען געלעגען אין אָרטענד גענומען געוואָרען דורך די איטאַליענער. איך האָב דאָ געזעהן דעם איטאַל'ענישען וויצע-קעניג, וואָס איז געשטאַנען מיט עטליכע אַדיוטאַנטען. זיי זענען געשטאַנען איינגעהילט אין די מאַנטלען און זיך געוואַרימט ביי אַ פייער. עס האָט געברענט אַ הינטערשטער טייל פון אַ רוסישען אומגעוואָרפענעם לאַפעט. מען האָט געשמועסט, אַז דער וויצע-קעניג האָט דאָ פערבראַכט די נאַכט. אין דער אייגענער נאַכט האָט מען אויסגעגלייכט די שוצגריבער און מיט דער ערד האָט מען פערשאָטען הונדערטער טויטע און האַלבטויטע.

וואו דאָס מיליטער איז געשטאַנען, דאָרט האָבען זיך געוואַלגערט מאַסען טויטע. איינער פון זיי, אַ יונגער רוסישער סאָלדאַט, האָט אונז ממש געמאַכט צום שטיינען. צי די אויסגעהענדיגע זון האָט איהם אויפגעמינטערט, צי די מענשען, וואָס זענען צרוכגעגאַנגען אַהין און צוריק, האָבען איהם אויפגעוועקט, אָבער ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען צווישען די קופּעט טויטע, אויסגעריבען זיך די אויגען, אַרומגעקוקט זיך מיט נישט-פערשטעהענדיגע בליקען און האָט באַלד גענומען געהן אין יענער ריכטונג, וואו עס האָבען זיך געפונען ווייניגער מענשען, און קיינער האָט איהם נישט אָבגעשטעלט. די אַלגעמיינע מיינונג—און דאָס איז וואַהרשיינליך ריכטיג—איז אַזאַ, אַז דערדאָזי-

גער יונגער סאָלדאַט איז פערטויבט געוואָרען פון דער נעכטיגער שרעקליכער קאַנאָנאַדע. עס איז אויך מעגליך, אַז אַ נאָהנטער שאָס האָט איהם פערשאָטען מיט ערד און דעריבער איז ער אַ גאַנצע נאַכט געלעגען צווישען די טויטע.

אַז איך האָב מיך אומגעקעהרט צוריק אין פאָלק אַריין, איז שוין דאָרט דערהאַלטען געוואָרען אַ בעפעהל זיך צו לאָזען אין וועג אַריין, און אַלץ האָט זיך גענומען בעוועגען. די פער־וואונדעטע האָט מען געהייסען איבערפיהרען אין אַ דאָרף הינ־טער'ן מאָנאַסטיר, ווייטער פון וועג. מיט זיי איז מיטגעפאָהרען אַ יונגער דאָקטאָר מיט זיינע געהילפען און אויך אַ טייל פון דער קאָמאַנדע, וואָס האָט נעכטען פערלאָרען די פערד. איך אָבער האָב געמוזט געהן מיט מיין פאָלק.

די דיוויזיע איז אַוועק לינקס פון שלאַכטפעלד, אין דער ריכטונג פונ'ם טראַקט, וואָס האָט געפיהרט קיין מאָזשאַיסק. אָבער איידער מיר זענען אַרויף אויף דעמדאָזיגען טראַקט, האָ־בען מיר זיך אויסגעשטעלט דערביי קעגען וואַלד, וואוהין די רו־סען זענען נעכטען אין אָוועגד אָבגעטראָטען. דאָס איז געוועזען דער אייגענער אָרט, וואו די אַרטילעריע האָט אַזוי שרעקליך געאַרבייט, אַז די טויטע זענען געלעגען שורות'ווייז.

דאָ האָבען מיר אָבגעוואַרט דעם נאַפאָליטאַנישען קעניג. דערוייל זענען די סאָלדאַטען אַרומגעגאַנגען און בעזוכט די טויטע. אַז זיי האָבען געפונען קליינינקייטען, האָבען זיי געמאַכט זעהר אַ טריבע מינע און מיר האָבען געלאַכט, קוקענדיג אויף זיי. אַז זיי האָבען געפונען בלויז עטליכע קופערנע מטבעות, האָבען זיי אויסגעוויזען זעהר קאָמיש.

מאַסען קאַוואַלעריע האָבען זיך בעהעפט מיט אונז און אָט איז געקומען דער שטענדיג בעוועגליכער און דער שטענדיג אונ־דערמידליכער מוראַט. פאָראויס! דורך טאָלען און בערג, פאָר־אויס אויפ'ן גרויסען טראַקט.

מיר זענען געגאַנגען אין אַוואַנגאַרד. מיט אונז איז בע־גאַנגען דער קעניג, וואָס האָט אַרויסגעשיקט אין וואַלד אַנ'עסקאַ־דראָן סאָלדאַטען. צוויי אומשטענדען האָבען אונז פערהאַלטען,

אין די קוסטעס, רעכטס פון אונז, איז געלעגען אַ טויטער. אָבער בשעת איינער פון די אונזעריגע האָט זיך דערנעהנט צו איהם, האָט דער טויטער גענומען בעוועגען מיט די הענד און געעפענט די אויגען. דאָס איז געווען אַ פראַנצויזישער אָפיציר, וואָס איז געלעגען אין אָוועגד, אַ פערוואונדעטער, גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט, אָבער מען האָט איהם דערפיהרט בלויז ביז דעם אָרט.

ער האָט געהאַט עטליכע וואונדען, וואָס זענען נישט פערבינטעוועט געוואָרען. געטראָגען האָט ער בלויז אַ העמד און הויזען, מיט אָפענע וואונדען, אָהן אַ היטעל, אָהן אַ מאַנטעל, אָהן דער אוניפאָרם און שיך, האָט ער אויף דער נאַקעטער ערד פערבראַכט אַ קאַלטע נאַכט, אָבער ער איז, קענטיג, געלעגען אַ געחלש'טער, און אַז מיר האָבען זיך דערנעהנט און ער האָט דערהערט אונז ריידען, איז ער אַזוי ווי געקומען צו זיך.

ער איז שוין געווען נישט יונג, מיט אַ פליך און וועניג גרויע האָהר אויפ'ן קאָפ, אָבער, קענטיג, זעהר פראַקטיש אין די מיליטערישע ענינים. ער האָט אונז געוויזען זיינע נעכטיגע וואונדען און דערביי אויך געוויזען סימנים פון וואונדען, וואָס ער האָט בעקומען אין איטאַליען, דייטשלאַנד און שפאַניען. דער קעניג האָט בעפוילען, מען זאָל דעם פערוואונדעטען אַוועקפיהרען אינ'ם דאָרף, וואו עס זענען געלעגען אונזערע פערוואונדעטע, און אַזוי ווי איך בין געשטאַנען אַמנאָהנטסטען, איז דידאָזיגע אַרבייט מיר איבערגעגעבען געוואָרען. מיין פאַציענט האָט זיך געקאָנט בעוועגען, האָב איך צוגעפיהרט מיין פערד און מיר זענען אַוועקגעפאָהרען אינ'ם דאָרף גאָרקי, וואָס איז געווען פול און פאַק מיט פערוואונדעטע. דאָרט האָב איך איהם, אויפ'ן בעפעהל פונ'ם קעניג, איבערגעגעבען די דאָקטוירים. צוזאַמען מיט די דאָקטוירים האָב איך איהם געמאַכט דעם בינט, און האָב מיך אומגעקעהרט צוריק.

אַ צווייט מאָל האָבען מיר בעגעגענט אַ מחנה קאָזאַקען. זיי זענען געווען גאַנץ ווייט פון אונז און האָבען אונז געוואָלט אַריבעריאָגען. זיי האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אין דעם אייגענעם

וואַלד, נאָר פון אַ צווייטער זייט, אָבער זיי האָבן דאָס געמאַכט אַזוי האַסטיג און שנעל, אַז מיר האָבן זיי פערלאָרען פון אויג. זיי האָבן, אפנים, געמאַכט אויסשפירונגען, אָבער מיר האָבן זיי געשטערט דערין.

איך האָב אָנגעיאָגט די אונזעריגע, וואָס זענען שוין אַוועק מיט'ן קעניג ווייט אין וואַלד. אויפ'ן וועג זענען געלעגען טויטע רוסישע סאָלדאַטען, וואָס זענען, אפנים, ביים איבערפיהרען גע-שטאָרבען פון די נעכטיגע וואונדען. דער הונגער איז אַ גוטער רבי: מען האָט גוט בודק-געווען די טויטע, און מיינע סאָלדאַטען האָבן מיר מיט גרויס שמחה דערצעהלט, אַז זיי האָבן געפונען ביי די טויטע אין די זעקלעך סוכאַרעס און זאַלץ.

איינער האָט אפילו געפונען אַ זעקעל מיט ניס. איך האָב מיר גענומען אַ טייל דערפון. און אין קאַרוטין, וואו מיר האָבן גוט געהונגערט, זענען זיי שטאַרק צונוץ געקומען.

מיר האָבן פּאַוואָליע דערגרייכט דעם אויסגאַנג פון וואַלד. עס איז שוין פינסטער געוואָרען. שנעל האָט מען פוןביידע זייטען אויסגעשטעלט שורות רייטער. אויף יענער זייט מאָזשאַיסק, אויף די בערג, זענען די רוסען געשטאַנען מיט האַרמאַטען, און אַז מיר זענען אַרויס פון וואַלד, זענען מיר געקומען אַקוראַט אַנטקעגען זיי. פון ביידע זייטען האָבן גענומען פייערן די האַרמאַטען. ביסלעכווייז זענען די ליניעס פערגרעסערט געוואָרען, מען האָט אַריינגעפיהרט מעהר האַרמאַטען און עס איז געוואָרען אַ שטאַרקע קאַנאָנאַדע. איך האָב געזעהן, ווי לינקס, גאַנץ נאָהנט פון מיר, נעבען וועג, האָט אַ האַרמאַטענקויל אַראָבגעריסען דעם קאָפּ אַ פראַנצויזישען אינזשענער-פּאָלקאָווניק. עטליכע סעקונדעס איז דער גוף נאָך געשטאַנען אין זאָטעל, און דאָס בלוט האָט געשלאָגען אַרויף, ווי דאָס טרעפט שטענדיג, בשעת אַ מענש ווערט געקעפּט.

די רוסען זענען נישט אָבגעטראָטען. זיי האָבן איינגע-האַלטען זייער פּאָזיציע און די שטאָדט מאָזשאַיסק.

אויפ'ן וועג, איבער וועלכען מיר זענען געגאַנגען נאָכדעם, ווי מיר האָבן פערלאָזט דעם וואַלד, איז געשטאַנען אַ קליין

דערפעלע, פול און פּאַק מיט רוסישע פערוואונדעטע. דאָס דערפעלע האָט געברענט. עטליכע הײזער זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַש. דאָרט זענען געלעגען אַרומגעבראָכענע שוואַרצע שקעלעטען און צעוואָרפענע בײנער פון די נעכטיגע קרבנות, וואָס זענען פריהער אָבגעגאַנגען מיט בלוט אונטער באַראַדינאָ, נאָכדעם זענען זײ אין גרויסע יסורים געבראַכט געוואָרען אַהער, וואו זײ זענען אויפגעפרעסען געוואָרען פון די פלאַמען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זײ איז בעשערט געווען איבערצולעבען די אַלע שרעקליכע יסורים, וואָס אַ העלדישער טויט איז טײלמאָל פערבונדען מיט זײ.

פון דאַנען זענען מיר אַוועק לינקס פון גרויסען טראַקט און די גאַנצע צייט האָבען מיר זיך געהאַלטען נאָהענט פון שונא. טײלמאָל זענען מיר צוגעגאַנגען צו אײנאַנדער אַזוי נאָהענט, אַז מיר האָבען זיך אײנער דעם צווייטען אָבסערווירט, און אײנער אַ קאָזאַקען-אָפיציר האָט אַ וואונק געטהאָן צו אונזער לײטינאַנט פאָן-פענציגען, איז אונזערער אַרויס פון דער ליניע און דאָס אײגענע האָט אויך געטהאָן יענער. לאַנג האָט אײנער דעם צווייטען געיאָגט אויף דעם שטיקעל ערד, וואָס איז געלעגען צווישען אונזערע פראָנטען און אַלע האָבען געקוקט אויף זײ. ביידע האָבען שטאַרק געאַרבייט מיט די שווערדען, אָבער קײן אײנער האָט נישט געקאָנט אָנריהרען אָדער האַקען דעם צווייטען, ווייל ביידע זענען געווען אונגעהויערע געשיקט און בעוועגליך.

צולעצט, זענען ביידע מיד געוואָרען פונ׳ם געראַנגעל, וואָס האָט קײן שום צוועק נישט געהאַט און האָט קײן בלוט נישט געקאָסט, זענען ביידע אַוועק אויף זײערע ערטער, און מיר האָבען סתם הנאה-געהאַט פון דערדאָזיגער סצענע.

עס איז געווען פינסטער, טריב, רעגענדיג און קאַלט, בשעת מיר האָבען פערלעגט אַ לאַגער ביי אַ מהלך פון אַ שעה גאַנג פון מאָזשאַיסק רעכטס, הינטער אַ דאָרף, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג. באַלד ווי מיר האָבען נאָר צוגעבונדען די פערד און פערלעגט אַ פייער, איז אַ מחנה סאָלדאַטען אַוועק אין דאָרף זוכען עסענוואַרג. עס האָט לאַנג נישט געדויערט—און זײ האָבען

געבראַכט אַזויפיל פּראָוויאַנט, אַז מען האָט געקאָנט ווי געהעריג אָבעסען. זיי האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען זיך אָנגעטראָפען מיט רוסישע סאָלדאַטען, וואָס זענען אויך געקומען אין דאָרף אַריין נאָך פּראָוויאַנט. אָבער ביידע צדדים זענען זיך פונאַנדער־געגאַנגען אין פערשידענע ריכטונגען און האָבען איינאַנדער נישט געשטערט. דער רוסישער לאַגער איז אויך אַזוי נאָהנט פון דאָרף, ווי אונזערער, אָבער ער איז, נאַטירליך, פון דער צווייטער זייט. ביינאַכט האָבען מיר געהערט דעם גערויש פון רוסישען לאַגער און זיי האָבען, וואַהרשיינליך, געהערט דעם הו־האַ פון אונזער לאַגער, און די פלאַמען פון ביידע זייטען האָבען בעלויכטען די נאַכט־פינסטערניש.

דאָ, קאָן מען זאָגען, האָט די נאַטור געפאָדערט פון מענשען דאָס, וואָס איהר קומט: זי האָט געפאָדערט, ער זאָל זיין אַ מענש. פון סאַמע סמאָלענסק אָן זענען מיר געווען פאַר די רוסען אַב׳אומגליק, אַ צרה און זיי פאַר אונז זענען אויך געווען דאָס אייגענע. אַלע טאָג פלעגען מיר זיך בעגעגענען, ווי פיינד, און פלעגען זיך שלאָגען, אָבער ביינאַכט, בשעת מען פלעגט בעדאַרפען אויסרוהען נאָך דער שלאַכט, פלעגט מען געהן זוכען עסען פאַר זיך און פאַר די פערד. ווען דאָסדאָזיגע זוכעניש וואָלט פאָרגעקומען אונטער דער קאָמאַנדע פון אָפיצירען, וואָלטען זיך זיכער ביידע לאַגערן אויפגעהויבען געגען איינאַנדער. אָבער די סאָלדאַטען, אָהן אָפיצירען, האָבען קיינמאָל קיין שום סמך נישט געפונען צו קריג. און טאַקי דערפאַר האָבען מיר געקאָנט זיין זאַט און רוהען אַ גאַנצע נאַכט.

היינריך רעם.

זיבעטער קאפיטל.

אַלע טאָג קאַוואַלערישע געפעכטען.—מיר זעהען די רעד-דענץ-שטאָדט.—נאַפּאָלעאָן בראש פון אַוואַנגאַרד.—די פערבינדעטע מאַרשירען-אַריין קיין מאָסקווע.—מיר מאַרשירען-אַריין אין שטאָדט.—די פרידליכע בעציהונגען מיט דער רוסישער אַרמעע.—אַ געוואַל-טיגער אויפרייס.—מאָסקווע ברענט.—די רוסען טרעטען-אָב איבער דעם קאַזאַנישען וועג.

דעם 9-טען סעפּטעמבער אינדערפריה האָבען די רוסען פערלאָזט מאָזשאַיסק און דעם לאַגער אַרום דער שטאָדט. אין געדיכטע רייהען האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט ביים זייט פון וועג. אויף די שכנ׳ישע פעלדער, פון וועלכע די תבואות זענען שוין אַראָבגענומען געוואָרען, האָבען געשאָסען ביקסען, אייניגע גרויסען טראַקט און דערביי האָט מען געפייערט פון הערמאַטען און ביים וועג אין וואַלד אַריין זענען געשטאַנען אנזערע און דעם פיינדס רייטער, איינע געגען די אַנדערע, אויף אַ נאָהנטען

שטח. מיר האָבען באַלד געהאַט פערוואונדעטע, און דאָ האָב איך מיך בעקאַנט מיט זעהר אַ זעלטענעם צופאַל. איין יעגער איז געטראָפען געוואָרען פון אַ קאָזאַקען-פּיקע סאַמע אין לינקען אויג-ווינקעל. דער קלאַפּ איז געווען אַזאַ שטאַרקער און אַזאַ טיפער, אַז דאָס גאַנצע אויג איז אַרויסגעפאַלען אָדער אַרויסגעריסען געוואָרען פון זיין פערטיפונג צוזאַמען מיט די מוסקולען און זעהנערווען און איז געהאַנגען אונטער׳ן שטערען. דאָס אויג גופא איז נישט צוקאַלעטשעט געוואָרען—עס האָט נאָר עטוואָס געבלוטיגט. דער סאָלדאַט האָט געקאָנט געהן און ריידען. נאָכדעם ווי מיר האָבען דאָס אויג אַרומגעוואַשען מיט קאַלט וואַסער, האָבען מיר עס שנעל און געשיקט אַריינגעשטעלט צוריק אויף זיין אָרט. מיר האָבען איהם אויך געמאַכט אַ בינט מיט קאַלט וואַסער און אַבגעשיקט איהם צו די פערוואונדעטע. וואָס איז געוואָרען מיט דיין אויג און בכלל מיט די אַלע פערוואונדעטע פון דעמדאָזיגען פונקט, האָב איך מיך נישט געקאָנט דערוויסען.

די געגענד אַרום מאָזשאַיסק און ביי די ביידע זייטען פון מאָסקווער טראַקט איז געווען זעהר אַ פרוכטבאַרע. מיר האָבען בעקומען מאַסען קאָרן-סנאָפּעס, וואָס זענען געלעגען אין גלייכע קופּעס אויף די פעלדער. די קאָזאַקען האָבען זיך שטאַרק געסטאַרעט צו פערברענען זיי. דאָס איז זיי, קענטיג, געגאַנגען אין לעבען, און אונזערע, ווידער, האָבען זיך געסטאַרעס אַדורכצואָגען זיי. דערמיט האָבען מיר זיך בענעהרט גאַנצע טעג און די פערד האָט מען אויך נישט בעליידינט.

דער טראַקט איז געווען זעהר אַ גוטער. אין די געדיכטע וועלדער זענען געשטאַנען ריזען-בוימער און די דערפער און הויפען האָבען זיך, קענטיג, געבאָדען אין שפע און אין רחבות.

איצט האָבען מיר אַלע טאָג געהאַט געפעכטען מיט די רוסען. ביידע צדדים זענען נישט אַראָב פון די פערד, ביידע ליניעס זענען שטענדיג געשטאַנען קעגען איינאַנדער אויף אַ זעהר נאָהנטען שטח. אָבער געקעמפט האָט אייגענטליך נאָר די אַרטילעריע און די קאַוואַלעריע; די אינפאַנטעריע—זעלטען. אַלע טאָג האָבען מיר געהאַט פערוואונדעטע און טויטע.

אין די טונעלען האָבען די רוסען אויסגעשטעלט זייערע הויפּטקרעפטען. די וועגען אין וואַלד אַריין האָבען זיי על-פּי-רוב פערנומען אַזוי, אַז מיר האָבען זיך געקאָנט בעוועגען פאָראויס זעהר לאַנגזאַם. די אויסגאַנגען פון די וועלדער, וועלכע מיר זענען אַדורכגעגאַנגען, האָבען זיי בעזעסען מיט שווערע האַרמאַטען און מיט אַזאַ קראַפט, אַז מיר האָבען זיך שעה'ענווייז געמוזט אָבשטעלען, איבעררייסען דעם מאַרש און בשעת-מעשה האָבען געקנאַקט די בוימער און די צווייגען איבער אונזערע קעפּ, און, פאַלענדיג, פלעגען זיי קאַלעטשען מענשען אָדער דערהרג'ענען זיי אויף טויט.

אויפ'ן דריטען טאָג נאָך דער שלאַכט זענען מיר אין אַ קאַמפּסאָרדנונג געפאָהרען איבער אַ ברייטען גלייכען פעלד, אויף וועלכען די רוסען זענען געשטאַנען מיט אַ נאַכט פריהער. מיר האָבען געפונען צוויי פרישע אָראָבגעהאַקטע קעפּ פון פערד, און האָבען עס דערקלערט דערמיט, וואָס דאָ זענען געשטאַנען באַשקירען, וועלכע עסען בלויז פערדענפלייש. מען זאָגט, אַז דאָס פלייש קאָכען זיי נישט, נאָר זיי לעגען עס אַוועק ביי זיך אונטער'ן זאָטעל אויף אַ האַלבען אָדער אַ גאַנצען טאָג, און אַז דאָס ווערט אַזוי אַרום ווייכער, עסען זיי עס.

מיר לעבען 'אין גרויס נויט, ווי פריהער. אָבער מיר האָבען געהערט, אַז די גאַנצע אַרמעע און אפילו די קייזערליכע גוואַרדיע לעבען נאָך ערגער פון אונז און נעהרען זיך בלויז מיט פערדענפלייש. עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס אַלע האָבען אַזוי געלעכצט צו קומען וואָס שנעלער קיין מאָסקווע, וואו מען וועט קאָנען שטילען דעם הונגער און עס וועט ווערען אַ סוף צו דער מלחמה. מיר אַלע האָבען שטאַרק געהאָפט, אַז מיט'ן קומען קיין מאָסקווע וועט געשלאָסען ווערען שלום, וואָס נאַפּאָלעאָן אַליין האָט אונז אפילו פערשפּראָכען.

דער סאַמע שווערסטער טאָג פון אַלע איז געווען דער טאָג, איידער מיר זענען אַריין אין דער אַלטער רעזידענצשטאָדט. דער גאַנצער טאָג איז אַוועק אין בעפעכטען און מען איז נישט אַראָב פון די פערד. דאָס האַרמאַטען-דונערן, וואָס האָט זיך שוין

אונז גוט צוגעגעסען, האט כסדר געשלאגען אין די אויערן. דער שונא איז געווען זעהר ענערגיש און אלע האבען געטראכט, אז מיר וועלען נאך האבען גרויסע בלוטיגע שלאכטען, ווייל מאסקווע וועט פערטיידיגט ווערען מיט די גרעסטע אנשטרענגונגען. עס איז צוגעפאלען די נאכט און מיר האבען נאך נישט געהאט קיין ארט, וואו אויסצורוהען. מיר האבען זיך אלץ געדרעהט איבער קוסטעס און וועלדלעך, ווייט פון טראקט. צולעצט, איז געקומען די קאמאנדע: שטעהן! מיר בלייבען דא, אין וואלד! פון די נאסע צווייגען האט מען קוים פערלעגט א פייער. די סאלדאטישע געשיקטקייט האט זיך אויך דא ארויסגעוויזען אין איהר פולען גלאנץ. די אונרוהיגע און מידע פערד, וועלכע מען האט זאגאר נישט געקאנט אויסשפאנען, האבען בעקומען בלעטער און גראז און מיר—גארנישט מיט גארנישט. אבער געדולד ביז מארגען!

דעם 14-טען סעפטעמבער אינדערפריה האבען מיר זיך ווידעראמאל געפונען אויפ'ן גרויסען טראקט, וואס האט זיך געצויגען איבער בערג און טהאלען און וואס האט אונז געפיהרט צו אונזער ציל. די שנעל-ארויסגערופענע פאלקען צוזאמען מיט ארטילעריע האבען עדות-געזאגט אויף אב'ערנסטע אונטערנעהמונג און אלע זענען געווען אנגעשטרענגט ביז גאר. אינגיכען איז אלץ אנטשוויגען געווארען און בליצשנעל האט זיך אדורכגעטראגען די ידיעה וועגען וואפענשטילשטאנד, אבער די אנשטרענגונג אונזערע איז געוואקסען און געוואקסען, ווייל פאר אונז איז געלעגען די גרויסע מאסקווע ביי א האלבע שעה גאנג פון איהר. זי איז געלעגען אויף אזא גרויסען שטח, וואס איך האב עס נאך קיינמאל נישט געזעהן אין מיין לעבען.

מיר זענען געשטאנען ליגקס פון טראקט, צווישען קוסטעס. דעם הונגער האבען מיר געשטילט מיט יאגדעס, וואס זענען געוואקסען אויף די זאזיגע קוסטעס און די פערד האבען געגעסען די צווייגען. דערנאך זענען מיר ארויס אויפ'ן טראקט און זענען אוועק פאראויס.

רעכטס, נישט ווייט פון טראקט, איז געפאהרען נאפאלעאן

 אין א גרויען סורטוק, אויף א ווייסען פערד. היינט איז ער גע-

פאָהרען בראש פון אַוואַנגאַרד אין דער בעגלייטונג פון אַ קליינער סוויטע. ביי זיין לינקער האַנד איז געגאַנגען אַ לאַנגער פוילישער יוד אין זיינע גאַציאָנאַלע קליידער. נאַפּאָלעאָן האָט געקוקט אויף דער רעזידענצשטאָדט, וואָס איז איצט געלעגען נאָך נעהנטער צו אונז, ווי פריהער, און דער יוד האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנד און געגעבען פערשידענע דערקלערונגען, וואָס האָבען, אפנים, געהאַט אַ שייכות צו מאַנכע פונקטען פון דערזאָזיגער שטאָדט.

דאָ האָבען מיר אויך געזעהן שוצגריבער, וואָס די רוסען האָבען צוגעגרייט פאַר אונזער קומען. אַז מיר זענען צוגעגאַנגען צו די ערשטע הייזער פון דער שטאָדט, האָט זיך מוראַט געשטעלט בראש פון דער דיוויזיע, און נאַפּאָלעאָן איז אַוועק אין דער רעכטער זייט פון טראַקט — ער האָט, קענטיג, געוואָלט אַריין אין דעם נאָהנטסטען הויז.

דער צעהנטער פוילישער גוסאַרען-פּאָלק אונטער דער קאָמאַנדע פון פּאָלקאָווניק אולמינסקי איז דער ערשטער אַריין אין שטאָדט. נאָך זיי זענען אַריין די פּרייסישע אולאַנער אונטער דער קאָמאַנדע פון מאַיאָר פאָן-ווערטער; נאָכדעם זענען געגאַנגען די ווירטעמבערגער רייטיגערס, צו וועלכע איך האָב געהעַרט. הינטער אונז זענען געגאַנגען פיר פראַנצויזישע גוסאַרישע און יעגערישע פּאָלקען פון אינזער דיוויזיע. מיט אונז איז אויך אַריינגעגאַנגען די פערדאַרטילעריע. ווייטער זענען געגאַנגען אַנדערע דיוויזיעס.

די געוואַלטיגע אָנשטרענגונג צוליב די קינפטיגע געשעהענישען, דער געדאַנק, אַז נאָך אַזוינע ליידען, נויט און הונגער האָבען מיר דאָך דערלעבט דעמדאָזיגען טאָג און זענען פון די ערשטע אַריין אין דערדאָזיגער שטאָדט — דאָס אַלץ האָט אונז צוגעגעבען מוט און האָפנונג.

יעדער איינער פון אונז האָט זיך מעהר אָדער וועניגער געשפּירט פאַר אַ זיגער און טאָמער איז עמיץ נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטער נאָז, האָט זיך באַלד געפונען אַנ'אָפיציר אָדער אַזוי אַנ'אַלטער פולווערשמעקער, וואָס האָט מיט

גאַנץ געוועהנליכע וועררטער געקאַנט אויסשטיישען די גרויפקייט פון מאָמענט און אָרט.

אונזער דיוויזיע האָט בעקומען דעם שטרענגסטען בעפעהל ישט אראָבגעהן פון פערד און נישט אַרויסגעהן פון דער ליניע, אז נישט וועט מען בעשטראָפט ווערען מיט טויטשטראָף. דער-דאַויגער האַרבער בעפעהל האָט זיך בעצויגען אויך צו אונז, דאָקטוירים, און מיר האָבען, נאַטירליך, אַזוי געטהאָן.

כל-זמן מיר זענען אַזוי געפּאָהרען איבער דער גאַס צו דעם מאָסקווע-טייך, האָבען מיר קיין איין איינוואוי-נער נישט געזעהן. די בריק איבער'ן טייך איז געווען פאַ-נאַנדערגענומען און מיר זענען איבערגעפּאָהרען דעם טייך אין א פלאַכען אָרט. די האַרמאַטען זענען אַריין אין וואַסער ביז'ן אַקס און די פערד ביז די קניה. אויף יענער זייט טייך האָבען מיר געטראָפען עטליכע מענשען, וואָס זענען געשטאַנען ביי די פענסטער און טירען, אָבער עס האָט אויסגעוויזען, אז זיי זענען נישט זעהר נייגיריג. ווייטער האָבען מיר געזעהן פּראַכט-פולע בנינים פון שטיין און פון האָלץ און אויף די באַל-קאָנען מענער און דאַמען.

אונזערע אָפיצירען האָבען זיי העפליך סאַלוטירט, זיי האָ-בען אויך אַזוי העפליך געענטפערט. דאָך אָבער האָבען מיר זעהר ווייניג איינוואוינער געזעהן. אַרום די רייכע הייזער זענען געשטאַנען מענשען, וואָס האָבען, קענטיג, געהערט צו דער די-נערשאַפט. טיפער אין שטאָדט האָבען מיר אָנגעטראָפען אויסגע-מאַטערטע רוסישע סאָלדאַטען פון דער קאַוואַלעריע און אינפאַנ-טעריע, פערשידענע טראַנספּאָרטען, קיה א. ד. גל. דאָס אַלץ האָבען מיר אַדורכגעלאָזט. לאַנגזאַם, מיט שטענדיגע אָבשטעלעני-שען האָבען מיר זיך בעוועגט איבער די גאַסען, וואו מיר האָ-בען געזעהן א גרויסע צאָהל קלויסטערס מיט א פּרעכטיגער אוג-בעקאַנטער אַרכיטעקטור, מיט מאַסען טורמלעך און מיט אויסער-ליכען פּוץ. מיר האָבען אויך געזעהן א סך שענע פּאַלאַצען, אַרומגעצרינגעלט פון פּאַרקען.

מיר זענען פאַרבייגעפּאָהרען דעם מאַרק, די הילגערס

קרעמלעך זענען געשטאַנען אָפען און די סחורות האָבען זיך געוואַלגערט איבער דער גאַס, פונקט ווי מען וואָלט דאָ ראַבירט און צונישטערט. ווי געזאָגט, האָבען מיר זיך בעוועגט פאַראויס זעהר לאַנגזאַם און די אונזעריגע האָבען דעריבער געהאַט צייט צו דערשמעקען, אַז די אויסגעמאַטערטע און שלאָפענדיגע רוסישע סאָלדאַטען האָבען בראָנפען אין זייערע פלאַשען. פון פערד טאָר מען דאָך אָבער נישט אַראָבקריכען, האָט מען זיך ווי-עס-איז געגעבען אַן׳עצה. מיט׳ן שווערד האָט מען איבערגעשניטען די רימענס, מיט וועלכע די פלאַשען זענען געווען צוגעפעסטיגט צו די ראַנצעס און מיט׳ן שפּיץ פונ׳ם אייגענעם שווערד, וואָס איז עטוואָס פערבויגט, האָט מען אַרויפגענומען די פלאַשען אויפ׳ן זאָטעל. אַזוי-אַרום האָט מען בעקומען בראָנפען, וואָס מיר האָבען שוין לאַנג אין די אויגען נישט געזעהן.

מוראַט איז אַרומגעפאָהרען אַהין-און-צוריק צווישען אונזערע רייהען. ער איז געווען זעהר ערנסט און בעוועגליך און האָט געזעהן אפילו דאָרט, וואו ער האָט אַליין נישט בעוויזען צו זיין. בשעת מיר האָבען זיך בעוועגט צום אַרסענאַל, איז מוראַט געגאַנגען פאָראויס. דער אַרסענאַל איז געווען אָפען, און פערשידענע מענשען, על-פי-רוב פויערים, האָבען אַרויסגעטראָגען געוועהר. מאַנכע האָבען זיך אַרומגעדרעהט אינוועניג. אויף דער גאַס און אויפ׳ן פלאַץ, וואו מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט, האָבען זיך געוואַלגערט פערשידענע מינים געוועהר ערשט פון דער פאַבריק.

אין די אַרסענאַלטירען איז אַרויסגעקומען אַ מחלוקה צווישען דעם קעניגס אַדיוטאַנטען און די לייט, וואָס האָבען אַרויסגעטראָגען געוועהר. עטליכע אַדיוטאַנטען זענען אַריינגעפאָהרען אין אַרסענאַל, און די מחלוקה האָט זיך נאָכמעהר צופלאַקערט. אויפ׳ן פלאַץ, נעבען אַרסענאַל, האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער המון, וואָס האָט שטאַרק געפילדערט און האָט זיך געהאַלטען זעהר אונרוהיג. דאָס האָט געצוואונגען אונזער קעניג, ער זאָל אויסשטעלען אויפ׳ן פלאַץ אונזערע האַרמאַטען און געבען אַ זאַלפּ.

דריי שעסען זענען געווען גענוג, אַז דער המון זאָל מאַכען אַ ויברח אין פערשידענע ריכטונגען.

איך האָב געהאַט גרויס אַפּעטיט צו דעם פרעכטיגען שווערד, וואָס האָט זיך צווישען אַנדערע געוואַלגערט אונטער די פיס פון מיין פערד. דערלאַנגען איהם האָט מיר קיינער נישט געקאָנט. אויפהויבען איהם אויף דעם שטייגער, ווי די סאָלדאַטען האָבען אויפגעהויבען דיפלאַשען בראָנפען בין איך אויך נישט געווען בכח. דעמאָלט האָב איך געטהאָן אַ געפעהרליכע זאַך בנוגע צום בעפעהל—איך בין שנעל אַראָב פון פערד און באַלד אַרויף צוריק. אין מיינע הענד איז געלעגען אַ גרויסאַרטיגער אַנדענק וועגען מאָסקווע.

אויף דעמדאָזיגען פלאַץ איז די אָרדנונג איינגעשטעלט געוואָרען און מיר זענען ווייטער געגאַנגען איבער דער גרעסטער שטאָדט פון די אַלע, וואָס איך האָב ווען געזעהן אין מיין לעבען. צוזאַמען מיט אונז זענען געפאָהרען אַ סך רוסישע סאָלדאַטען: זיי האָבען זיך אויך געצויגען צו די שטאָדט-טויערן, וואוהין מיר זענען געגאַנגען.

יעדער רוסישער סאָלדאַט איז רוהיג געגאַנגען זיין וועג, פונקט ווי מיר. איינער אַ רוס'שער דענשטשיק האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פון זיין גרויסאַרטיגען פערד און אַוועקגעבען עס אונז, כאָטש ער האָט שטאַרק פראָטעסטירט געגען דעם. ביי די שטאָדטטויערן, וועלכע מיר האָבען בעדאַרפט אַדורכפאָהרען, זענען געזעסען צוויי קאָזאַקען אויף פערד און האָבען אונז בשום-אופן נישט געוואָלט אַדורכלאָזען.

אונזער אַריינטרעטען אין שטאָדט האָט געדויערט איבער דריי שעה, אָבער מיט יעדען טריט, מיט יעדער שעה איז געוואַקסען אונזער האָפנונג, אַז עס וועט באַלד געשלאָסען ווערען דער לאַגג-געלעכטער שלום און האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז אָט, נאָך אַ ביסעל צייט, און מיר וועלען זיך אויסרוהען פון אַלע פלאָגען און נויטען.

דידאָזיגע שטימונג האָט זיך נאָכמעהר פערשטאַרקט אין אונז, בשעת מיר זענען אַרויס פון דער שטאָדט און האָבען דער-

זעהן עטליכע רוסישע דראַגונישע פּאָלקען, וואָס זענען טיילווייז געשטאַנען און טיילווייז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אונז. מיר האָבען זיך זעהר פרידליך אויסגעשטעלט געגען זיי. זיי האָבען אויך אויסגעזעהן זעהר גוט געשטימט. אָפיצירען און סאָלדאַטען האָבען זיך דערנעהנט צו איינאַנדער, געגעבען זיך די הענד און פלאַשען שנאַפּס און מען האָט זיך צושמועסט, ווי עס האָט זיך געלאָזט. אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. עס האָט זיך בעוויזען אַן'אָנגעזעהענער רוסישער אָפיציר און האָט שטרענג פערבאָטען צו שמועסען מיט אונז. מיר זענען געבליבען אויף די ערטער, די רוסען זענען אָבגעטראָטען.

מיר האָבען דאָך בעמערקט, אַז די רוסען לעכצען אויך אַזוי נאָך שלום, ווי מיר. מיר האָבען געזעהן, אַז זיי, די רוסען, האָבען אויך, אַזוי ווי מיר, אויסגעמוטשעטע פערד, וואָס אַז זיי בעדאַרפען איבערגעהן איבער אַ קאַנאַווע, פאַלען זיי, און אַז זיי הויבען זיך אויף, האַלטען זיי זיך קוים אויף די פיס, פונקט ווי ביי אונז.

עס איז געוואָרען נאַכט און מיר האָבען געקאָנט אויסרוהען. צוזאַמען מיט דער אַרטילעריע און מיט אַ קיראַסירען־דיוויזיע האָבען מיר פערלעגט אַ לאַגער נישט ווייט פון דער שטאָדט, רעכטס פון טראַקט, וואָס האָט געפיהרט קיין וולאַדימיר און קאַזאַן. לינקס האָט זיך געהויבען אַ ברייטער ריזיגער בנין און מיר האָבען משער־געווען, אַז דאָס איז אַ מאָנאַסטיר. אונזערע לאַגער־פייערן האָבען העל געברענט אין דער נאַכט אַריין און נישט ווייט פון אונז האָבען אויך געברענט די רוסישע לאַגער־פייערן. די מונטערע שמועסען אַרום אונז, די העלע פעלד־פייערן, דער גרויסער תענוג פון דעם, וואָס מיר האָבען דערלעבט דעמדאָזיגען געדענקליכען טאָג, די בהלה אַרום דער שטאָדט, דאָס ביסעל עסענוואַרג, וואָס דער עולם האָט געפּאַקט און, צולעצט, די אָנגעשטרענגטע נערווען און דער געדאַנק, אַז מיר זענען אויפ'ן וועג פון שלום—דאָס אַלץ האָט אונזן זעהר איפגעמונטערט און אונזער לאַגער איז נאָך קיינמאָל נישט געוועזען אַזוי בעלעבט, ווי היינט, כאָטשע מען איז געווען זעהר מיד.

פאַרביי אונזער לאַגער האָבען זיך געצויגען מאַסען רוסען פון דער רוסישער אַרמעע. זיי זענען געגאַנגען איבער דעם קאַזאַנישען טראַקט. צווישען זיי זענען אויך געוועזען פערוואונדעטע: מאַנכע מיט ביינער, מאַנכע פערבלוטיגטע, וואָס האָבען, קענטיג, שטאַרק געליטען פון זייערע וואונדען, וועלכע זיי האָבען בישט לאַנג בעקומען אין איינצעלנע פאַלען פון געוואַלט און אויך ביי די טויערן פון דער שטאָדט. אונזערע אָפיצירען האָבען זיי אָבגעשיקט צו אונזערע פעלדפייערן. איינעם פון דידאָזיגע פערוואונדעטע—אַ רוסישער אָפיציר פון דער אינפאַנטעריע—האָב איך פערבינטעוועט די וואונד. דאָס איז געוועזען אַ קאָפּ-וואונד, און בשעת איך האָב מיך געטענטעלט אַרום איהם, האָט ער מיר דערצעהלט, וואָס מיט איהם איז געשעהן. ער איז געגאַנגען צו זיינע קרובים איבערטוישען דאָס וועש. ער האָט זיך געוואָלט וויזען פאַר זיי געזונד און נישט-בעשעדיגט. די קרובים זענען אָבער אין דערהיים נישט געוועזען, און דאָ איז מיט איהם געשעהן דאָס אומגליק.

נאָכ'ן בינט האָב איך אָבגעשיקט דעמדאָזיגען אָפיציר צו די רוסישע לאַגער-פייערן. מיר פלעגען בכלל אָבשיקען אַהין אַלע רוסישע פערוואונדעטע און אויסגעמאַטערטע.

ווי געזאָגט, זענען מיר אַלע געוועזען זעהר מונטער געשטימט, און יעדער האָט גאָר פערגעסען, אַז ער איז מיד און בעדאַרף זיך אויסרוהען.

איך קאָן נישט זאָגען, צי דאָס איז געשעהן אין צענטער פון שטאָדט אָדער אין צו'אָבגעלעגטען געסעל—ביינאַכט איז שווער צו וויסען, נאָר גיכער מסתמא אין צענטער—אָבער פּלוצלונג האָבען מיר דערהערט אַזאַ געוואַלטיגען קנאַל פון צו'אויפרייס, אַז מיר זענען צוציטערט געוואָרען. בעת-מעשה האָט יעדער מסתמא געטראַכט, אַז דאָס האָט געמוזט אויפגעריסען ווערען אַ קוילען-לאַגער, אַ פולווערקעלער אָדער גאָר אַ טייוועל-מאַשין, וואָס האָט אַנ'אויסערגעוועהנליכע קראַפט. פונ'ם ריזיגען פלאַם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען צום הימעל, האָבען זיך גענומען אויסטיילען גרויסע און קליינע פייער-קנוילען, פונקט ווי מען וואָלט אויסגע-

שאָסן פֿאַר אײן מאָל מיט טרױערדיקער פּאָמפּעס און גראַנאַטן, און דאָס פֿײַער האָט זיך צוגאָסן איבער דער גאַנצער שטאָט. דערשראָקענער אױפֿרײס, װאָס האָט אומעטום געזײט שרעק און אימה, האָט געדױערט אַ מינוט דרײַ־פֿיר און האָט געדינט אַלס סיגנאַל צו דער גרױסער מאָסקװער שׂרפֿה, װאָס האָט געהאַט אַזױנע שרעקלעכע פֿאָלגן פֿאַר אונז.

פֿון אָנהײב האָבן מיר געזען דאָס פֿײַער בלױז אױף אײן אָרט, אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום האָט עס זיך אױפֿגעהױבן אין אַ סך ערטער פֿון דער שטאָט. אַזעלכע ערטער האָבן מיר באַלד אָנגעצײלט, אָבער די צאָל איז שרעקלעך שנעל געװאַקסן.

מיר זענען תּיכּף אַנטשװיגן געװאָרן און האָבן צומישט געקוקט אױף אײנאַנדער. און יעדער האָט געלײענט אױף דעם צװײטנס פּנים, אַז דאָס איז זײער אַ שלעכטער סימן פֿאַר אונז. דעמאָלט האָט זיך אָנגערופֿן דער שטאַב־ראָטמײַסטער פֿאָן־רײַנהאַרדט: „יאָ, דאָס איז אַ שלעכטער פֿאַל, װאָס װעט אונז ברענגען גרױסע אומגליקן. איבערהױפּט געהמט עס אַװעק די האָפֿנונג אױף שלום און צושטערט אַװעקאַרום דאָס, װאָס איז פֿאַר אונז אַזױ נײטיק. נישט אונזער שלעכטער רצון האָט עס געטהאָן, נאָר די גרױסע פֿערביטערונג פֿון אונזער פֿײַנד. דאָס האָט ער געבראַכט אַ קרבן אױפֿצובריינגען אונז.“

דאָס שרעקלעכע בילד האָבן מיר באַלד דערזעהן, װײַל אונזער לאַגער איז געלעגן העכער פֿאַר דער שטאָט. אינגיכן האָבן זיך אָנגעהױבן שׂרפֿות אױך אין יענע טײלן שטאָדט, װאָס זענען געלעגן נאָהנט פֿון אונז און דאָס פֿײַער האָט בעלױכטן די גאַנצע אומגעבונג. מיט יעדן שטײַגן פֿון דער שׂרפֿה איז אַלץ מער געפֿאַלן אונזער מוט און אין דעם העלן שײַן האָבן מיר געזען אַ שװאַרצע צוקונפֿט פֿאַר זיך.

צו האַלבע נאַכט האָבן זיך די פֿלאַמען צוגאָסן איבער דער שטאָדט, װי אַ װילד־צעקאָכטער ים, צוזאַמען מיט דער שׂרפֿה האָט זיך אױך פֿערגרעסערט די צאָהל מענשן, װאָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון שטאָדט אָדער אַבגעשטאַנען פֿון דער רוסישער

אַרמעע און זיי האָבען זיך געשאָסען און געשאָסען פאַרביי אונזער לאַגער.

אויסגעמאַטערט און אויסגעפּייניגט, האָבען מיר זיך דאַן געלעגט שלאָפען. געשלאָפען האָבען מיר וועניג, און אַז מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָבען מיר געזעהן, אַז די שרפה האָט זיך געשטאַרקט. איצט, אינ׳ם שיין פון טאָג האָבען מיר שוין געזעהן מעהר רויך, ווי פייער. דערדאָזיגער רויך האָט געהאַט פערשידענע פאַרבען און שאַטירונגען.

אַזויאַרום האָב איך געזעהן די אַלטע שענע מאָסקווע, די גרויסע רעזידענצשטאָדט, אין איהר לעצטען טאָג. איך האָב געזעהן דעם אָנהויב פון דער שרפה, וואָס האָט געמאַכט אַ תל פון דער שטאָדט און אַ תל פון אונז. אַ סך פון אונז זענען שוין געפאַלען. איצט האָבען מיר געהאַט בלויז אַ העלפט פון יענע, וואָס זענען געשטאַנען ביים דונאַי. דאָס אייגענע איז אויך געשעהן אין אַנדערע פאָלקען פון אונזער דיוויזיע. פונדעסטוועגען זענען מיר געווען שטאָלץ מיט זיך, האָבען נישט פערלאָרען די האָפנונג און גרויסע פאָדערונגען געשטעלט דער צוקונפט.

אינדערפריה, אַז די זון איז אויפגעגאַנגען האָב איך מיך בעשלאָסען דורכצוגעהן און איך בין אַריין אינ׳ם גרויסען בנין, וואָס איז געווען עהנליך צו אַ מאָנאַסטיר. איך האָב מיך געוואָלט אָרומוואַשען און דאָס איז מיר געלונגען. צו מיין גרויסען וואונדער האָב איך דאָרט געזעהן מענשען, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט זייער געוועהנליכער אַרבייט, פונקט ווי דאָס אַלץ, וואָס איז געשעהן ביינאַכט, האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט צו זיי. איך בין געווען אַ פרעמדער מענש צווישען זיי, אָבער זיי האָבען גאָרנישט געקוקט אויף מיר.

אַז איך בין געקומען אין לאַגער, האָט מען זיך שוין מכין-געווען אַנידערצוזעצען זיך אויף די פערד.

אינדערפריה האָבען מיר געזעהן, ווי די רוסען פערלאָזען דעם לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אונז. זענען מיר אַוועק נאָך זיי און האָבען ווידעראַמאָל געלאַנגערט ביי־

זיי אויף די אויגן, ביי דעם ערשטען דערפעל, וואָס איז גע-
לעגען ביים קאָזאַנישען טראַקט.

די פאָדערשטע קאָזאַקען-פּאָסטען זענען געשטאַנען אויף
גאָהנט פון אונז, ווי גאָר קיינמאָל נישט, און דאָך האָבען מיר
זיך דערלויבט מאַנכע בעקוועמליכקייטען אין דעמדאָזיגען קאַלטען
טאָג. דאָס קאַרטאָפעל-פעלד, וואָס איז געלעגען נישט ווייט פון
אונזער ליניע, האָט געצוואונגען דעם עולם שטאַרק צו אַרביי-
טען, דערפאַר אָבער האָבען מיר זיך אַלע גוט אָנגעגעסען. איך
מוז מודה-זיין, אַז די פרוכטען פון דעמדאָזיגען באָדען זענען
זעהר גוט און בע'טעמ'ט און ביי מיר אין דערהיים וואַקסען
נישט אַזוינע*).

---

*) צו דער דערקלערונג פון טעקסט בעדאַרף מען נאָך מוסיף-זיין, אַז
פּראָסטע קאָנטראָלירן-רעזשוויה איז אומטער האָסקונג געשיקט געוואָרען אָנצו-
שטעלען דעם שונא'ס פֿייערגאַרד און נאָכצוקוקען נאָך די היסטאָרישע מעשים
פון קאָזאַקען, דער מזגעל אין פּראָוויאַנט און רוה און די בעדערפֿטיגע גע-
פֿעכטען מיט די קאָזאַקען האָבען כמעט איינגעזעצט פֿערגילטעט די פֿרייגזישע
קאָנטראָלירן נאָך ביז'ן אָפּטרעטען. די ידיעות, וואָס דער מחבר ברענגט דאָ,
וואַרען בעשטעטיגט דורך אַ סך עדות, וואָס האָבען בייגעלעבט דידאָזיגע מלחמה.

אַכטעס קאַפּיטעל.

קעניג מוראַט אַלאַרמירט.—אויפ'ן קאָזאַנישען טראַקט.—מיר האָבען פערלאָרען דעם שונא.—פּאָדאָלסק.—דער שונא האָט זיך געפונען.—אַלע טאָג געפעכטען.—אַ ווילדער ויברח.—אונזערע פער-לוסטען.—מיר לאַגערן ביים דאָרף טעטערינקי.—די גרויסע נויט.—מיר האָבען קיה.—טרויעריגע בשורות.—די פּאָלקען צושמעלצען זיך.—אַנ'איבערפאַל און אַ שלאַכט.—מיר זענען געצוואונגען אָבצו-טרעטען.—מען לאָזט-פונאַנדער אַ פּאָלק.—

אם [illegible] דעם 15-טען סעפּטעמבער, זאַ גער צוויי נאָך האַלבען טאָג, האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען מוראַט, פונקט ווי ער וואָלט ארויסגעשפּרונגען פון פייער און רויך. ער איז געקומען אָהן אַדיוטאַנטען, בלויז איין האָרניסט האָט איהם בעגלייט. „אויף די פערד! אויף די פערד!״—האָט ער אַ געשריי געטהאָן און איז ווייטער צוועקגעלאָפען, אָבער ער האָט געהייסען אַלאַרמירען אויף די אוואַנפּאָסטען.

מיר זענען אַרויסגעפֿאָהרען, בעגלייט פֿון רויך, וואָס איז געפֿאַלען אויף אונז פֿון דער זייט פֿון שטאָדט. די זון האָט געשיקט דורכ'ן רויך און האָט אַלץ בעפֿאַרבט אין אַ געלען פֿאַרב. מיר האָבען געהאַט די קאָזאַקען גאַנץ נאָהנט פֿון אונז, אָבער אין דעם טאָג איז נישט אויסגעשאָסען געוואָרען אפילו פֿון אַ פּיסטאָלעט. מיר זענען אָבגעגאַנגען פֿון מאָסקווע ביי אַ מייל און פֿערלעגט אַ לאַגער, בשעת עס איז שוין געווען גוט פֿינסטערליך די פֿלאַמען פֿון דער. ברענענדיגער שטאָדט האָבען בעלויכטען די אומגעבונג.

אויף מאָרגען, דעם 16-טען סעפּטעמבער, זענען מיר בעגאַנגען ווייטער מיט'ן טראַקט, וואָס האָט געפֿיהרט קיין וולאַדימיר און קאַזאַן. אויפ'ן וועג האָבען מיר געטראָפֿען שענע און פֿערמעגליכע ישובים. זייער איינגענאַרטיגע אַרכיטעקטור, די אויסערליכע ריינקייט און פּוץ זענען אונז זעהר געפֿעלען געוואָרען. אונזער שונא האָבען מיר דערזעהן ערשט אין אָווענד, בשעת מיר האָבען זיך דערנעהנט צו דעם הילצערנעם שטעדטעל באָגאָראָדסק, וואָס איז געלעגען רעכטס פֿון וועג. בשעת אונזער קאַוואַלעריע האָט זיך אויסגעשטעלט אין רייהען, האָב איך געזעהן עטליכע קאָזאַקען אויפ'ן שפּיץ פֿון אַ באַרג, וואָס איז געשטאַנען ביים וועג. דערדאָזיגער וועג האָט זיך געצויגען איבער דעם טייכעל קליאַזמע, וואָס איז געגאַנגען פֿון דרום קיין צפֿון.

מיר האָבען געלאַגערט נעבען טייך, ביים שטעדטעל, און אַ דאַנק די בעמיהונגען פֿון עטליכע אָפֿיצירען האָבען מיר בעקומען אַ מאַסע פּראָוויאַנט.

דעם 17-טען זענען מיר איבערגעגאַנגען דאָס טייכעל קליאַזמע. מיר האָבען דאָ געהאַט אַ בריק, וואָס איז נישט לאַנג צוריק-געבויט געוואָרען. דאָך האָבען די קאָמאַנדירען נישט פֿערטרויט דער בריק זייערע פּאָלקען און זייערע האַרמאַטען. זענען מיר אַוועק זוכען אַ ב'אָרט, וואו מען זאָל קאָנען איבערגעהן דעם טייך. מיר האָבען אָבער איינגעזעהן, אַז דער טייך איז גאַנץ טיף און אַז די, וואָס פֿאָהרען אויף קליינינקע פֿערד, וועלען דעם טייך נישט אַריבער. דעמאָלט איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויפֿצוזעצען

די קראַנקע אויף די קליינינקע פערד און אָבשיקען זיי קיין מאָסקווע.

די גאַנצע דיוויזיע האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבייט, און איך האָב זיי געמוזט געבען איינעם פון מיינע געשיקטסטע געהילפען. דאָ האָב איך פערלאָרען מיין צווייטען דענשטשיק און דעם שווערד, וואָס איך האָב אויפגעהויבען אין מאָסקווע פון אונטער מיין פערדס פיס.

דעם באַרג, אויף וועלכען מיר האָבען געזעהן די קאָזאַקען, האָבען מיר איצט געהאַט רעכטס. מיר זענען געפאָהרען איבער א פעלד, האָבען אויסגעמידען דעם רוסישען לאַגער, ווידער אַרויף אויפ'ן גרויסען טראַקט און צום ערשטען מאָל דערזעהן אין א דאָרף די איינוואוינער, וואָס האָבען זיך אין גרויס איילעניש געפאַקט צו מאַכען ויברח. א פויערטע, וואָס איהר אייזעל איז געשטאַנען אויפ'ן בערגעל ביים סאַמע וועג, איז געווען שטאַרק פערטאַראַראַמט. זי האָט געפאַקט אין א וואָגען אַריין איהר בעטגעוואַנד מיט די אַלע בעבעכעס, אַרויפגעזעצט אויפ'ן וואָגען די קינדער, פון הינטען צוגעבונדען די בהמה, אָבער דער וואָגען איז געווען אַנ'אויסגעשפּאַנטער. מיר האָבען זיך גע'חדוש'ט און געלאַכט. אז מיר זענען פאַרבייגעפאָהרען פאַרביי איהר, האָט זי קיינער נישט אָנגעריהרט. איינע א יונגע שענע פויערטע האָט זיך געפאַקט מיט טאָלק, אָבער בייז, און האָט זיך אויף אונז גאָרנישט אומגעקוקט.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער אונזער וועג און האָבען לינקס געזעהן א גרויסע לאַנקע. אויף דערדאָזיגער לאַנקע זענען געשטאַנען גרויסע קופּעס היי, צוגעגרייט אויף ווינטער. צווישען דידאָזיגע קופּעס היי האָבען זיך וואו-נישט-וואו געזעהן ישובים און פון יעדען ישוב האָט אַרויסגעקוקט א פריצ'יש הויז.

אין א פינסטערער נאַכט האָבען מיר געלאַגערט ביי א דאָרף, וואָס איז געלעגען צווישען באָגאָראָדסק און פּאָקראָוו. דער וועג אין דאָרף אַריין איז געווען א בערגיגער. נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעשטעלט פּאַטרולען, זענען די קאָמאַנדירען אוועק אין דאָרף נאָך פּראָוויאַנט, ווייל אַלץ האָט אויסגעזעהן זעהר רוהיג.

אינדערפריה האָב איך געמאַכט אַ וויזיט מיין קאָמאַנדיר, דעם פּאָלקאָווניק פאָן-מילקוי. ער האָט מיך בעגעגענט מיט די ווערטער: „מיר האָבען פערלאָרען דעם שונא און אַ יעדען שפור פון איהם. מיר מוזען דאָ שטעהן און וואַרטען אויף נייע פעראָרדנונגען און בעפעהלען.“

צו האַלבען טאָג זענען מיר אָבער אַרויסגעטראָטען. מיר זענען געגאַנגען אין מערב פונ׳ם קאַזאַנישען טראַקט און דאָ האָבען מיר געכאַפּט אַ שמועס וועגען קאָצעבו און זיין נסיעה קיין סיביר. עטליכע שעה צייט זענען מיר געגאַנגען מיט די פעלדער און זענען געקומען צו אַ צוקערפאַבריק מיט גרויסע בנינים און שענע פרוכטגערטנער און פון דאַנען זענען מיר אַרויף אויפ׳ן וועג. די, וואָס זענען געפאָהרען פאָראויס, האָבען גוט בודק-געווען די פאַבריק און האָבען געפּאַקט אַ סך צוקער און סיראָפּ. דער עולם האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן צום צוקער און צווישען זיך האָט מען אפילו געשמועסט, אַז איין גוסאַר איז אַריינגעפאַלען אינ׳ם סיראָפּ און איז דערטרונקען געוואָרען.

פון דאַנען, ווידער, האָבען מיר זיך געלאָזט צו דעם טייך מאָסקווע, וואָס מאַכט דאָ פערשידענע בויגונגען. די ברעגען זענען הויכע און משופע׳דיגע.

מיר זענען דאָ פיל מאָל אַדורכגעגאַנגען טייכען מיט בריקען, מיט שענע דערפער, פריץ׳ישע הייזער און פאַבריקען. די איינוואוינער האָבען מיר כמעט נישט געזעהן. על-פי-רוב איז מען זיך צולאָפען. און די קאָזאַקען האָבען מיר אויך נישט געטראָפען נישט אין דעם טאָג און נישט אין די ווייטערדיגע טעג.

אויף מאָרגען איז געגאַנגען אַ רעגען. מיר זענען געפאָהרען דורך אַ שענעם וואַלד, וואָס איז געווען רייך אין דעמבען און האָבען געזעהן מאַסען רייכע פריץ׳ישע הייזער און פרוכטבאַרע פעלדער, אויף וועלכע די תבואות זענען נאָך געשטאַנען. דידאָזיגע פרוכטבאַרע ערד מיט איהר גרויסאַרטיגער קולטור, מיט די רייכע הייזער און מיט די גרויסע זאַפּאַסען תבואות און היי האָבען ווידעראַמאָל דערוועקט אין אונז אַ האָפנונג וועגען שלום, באַטש מיר האָבען נאָך אַלץ געזעהן און געשפירט דעם רויך,

האָט איז געגאַנגען פון מאָסקווע. דידאָזיגע האָפנונגען האָבען אונז בעפּוצט דעם יאָך פון'ם מיליטערלעבען. די פּרייסען, פּאָליאַקען, פראַנצויזען און מיר—אַלע האָבען מיר געטראַכט אויף איין שטייגער. אָפיצירען און סאָלדאַטען האָבען גערן געשמועסט וועגען דעם, נאָך וואָס אַלע האָבען געלעכצט; מען האָט פּערשידען געשמועסט וועגען די רוסען, וואָס זענען אַנטרונען געוואָרען פון די אויגען, איבערהויפּט אָבער איז גערעדט געוואָרען וועגען שלום.

וואָס הערט זיך אָבער אין דער אַרמעע, וואָס טראַכט מען, וואָס טהוט מען—דאָס האָבען מיר, ווי פריהער נישט געוואוסט. אויסער דער שרפה אין מאָסקווע, וואָס האָט אונז בייגאַכט געדינט אַלס ליכט און אויסער דעם רויך, וואָס איז אונז אומעטום נאָכגעגאַנגען, האָבען מיר מעהר גאָרנישט געוואוסט. פּונקט ווי ביי סמאָלענסק, האָבען מיר אויך דאָ נישט געוואוסט, וואָס מיט אונז וועט ווייטער זיין.

די טעג זענען געווען רעגענדיגע און קאַלטע. מיר זענען ערדיך אויף עפּיס אַ וועג, וואָס האָט זיך געצויגען פון מאָסקווע. קיין מיליטער האָבען מיר נישט געזעהן. מיר האָבען זיך פערנומען רעכטס, ווען עס איז שוין געוואָרען נאַכט און זענען געקומען צום שטעדטעל פּאָדאָלסק, וואָס ליגט ביים טייך פּאַכראַ. דאָ, ביים ברעג טייך, אין אַ טהאָל, האָבען די אונזעריגע פערבראַכט אַ שווערע נאַכט פון רעגען, ווינד און קעלט. איך האָב געזעהן, אַז איך וועל דאָ האָבען אַ שווערע נאַכט, בין איך מיט מיינע צוויי בעהילפען אַוועק אין אַ שטאַהל און דאָרט איבערגענעכטיגט. דער שטאַהל, וואָס האָט אונז בעשיצט פון רעגען און ווינד, האָט אונז פּשוט מחיה-געווען. מיר האָבען געגעבען צו עסען אונזערע פערד און גאָרנישט געטראַכט דערפון, וואָס דרויסען טהוט זיך, הגם מיר האָבען די גאַנצע נאַכט געהערט, ווי די קאַוואַלעריע געהט. דער יונגערער דאָקטאָר, וואָס האָט אָבגעזוכט די בעל-הבית'טע פון הויז, האָט געבראַכט אייער, פּוטער און ברויט און מיר האָבען געהאַט אַ גוטען מאָלצייט.

אינדערפריה האָט זיך דער הימעל אויסגעלייטערט, דער

ווינד האָט זיך איינגעשטילט, דער רעגען האָט אויפגעהערט. נאָכדעם, ווי מיר האָבען זיך אויסגערוהט און אונטערגעלעהנט דעם מאָגען, האָבען מיר בעדויערט די אונזעריגע, וואָס האָבען פערבראַכט אַ שווערע נאַכט—פאַר דער צייט די סאַמע שווערסטע נאַכט—אונטער'ן בלויזען הימעל.

דאָס איז געווען די נאַכט פון 25-טען אויף דעם 26-טען סעפטעמבער, בשעת מיר האָבען זיך פון דאָסניי פעראייניגט מיט דער אַרמעע, וואָס האָט אונז פערלאָזט אויפ'ן קאזאַטיען טראַקט, ביי באָגאָראָדסק. מוראַט איז ווידער מיט אונז. דעם 26-טען איבערפריה האָבען מיר זיך ווידעראַמאָל געלאָזט אין וועג אַריין. אונז האָט זעהר געפרעהט, וואָס מיר געהען ווידער מיט דער אַרמעע און צוזאַמען זעהען מיר איבערגעגאַנגען דעם טייך פּכראַ.

איצט האָבען מיר אָנגעטראָפען רוסישע פויערים און אין דעם אייגענעם טאָג האָבען מיר געזעהן פויערישע הייזלעך, פון וועלכע די איינוואוינער זענען גלייכגילטיג און אָהן שרעק אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טהאָן, וואָס דער היינטיגער טאָג האָט זיי צוגעגרייט.

דער קאָמאַנדיר האָט זיי אויפ'ן וואונק געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער וויל אַ טרונק. האָט אַ פויער בעשיידען און אָהן שעמעריי דערלאַנגט אין אַ הילצערנער כלי עפּיס אַ הערבריוען געטראַנק. דאָסדאָזיגע געטראַנק איז געווען זעהר אָנגענעהם און קלאָר, וויל אויפ'ן דעק פון דער כלי האָב איך בעמערקט אויסגעמאָלטע בלומען.

דער פויער האָט בעקומען צוריק די כלי צוזאַמען מיט אונזערער אַ זילבערנער מטבע. נאָכדעם האָט זיך דער פויער אַזוי טיף פערנויגט, אַז זיינע האָהר האָבען אָנגעריהרט די ערד. אַזאַ מין דאַנקבאַרקייט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. אַז דאָסדאָזיגע געטראַנק הייסט קוואַס, האָב איך מיך ערשט דערוואוסט אין באָריסאָוו און אין בערעזין.

אין דעם אייגענעם טאָג, דעם 26-טען סעפטעמבער, האָבען מיר ווידער געזעהן די רוסען, וואָס זענען אַנטרונען געוואָרען פון אונזערע אויגען נאָכדעם ווי מיר האָבען זיי בעזעהן דאָס

לעצטע מאָל אויפ׳ן באַרג ביי באָראָדסק, דאָס פּלוטבאָד האָט זיך אָנגעהויבען פון דאָסניי. אַלע מינים געווער האָבען געשאָסען, און אַלע טאָג, טיילמאָל פון אינדערפריה ביז נאַכט, האָט מען געפייערט מיט די האַרמאַטען.

די רוסען זענען אַלץ אָבגעטראָטען און מיר זענען זיי נאָכגעגאַנגען און אָבגעשטויסען, אָבער מיר האָבען דערביי גע-האַט גרויסע פערלוסטען: מיר האָבען געהאַט אַ סך פערוואונ-דעטע און טויטע און אַ סך פערמוטשעטע מענשען און פערד.

אין דער ערשטער נאַכט פון אונזער בעגעגעניש מיט די רוסען זענען די קאָזאַקען בעפאַלען דעם אַוואַנפּאָסט פון אונזער פּאָלק, וואָס איז בעשטאַנען פון 16 פערד און האָבען איהם אַרומ-גערינגעלט. מאַנכע זענען אויפ׳ן אָרט דער׳הרג׳עט געוואָרען, דער גרעסטער טייל איז גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט און אין לאַגער האָבען זיך אומגעקעהרט בלויז דריי יעגערס, וואָס זענען אויך געווען שטאַרק פערוואונדעט.

דעם 29-טען האָבען מיר און די פּאָליאַקען, אונטער דער קאָמאַנדע פון פּאָניאַטאָווסקי׳ן, אַ גאַנצען טאָג זיך געשלאָגען מיט די רוסען צווישען די שטעדטלעך טשיריקאָווא און וואָראָנאָווא. אין אָווענד האָבען מיר פערלעגט אַ לאַגער ביי אַ דאָרף, וואָס איז אָבגעטיילט געווען פון אונז דורך אַ טייכעל מיט משופע׳די-גע ברעגען. די קאָזאַקען זענען מיט שרעקליכע געשרייען בעפאַ-לען דאָס דאָרף און אַוועקגעשלעפּט אַלץ און אַלעם, ווער און וואָס דאָרט איז געווען. אייבער אַ פּריסישער ראָטמיסטער, וואָס האָט זיך ווי-עס-איז איינגעאָרדענט אין דעמדאָזיגען דאָרף, ווייל ער האָט זיך געשפּירט קראַנק, האָט זיך אַרויסגעדרעהט פון זייע-רע הענד, איבערלאָזענדיג זיי אַלץ, וואָס ער האָט פערמעגט. אַז די קאָזאַקען זענען אַוועק און ער אַריין צוריק אין דאָרף, האָט ער געפונען זיין קאַסטען אָפען און די אַלע חפצים, וואָס זענען דאָרט געלעגען, האָבען זיך איצט געוואַלגערט אויפ׳ן טיש, אָבער עס האָט גאָרנישט געפעלט. דידאָזיגע אונגעוועהנליכע דער-שיינונג האָט ער דערקלערט דערמיט, וואָס אַמאָל, נאָך פאַר׳ן טילזיטער שלום, האָט איהם דער קייזער אַלעקסאַנדער געשענקט

אַנ'אָרדען. דערזעהן דעמדאָזיגען אָרדען אויף דעם אָפיצירס אוני-
פאָרם, האָבען די קאָזאַקען, קענטיג אויס אַכטונג, איבערגעלאָזט
די אַלע הפצים און זיי נישט מיטגענומען.

עס געהט אַ טאָג נאָך אַ טאָג — און אונזערע פערלוסטען
זענען גרויס. אַמאָל ליידט דער פאָלק, אַמאָל יענער, אַמאָל אַלע
צוזאַמען. די קראַנקע און פערוואונדעטע האָט מען געהייסען
אָבפיהרען קיין מאָסקווע, אָבער קיינער איז נישט געווען זיכער,
צי דער קראַנקער וועט דאָרט געפינען אַ בעט. מיר האָבען גע-
האַט ווייניג וועגענס, ווייניג סאָלדאַטען-בעגלייטער, ווייל די פאָל-
קען זענען אַזוי שיטער געוואָרען, אַז זיי האָבען נישט געקאָנט
געבען אַ געוויסע צאָהל סאָלדאַטען צו בעגלייטען אַ וואָגען קראַנ-
קע אָדער פערוואונדעטע. דער פריישישער פאָלק האָט בלויז גע-
האַט איין יונגערן דאָקטאָר; אַזוי אויך דער פוילישער. איך האָב
געהאַט פיר דאָקטוירים-געהילפען און בין פערבליבען בלויז ביי
איין געהילף. אַ סך סאָלדאַטען, וואָס זענען פערוואונדעט געוואָ-
רען מיט פיקעס און האָבען געהאַט צו פיר און מעהר געשטאָ-
כענע וואונדען, האָבען בעסער געוואָלט פערבלייבען מיט זייערע
חברים און נישט אָבגעפיהרט ווערען צו די פערוואונדעטע, ווייל
זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז אין צווייטען פאַל וואָלט קיינער
נישט געקוקט אויף זיי און אַז אין אַנדערע ערטער איז די נויט
נאָך גרעסער, ווי דאָ, און טאַקי דערמיט דערקלערט זיך דער
אומשטאַנד, וואָס שפעטער, פאַר דער שלאַכט ביים טייכעל טשער-
ניטשנאַ, זענען געווען אַ סך סאָלדאַטען, וואָס האָבען געהאַט צו
צעהן-פופצעהן וואונדען פון קאָזאַקישע פיקעס. איין יעגער האָט
אפילו געהאַט 24 וואונדען פון אַ פיקע. געהייסען האָט ער הע-
געלע און איז געווען פון דער שטאָדט לעאָנבערג.

אין כלל גענומען, איז דער קלאַפ פון אַ פיקע נישט זעהר גע-
פעהרליך. איך וואָלט עס אָנגערופען לייכטע פערוואונדונג, ווייל
על-פי-רוב ריהרט אָן די פיקע בלויז די הויט און די מוסקולען
און זעלטען געהט זי טיפער. טיפער געהט זי נאָר אין דעם פאַל,
הען דער קלאַפ ווערט געמאַכט מיט אַ שרעקליכען אימפעט. אַ סך
ערנסטער און געפעהרליכער איז שוין דער קלאַפ פון אַ שפיז,

ווייל ער שטעכט און שניידט גלייכצייטיג. דער שפיז געהט-אַריין טיף אין לייב, ריהרט-אָן די איידעלע אָרגאַנען און בעפע-סען און נישט זעלטען שטאַרבט מען פון שפיז-וואונדען.

אויסער די אַלע פאַלען, וואָס איך האָב שוין דאָ בעשרי-בען, האָב איך אויפ'ן וועג קיין מאָזשאַיסק געזעהן נאָך אַ פאַל. אַ גוסאַר איז פערוואונדעט געוואָרען דורך אַ שפיז אין דער רעכטער לענד. בשעת מען האָט איהם געבראַכט צו מיר, איז ער נאָך געזעסען אויפ'ן פערד. אָבער דאָס אויסגעקרימטע געזיכט, זיין בלאַסקייט און זיין שטאַרער גוסס'ער בליק האָבען מיר באַלד געזאָגט, אַז אַן'איידעלער אָרגאַן איז איהם פערוואונדעט און אַז דער טויט איז נאָהנט. ער איז געשטאָרבען אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט איהם אַראָבגענומען פון פערד און אויפ-געדעקט די וואונד. די טיפע וואונד האָט זיך געפונען אין דעם הינטערשטען טייל פון דער לענד און האָט געהאַלטען צוויי פינ-גער די ברייט. אַ פיקע, וואָס מאַכט שמאָלע, קיילעכיגע, דריי-קאַנטיגע אָדער פירקאַנטיגע וואונדען—עס ווענדט זיך, וואָס פאַר אַ פיקע, צי אַ קיילעכיגע אָדער אַ פילקאַנטיגע—קאָן נישט מאַכען אַזוינע צושטערונגען אין קערפער.

דעם 2-טען אָקטאָבער איז ווידעראַמאָל פאָרגעקומען אַ שטאַרקער געפעכט, אין וועלכען עס האָט זיך בעטייליגט די גאַנ-צע קאַוואַלעריע. איבערהויפט האָבען געליטען די פרייסישע או-לאַנער, אָבער די אַרטילעריע האָט גוט געשאָסען. מיר האָבען זיך געררוקט פאָראויס דורך פעלדער און וועלדער. מיין קרענקליכער צושטאַנד האָט מיר דאָסמאָל נישט דערלויבט צו זיין נאָהנט פון געפעכט.

דעם 3-טען אָקטאָבער האָבען מיר נישט געזעהן דעם שונא. מענש און פערד זענען געווען זעהר מיד און האָבען זיך במעט אַרויסגעשלאָגען פון די כוחות צוליב דער שווערער אַרבייט און דער גרויסער נויט.

אין דעמדאָזיגען טאָג האָבען מיר זיך שטאַרק גערוקט פאָראויס. אָבער צולעצט האָבען די פערד נישט געקאָנט געהן, און ווי שטאַרק מען האָט זיי נישט געדריקט מיט די שפּאָרען,

האָט עס אַלץ נישט געהאָלפען. עס איז שוין פינסטערליך געוואָרען, בשעת מיר האָבען זיך דערנעהנט צו אַ וואַלד, נעבען ספּאַסקופּליאַ, לינקס פון וועג, וואָס פיהרט פון מאָסקווע קיין טאַרוטינאָ. „וואָס ווילט איהר, מיר זאָלען דעם וואַלד אויך אַדורכפּאַרען?—האָבען די סאָלדאַטען געוואָרטשעט. דורך אַ שמאָלען וועג האָט אונז סעבאַסטיאַני אַריינגעפיהרט אין וואַלד. די הינטערשטע טיילען פון דער דיוויזיע האָבען נאָך נישט בעוויזען אַריינצוגעהן אין וואַלד, ווי די פאָדערשטע האָבען שוין געקעמפט מיט די קאָזאַקען. מען האָט זיך געמוזט בעוועגען אַ ביסעל שנעלער. די שיטערע פאָלקען האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַ ליניע און גענומען פייערן פון ביקסען און פיסטאָלעטען איבער די רוסישע רייטער, וואָס זענען געשטאַנען צווישען דעם וואַלד און אַ דאָרף.

איך און מיין געהילף האָבען זיך אָבגעשטעלט ביים אַריינגאַנג אין וואַלד. איבער מיר זענען געפלויגען מיט אַ פייפעריי רוסישע קוילען. איך האָב דאָ געזעהן די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע און אויפ'ן גרונד פון מאַנכע פּרטים האָב איך געקאָנט פאָראויסזעהן דעם שלעכטען סוף פון דעמדאָזיגען קאַמף. דאָס ערשטע מאָל האָב איך איצט דערשפירט, אַז איך וויל מעהר נישט לעבען. איך ווייס נישט, צי דאָס איז געווען אַ דרייסטקייט פון מיין זייט אָדער, פערקעהרט, פחדנות, אָבער איך בין געבליבען אויף מיין אָרט מיט'ן פעסטען פערלאַנג, אַז איינע פון די קוילען, וואָס פייפען אַרום מיין אויער, זאָל מיך טרעפען און מאַכען אַ סוף צו מיין טריב און ביטער לעבען. אָבער מיין פערלאַנג איז נישט אויסגעפיהרט געוואָרען. פּלוצלונג האָט מען גענומען גוואַלדעווען פון אַלע זייטען: „האַק, הוראַ! האַק, הוראַ!" עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון הינטער אונזער פראָנט און פון ביידע זייטען וואַלד האָבען זיך געוויזען גרויסע מאַסען קאָזאַקען מיט פּיקעס, אָנגעשטעלט געגען אונז.

זיי האָבען אַרומגענומען אונזער דיוויזיע און פאַראויס זענען ביידע פראָנטען אַריינגעטראָטען אין אַ האַנדגעמעכט. די שיסעריי און די גוואַלדען „האַק, הוראַ!" זענען געוואָרען אַלץ שטאַרקער און די פערפאָלגטע האָבען זיך אונויפ-

געמישט מיט די פערפאָלגער. די אייגענע און די שונאים האָבען זיך דערנעהנט מיט קאַמף-ליארם און געשרייען, און איך בין געשטאַנען ביים שמאָלען וועג אין וואַלד אַריין, וואָס איז פאַר אונז געווען דער איינציגער וועג, דורך וועלכען מיר וואָלטען געקאָנט אַנטלויפען און זיך ראַטעווען. איך האָב אויסגעקירעוועט דאָס פערד, און עס איז שוין גישט געווען קיין צייט צו טראַכטען וועגען וועלען לעבען אָדער שטאַרבען. מיין פערד, וואָס האָט זיך שוין לאַנג צוגעוועהנט צו דעם דריק פון די שפּאָרען און האָט עס שוין גאָרנישט געשפּירט, האָט זיך באַלד אָנגע-זאָפּט מיט מוט און כחות אונטער די קריגערישע קולות און גע-שרייען, האָט גענומען טראָגען און אַריבערשפּרינגען איבער אַלע מניעות און שטערונגען, סאָפּענדיג שטאַרק מיט די נאָזלעכער. און וואָס שטאַרקער מען האָט אונז געיאָגט, אַלץ שטאַרקער האָט עס מיך געטראָגען. איך בין אויך דרייסטער געוואָרען, נייע כחות האָב איך דערשפּירט אין זיך און איך האָב מיך פעסט געהאַל-טען אויפ'ן זאָטעל, אַרומקוקען זיך איז נישט געווען קיין צייט, פונדעסטוועגען האָב איך בעמערקט פאָראויס און אַרום זיך פּריי-סען, פראַנצויזען, רוסען, פּאָליאַקען און ווירטעמבערגער. אַרום מיר האָט מען געשטאָכען און געשניטען, מענשען זענען געפאַלען און געשפּרונגען פון די פערד; אויפ'ן וועג האָבען זיך געוואַל-גערט מאַסען חפצים, וואָס די-יעניגע, וועלכע האָבען זיך אַרויס-געריסען פאָראויס, האָבען פערלאָרען. אַ יונגער פּרייסישער אָפי-ציר, וואָס איז עטליכע מאָל פערוואונדעט געוואָרען, האָט נעבען מיר אַ געשריי געטהאָן „פּאַרדאָן!" די שרעקליכע יאָגענישען אי-בער אַ שמאָלען וועג, די געשרייען און גוואַלדען, וואָס האָבען צוטרויסעלט די לופט, האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך דערהערט דאָס האַקען אין אַ פּויק. אַ פּוילישער באַראַבאַנ-שטשיק און אַנ'אָפיציר זענען געשטאַנען נעבען מיר.

פּונקט ווי דער הימעל וואָלט זיך דערבאַרימט איבער אונז און צוגעשיקט אונז דעמדאָזיגען באַראַבאַנשטשיק מיט זיין פּויק. עס האָט באַלד גענומען אַ סוף צו די ווילדע געפעכטען, צו דער פערפאָלגונג פון די קאָזאַקען און צו די געשרייען. און

ווער עס איז, ווי איך, געזעסן אויף אַ פערד, דער האָט זיך געראַטעוועט. איצט האָט מען לייכטער געקאָנט אָבאָטעכען, קיי-נער האָט זיך שוין מעהר ניט פערפאָלגט.

מאַנכע פון דידאָזיגע, וואָס האָבען זיך געפונען הינטער אונז, האָבען אונז דאָך דעריאָגט, אָבער זיי זענען געווען צו-נויפגעמישט און צוטומעלט. די רוסען זענען צושמאָלצען געוואָ-רען איבער די וועגען און די קוסטעס און דער וויל איז צוגע-פאַלען די נאַכט.

אַרויס פון וואַלד, האָבען מיר זיך צונויפגעזאַמעלט ביי אַ האַלבע שעה גאַנג פון איהם נעבען אַ הויף פון אַ גוטסבעזיצער. דאָ האָבען מיר זיך געקאָנט בערוהיגען און אויך דאָ האָט מען אונז געזאָגט, אַז די פּוילישע אינפאַנטעריע האָט פערנומען דעם וואַלד.

אויסער האָלץ און שטרוי האָבען מיר גאָרניש געפונען ביי אונזער גאַנצער נויט און הונגער. האָבען מיר זיך בענוגענט כאָטש מיט מנוחה. אַבי מען לאָזט אונז צורוה. אין לאַגער האָט מען הערן און שטאַרק קריטיקירט אַ מענשען, וואָס האָט אונז פאַרנאַכט געפיהרט אין וואַלד אַריין. ער האָט, אפנים, געפיהלט און אפשר האָט ער געהערט, אַז דער עולם איז בייז אויף איהם, וואָרום ער איז געקומען אין לאַגער, איז געגאַנגען פון איין פעלדפייער צו אַ צווייטען — צו זעהן דעם אויסדרוק פון די אַלע בלאַסע פנים׳ער, וואָס זענען בעלויכטען געווען פון די פייערן. ער איז אויך צוגעגאַנגען צו אונז. איך בין געווען דער איינצי-גער, וואָס האָט זיך געקאָנט אויפשטעלען, בשעת ער איז צוגע-גאַנגען צום פייער, אָבער ער האָט מיך דורכגעשטאָכען מיט די אויגען, פונקט ווי ער וואָלט מיך אויסגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס. אָבער אַזוי ווי איך בין ניט געווען קיין בריה צו מאַכען אַנ׳אָנשטעל, האָט ער פון מיין האַלטונג גאַנץ לייכט פערשטאַנען דאָס אַליין, וואָס עס פיהלען די אַלע, וועלכע זיצען ביים פייער*).

*) דער ייִדישער-גענעראַל איז ניט געווען קיין פּראַנס, ווי די אַלע פּויליש-אַריִשע גענעראַלען. זיינע לאַנגע האָר זענען שטענדיג געווען צושויבערט,

שפעט ביינאכט זענען געקומען—אויף פערד און צופוס—מאנכע פון די־יעניגע, וואס זענען פערפאלען געווארען אין וואלד. אונזערע פערלוסטען זענען געוועזן גרויס: דער פאלק האט פערלארען פינף אפיצירען און 25 יעגערס. די דריי אנדערע פאלקען האבען פערלארען 14 אפיצירען און 120 סאלדאטען. די פערלוסטען פון די פיר פראנצויזישע פאלקען זענען מיר אונבעקאנט. די רוסען אבער האבען, וואהרשיינליך, געהאט קלייגע פערלוסטען, ערשטענס, ווייל זיי זענען געוועזן די אנפאלער און, צווייטענס, ווייל מיר זענען נישט געוועזן פעהיג צו שטעלען א רעכטען ווידערשטאנד.

אינדערפריה האט מען געמוזט זארגען וועגען דער אכילה. געפונען האבען מיר בלויז שיריים פון בהמות, וואס די רוסען האבען געשאכטען. שווער צו זאגען, מיט וואס פאר אנ'אנשטרענגונגען מען האט דערפון געמאכט עפיס א מאכל, און דאס א שלעכטען.

ביי־טאג האבען מיר זיך געלאזט אין וועג אריין. מיר זענען געגאנגען פאראויס, דורכ'ן וואלד. דא האבען מיר געפונען די סימנים פון בעכטיגען אווענד, אבער קיין טויטע האבען מיר נישט געזעהן. מיר זענען געגאנגען פאראויס ביז עס איז צוגעפאלען דער אווענד, אבער מיר האבען קיין איין קאזאק נישט געטראפען. צולעצט האבען מיר צוזאמען מיט פאניאטאווסקיס קארפוס און מיט די קיראסירען פערלעגט א לאגער ביים טייכעל טשערניטשנא, א לאגער, וואס האט זיך דערנאך קונה־שם געווען מיט זיין פינאל.

בשעת טעבאסטיאני האט אין ווילנא איבערגענומען אונזער דיוויזיע, האט זי געהאט 3500 פערד. איצט אבער זענען די פאלקען אזוי שיטער געווארען, אז יעדער פאלק איז עטוואס גרעסער געווען פון אן עסקאדראן. ביי אונז, ביי די פרייסישע אולאנער און ביי די פראנצויזישע פאלקען האט מען קוים גע-

---

האט נישט ריין, געווענהליך פלעגט ער טראגען טונקעל־גרינע קליידער, אפער אין דעם טאג האט ער געטראגען א העל־בלויען מאנטעל.

קאָנט אָנבאַהאַלטן א וואַסערע 100—150 פערד. דער באַהאַלטער פּוי-לישער גוסאַרען-פּאָלק איז נאָך אפשר ניט אַזוי שיטער געווען, ווי די אַלע אַנדערע און האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך א לייכטע פון צוויי עסקאַדראָנען. אָבער דערדאָזיגער פּאָלק איז פון טאָמע אָנהויב געווען זעהר שטאַרק.

מיר זענען געשטאַנען נעבן לינקען פלאַנג פון לאַגער. נעבען אונז איז געלעגען א ישוב, וואָס האָט געהייסען טעטע-רינקאַ. דערביי האָט זיך געצויגען דאָס טייכעל טשערניטשנא, וואָס מיט דעם נאָמען ווערט גערופען די שלאַכט, וועלכע האָט זיך דאָ שפּעטער צופלאַקערט. פאָראויס פון דערביי איז געשטאַ-נען א קאַוואַלעריסטע דיוויזיע, פון הינטען—איהר אַרטילעריע. רעכטס און פאָראויס פון אונז—פּאָניאַטאָווסקיס אינפאַנטעריע; הינ-טער'ן וואַלד, אין א הייזעל האָט זיך געפונען דעם קעניגס קוואַרטיר, און דער לאַגער פון די איבעריגע אַרמעען האָט זיך געצויגען רעכטס, איבער דעם גרויסען טראַקט, וואָס האָט גע-פיהרט דורך דער נאַרע קיין טאַרוטינאָ. פון אונז קיין טאַרוטינאָ איז געווען א מייל וועג, אָבער אונז איז שוין ניט בעשערט געוועזן צו זעהן דידאָזיגע שטאָדט.

דאָ, אויף דעמדאָזיגען אָרט זענען מיר רוהיג געשטאַנען גאַנצע צוויי וואָכען. דער הערבסט איז שוין אַוועק, אמת, עס איז נאָך געווען טרוקען, אָבער גאַנץ קאַלט. מיר האָבען געליטען גרויס נויט און הונגער און געלעבט האָבען מיר מיט דער איינ-ציגער האָפנונג, אז עס וועט ווערען שלום און דערמיט וועט נעהמען א סוף צו די צרות.

עטליכע טעג פאַר די לעצטע געשעהעניסען האָבען מיר אין וואַלד, אויפ'ן גרויסען טראַקט געזעהן עטליכע רוסישע אָפי-צירען, וואָס זענען געקומען צו אונז פון מאָסקווע, אַלס פּאַרלאַ-מענטאַרען. אין לאַגער האָבען מיר אויך פיל מאָל געהערט, אז קלענקור און לאָריסטאָן זענען געקומען, אז זיי געפינען זיך אין דער הויפּטקוואַרטיר און אז דער קעניג אַליין איז אויך אַוועק אין דער רוסישער הויפּטקוואַרטיר. אויך פּוילישע אָפיצירען זענען אַהין אַוועק. דידאָזיגע ידיעות האָבען שטאַרק דערוואַרימט אונזע-

רע האָפנונגען, אַלע האָבען געוואַרט מיט גרויס אונגעדולד, די
נערוועז זענען אָנגעשטרענגט געוועזען ביז דעם לעצטען גראַד.
דאָך זענען געוועזען אַזוינע סימנים, וואָס האָבען בעדאַרפט אויס-
לעשען אין אונז די האָפנונג אויף שלום. אַלע טאָג, צום ביי-
שפּיל, האָבען מיר געהערט, ווי די רוסישע סאָלדאַטען אין רו-
סישען לאַגער לערנען זיך שיסען מיט ביקסען און האַרמאַטען.
דער פּאָלקאָווניק אומינסקי, וואָס דער קעניג האָט איהם געשיקט
צו די רוסען, האָט דערצעהלט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן
אין דער רוסישער אַרמעע, האָט איהם איבערראַשט מיט זיין גו-
טען צושטאַנד און מוט. ער האָט גערעדט מיט פּלאַטאָוו'ן און מיט
אַנדערע אָנגעזעהענע אָפיצירען און זיי האָבען איהם אָפען גע-
זאָגט: „איהר זענט שוין מיד געוואָרען פון דער מלחמה, און
מיר מאַכען ערשט ערנסטע הכנות צו איהר. אייערע וועגענס,
אייער רויב, אייערע טראַנספּאָרטען און האַרמאַטען וועלען אַריינ-
פאַלען צו אונז אין די הענד.‟

דאָס לעבען אין לאַגער האָט זיך זעהר טריב געצויגען.
עס זענען געגאַנגען טעג מיט קאַלטע נעכט, וואָס האָבען געפאָ-
דערט אַ סך האָלץ. די זאַפּאַסען אין די אַרומיגע דערפער האָ-
בען זיך אויסגענומען. פון אָנהויב האָט מען פערברויכט די גע-
הילצען פון די דאָרפישע הייזער, פון די שטאַהלען און שייערס.
די גראָבע קלעצער האָט מען נישט געזעגט, נאַר פשוט אַריינ-
געלעגט זיי מיט'ן ברעג אין פייער אַריין, און אַז דער ברעג
האָט זיך אויסגעברענט, האָט מען דעם קלאָץ געשטופּט ווייטער.
אָבער אַז די אַלע שייערן און שטאַהלען זענען פערברענט גע-
וואָרען, האָט מען זיך גענומען צו די הייזער, פון וועלכע עס
זענען נור געבליבען אַ פּאָר צימערלעך פאַר די עלטסטע אָפי-
צירען און חולאים.

שטרוי האָבען מיר געהאַט זעהר ווייניג, און די פערד האָ-
בען האַלב געהונגערט. ביינאַכט פלעגען מיר שלאָפען אויפ'ן
שטרוי, און בייטאָג פלעגען מיר איהם אַוועקגעבען די פערד. די
נעכט זענען געוועזען זעהר קאַלטע, מיר פלעגען זיך איינגראָבען
אין'ם שטרוי, וואָס פלעגט איינהיהרען פאַר דער נאַכט און איינ-

דערפריה פלעגען מיר איהם פונאַנדערהאַקען. די אויסגעמאָגערטע פערד און די געשפּאַן-רימענס זענען געדיכט בעדעקט געווען מיט פראָסט-טוי, פונקט ווי מיט שניי. די זון פלעגט זיי ביסלעכווייז דערוואַרימען און צושמעלצען אויף זיי דעם פראָסט-טוי.

קאָרן, ווייץ און גריצקערנער, וואָס מיר פלעגען בעקומען, פלעגען מיר על-פי-רוב קאָכען נישט אַרומגעשיילטערהייד. מיר פלעגען זיי קאָכען אַזוי לאַנג, ביז זיי פלעגען אָנגעשוואָלען ווערען און פּלאַצען. דעמאָלט ווערען זיי ווייך און מיר פלעגען קאָנען אַראָבנעהמען פון זיי דאָס שאָלעכטס. אַזוי האָבען מיר געהאַט קאַשע אָדער קרופּניק. אַ טייל קאָרן פלעגט צומאָלט ווערען מיט שטיין- אָדער האַנד-מיהלכלעך און דערפון פלעגען מיר באַקען ברויט. פאַר די שוואַכע און מאָגערע הענד איז דאָס געווען זעהר אַ שווערע אַרבייט. ביי דערדאָזיגער פּראַצע פלעגען זיך טוישען אַ סך מענשען, אָבער אָנשטאָט מעהל פלעגען מיר בעקומען צוקוועטשטע קערנער, עפּיס אַ קאַשע, פון וועלכער מיר פלעגען מיט גרויס מיה אויסבאַקען אַ שווער, מאַסיוו ברויט. אָפּיצירען און סאָלדאַטען—ביידע גלייך האָבען געדרעהט דעם שטיין, און דערדאָזיגער מנהג איז שוין לאַנג איינגעפיהרט געוואָרען. ווער עס האָט נישט צוגעלעגט אַ האַנד, דער איז געבליבען מיט אַ לעדיגען מאָגען, דער האָט גאָרנישט בעקומען. מיינע אויסגעמאַטערטע הענד האָבען טיילמאָל געקאָנט אַ דרעה טהאָן דעם שטיין אַ דריי-פיר מאָל, דאָך האָבען מיר אַלע פלייסיג געאַרבייט, ווייל די נויט האָט געטריבען און געיאָגט.

זאַלץ האָט אונז עפּטער פערפעלט, בעזונדערס איצט. אָנשטאָט זאַלץ, פלעגען מיר עפטער געברויכען פולווער. ביים קאָכען פלעגט דער פולווער צולעגט ווערען אויף זיינע בעזונדערע עלעמענטען; קויהל און שוועבעל פלעגען אַרויסשווימען אַרויף, ווי שוואַרצע פלעקען, פלעגט מען זיי אַראָבנעהמען מיט'ן לעפעל און דאָס סאַלפּעטער פלעגט צושמאָלצען ווערען אינ'ם קרופּניק. אַזאַ מין בעזאַלצונג איז שאַרף, שווער און נישט אָנגענעהם. דערפון פלעגט שטענדיג ברענען אויפ'ן האַרץ און עס פלעגט זיך פערשטאַרקען דער שלשול. דעריבער פלעגט מען זיך סטאַרען צו

עסען גאָר אָהן זאַלץ, וואָס איז געווען אַ סך גלייכער. קיין שמאַלץ האָבען מיר נישט געהאַט, און אָנשטאַט דעם פלעגען מיר טיילמאָל געברויכען אפילו סטעאַרין־ליכט.

די פרייסען און מיר זענען געווען גליקליכער פון די אַנדערע, ווייל דאָ איז אונז נישט אויסגעקומען צו עסען פערדעפלייש. בשעת דאָס אָקסענפלייש איז אויסגעגאַנגען, האָבען מיר גראָד צופעליג בעקומען די שריים פון די בהמות און שעפסען, וואָס מיר האָבען צונויפגעזאַמעלט הינטער'ן ניעמאַן. זעלבספערשטענדליך, אַז דידאָזיגע לאַנגזאַמע בעשעפענישען, וואָס האָבען דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגע נסיעה אין אַזעלכע גרויסע היצען און אין אַזוינע ערטער, וואו עס איז גאָר קיין פאַשע נישט געווען פאַר זיי, זענען בעשטאַנען בלויז פון הויט און ביין. דאָס זענען שוין נישט געווען קיין בהמות און שעפסען, נאָר אויסגעמאָגערטע צרה'דיגע קעץ. מיר האָבען אַלע טאָג געגעסען קיה־פלייש, אָבער די פּאָליאַקען און פראַנצויזען האָבען עפטער געגעסען דאָס פלייש פון אונזערע געפּגר'טע פערד. אפילו דעם קעניגס דינערשאַפט האָט זיך אויך לעצטענס געגעהרט בלויז מיט פערדענפלייש. דעם זופ פון שעפסען־ אָדער אָקסען־פלייש פלעגען מיר טרינקען, ווי טיי אָדער קאַווע.

מיר האָבען אין אַלגעמיין געהאַט אַזוי וועניג פלייש, אַז דער קעניג פלעגט בעטען, מיר זאָלען איהם שענקען אַ שטיקעל פלייש צום טיש. פלעגען מיר איהם שיקען אַמאָל אַ שעפס, אַמאָל אַ פערטעל אָקס א. ד. גל.

אַמאָל—און דאָס פלעגט טרעפען נישט אָפט—פלעגט קומען פון מאָסקווע אונזערער אַ פאָלק־חבר, וואָס האָט, נאַטירליך, גוט געוואוסט, ווי מיר הונגערן און ליידען, פלעגט ער אונז ברענגען טיי, צוקער, קאַווע און אַנדערע זאַכען. פלעגט מען זיך אָנטרינקען מיט טיי, פערדרויכערן און כאַפּען אַ שמועס ביים פעלדפייער און דעמאָלט פלעגט זיך לייכטער איבערטראָגען די לאַנגע נאַכט, וואָס איז שטענדיג געווען צו־לאַנג פאַר שלאָף און רוה.

געשמועסט האָבען מיר איבער פערשידענע זאַכען, אָבער אונזערע שמועסען פלעגען נישט בעלעבט ווערען דורך אַ וויצעל

אָדער אַזױ אַ װאױל װערסעל. פֿאָן־רײַנהאַרדט און נאָך עטליכע אָפֿיצירען פֿלעגען אונז שטענדיג טרײסטען, שטיצענדיג זיך אױף די װערטער פֿון אײנעם אַ גרױסען מענשען אין מאָסקװע. זײ האָבען שטענדיג אױפֿגעמונטערט די־יעניגע, װאָס זענען געפֿאַלען פֿון מוט און האָבען געזעהן אַ שלעכטען אױסגאַנג פֿונ׳ם קריג.

„פֿל־זמן ער לעבט און שטעהט בײם רודער, — פֿלעגט פֿאָן־רײַנהאַרדט זאָגען — מעגען מיר שטענדיג האָפֿען אױף אַ גליקליכען אױסגאַנג!" אָבער דער גרעסטער טײל אונטעראָפֿיצירען און סאָלדאַטען פֿלעגען ענטפֿערען דערױף: „איהר, הערן, דערפֿילט שטענדיג אײער חוב און איהר סטאַרעט זיך צו דערװײזען, אַז די לאַגע איז גאָרנישט אַזױ שלעכט, אָבער איהר טראַכט אַנדערש, װי איהר רעדט!" אָבער די פֿרױען, װאָס פֿלעגען אונז מאַכען קאַװע, פֿלעגען רײדען נאָך מיט מעהר חוצפּה און פֿלעגען אױסגיסען זײער ביטער האַרץ מיט די סאַמע האַרבסטע װערטער. „יאָ, ער זיצט דאָרט אין מאָסקװע און קלױבט נחת פֿון זײן גװאַרדיע און מיר בעדאַרפֿען דאָ הונגערן און פֿריהרען!" און אַ צװײטע פֿלעגט זי איבערשלאָגען: „דער־דאָזיגער נאַפּאָלעאָן האָט אונז שטענדיג צוגעזאָגט גאָלדענע בערג און װינטערװאױנונגען אין שענע לענדער. אפשר װעט ער אַמאָל מקיים־זײן זײן װאָרט, אָבער עס װעט שױן זײן שפּעט און מיר װעלען צומײלט װערען אין דער ערד. יאָ, ער װעט זיך אַרױסדרעהען פֿון דער שװערער לאַגע, אָבער מיר, אָבער מיר..."

מיר האָבען געלאָזט די פֿרױען רײדען, װאָס זײ האָבען געװאָלט, אָבער אַלײן האָבען מיר זיך קײנמאָל נישט דערװעגט אַזױנס צו זאָגען.

און אײנער פֿון די ערשטע טעג האָט אַ׳ן אָפֿיציר פֿון דער פֿאָדערשטער ליניע געבראַכט אַ בריף, געשריבען פֿון אײנעם פֿון די אונזעריגע פֿינף פֿאָלק־אָפֿיצירען, װאָס זענען דעם 4־טען אָקטאָבער אַרײנגעפֿאַלען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. דער בריף איז געװען אַ׳ן אָפֿענער, אַדרעסירט צום פֿאָלק און זײן אינהאַלט איז לפֿי־ערך געװען אַזױ:

„טײערע פֿרײנד! מיר אַלע פֿינף זענען געזונד, נאָר,

פינק, מינצינגען זענען לייכט פערוואונדעט און איך בין פאָלקאָם געזונד. מיר אַלע בוטיגען זיך אין געלד און בעטען אייך, איהר זאָלט אונז טאַקי צושיקען אַ געוויסע סומע. גענעראַל מילאָראַדאָוויטש האָט אונז צוגעזאָגט, אַז דער פּאַקעט מיט געלד פאַר אונז וועט דורכגעלאָזט ווערען דורך די רוסישע אַוואַנפּאָסטען. די סאָלדאַטען, וואָס זענען געפאַנגען געוואָרען מיט אונז צוזאַמען, זענען אָבגעשיידט פון אונז. מיר גריסען א. אַז. וו.

דער 6-טער נאָוועמבער 1812.

גרעמפּ פאָן-פריידענשטיין."

אינדערפריה איז באַלד צונויפגעזאַמעלט געוואָרען אַ געוויסע סומע דוקאַטען און טאָלערס. דאָס געלד איז פערפּאַקט געוואָרען אין אַ פּאַקעט און מיט אַ געהעריגער דערלויבניש אַוועקגעשיקט געוואָרען צו אונזערע אַוואַנפּאָסטען און דאָרט איבערגעגעבען געוואָרען דעם ערשטען רוסישען אַוואַנפּאָסט-אָפיציר. אין יאָהר 1818 האָב איך מיך בעגעגענט מיט דעמדאָזיגען הער פאָן-פריידענשטיין, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט נישט בעקומען דאָס געלד. טריהער האָט פירשט האָהענלאָע יאָ בעקומען. אין אַ צווייטער נאַכט זענען געקומען אונזערע צוויי סאָלדאַטען, וואָס זענען דעם 8-טען אויגוסט אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט. זיי זענען געוועזן פערקליידט, ווי רוסישע פויערים און דער עולם האָט זיך שטאַרק גע׳חדוש׳ט, קוקענדיג אויף זיי.

די-יעניגע, וואָס האָבען געטריבען די קיה פון סאַמע ניעמאַן אָן, האָבען דערצעהלט זעהר טרויעריגע זאַכען וועגען דעם אַלעם, וואָס זיי האָבען געזעהן אויפ׳ן וועג, אָבער דאָס סאַמע שרעקליכסטע איז געוועזן דאָס, וואָס זיי האָבען געזעהן אויפ׳ן פעלד נאָך דער באָראָדינישער שלאַכט. מאַנכע צוקאַלעטשעטע קריגער לעבען נאָך. אין אַ שרעקליכען צושטאַנד דערקריכען זיי צו די דערשאָסענע פערד, פון וועלכע זיי רייסען דאָס פליישמיט די הענד, נעגעל און צייהן. דידאָזיגע אומגליקליכע בעשעפענישען זענען שוואַרץ געוואָרען, זעהען-אויס, ווי ווילדע חיות און עס איז שווער צו דערקאָנען אין זיי דעם מענשען. זאָיף דעם אייגענעם שלאַכטפעלד זענען צונויפגעזאַמעלט מאַסען גע-

ווערן און קוילען, אָבער פון דידאָזיגע אומגליקליכע בעשעפענישען טראַכט קיינער נישט*).

אין די לעצטע טעג פון אונזער לאַגערן דאָ האָבען מיר בעקומען די טרויעריגע בשורה, אַז דער רוסישער גענעראַל וויטענשטיין קעמפט מיט גרויס ערפאָלג אויף דער דווינע, אַז די בייערן זענען אינגאַנצען צוקלאַפּט געוואָרען און אַז צוליב דעמדאָזיגען ערפאָלג וועט מוזען אָבטרעטען די גרויסע אַרמעע.

יעדער טאָג האָט זיינע דאגות. דאָסדאָזיגע ווערטעל איז בעזונדערס גוט צוגעפּאַסט געווען צו אונז. אַלע טאָג זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען מענשען צו זוכען פאַר אונז פּראָוויאַנט. אין דער ערשטער צייט פלעגען זיי טאַקי קומען מיט מאַסען קאָרן און שטרוי. ביסלעכווייז אָבער האָט זיך די פּאַרציע פערקלענערט און פערקלענערט און דערביי פלעגען זיי האָבען גרויסע פערלוסטען אין מענשען און פערד, ווייל זיי פלעגען בעפאַלען ווערען פון בעוואָפענטע פויערים און קאָזאַקען. צולעצט פלעגט מען אַרויסשיקען מחנות פעלאָטע מיט האַרמאַטען. דאָס ביסעל, וואָס זיי פלעגען יאָ ברענגען, פלעגט זיי קאָסטען גאַנצע שלאַכטען מיט פערלוסטען אין מענשען און פערד.

דידאָזיגע פּראָוויאַנט-זוכענישען האָבען זעהר אָבגעשוואַכט אונזערע אַזוי אויך שוואַכע כחות, און די קאַוואַלעריע האָט פערלאָרען אַ העלפט מענשען און פערד.

מיט צוויי טעג פאַר דער שלאַכט האָט אונזער פאָלק געהאַט זעהר ווייניג מענשען. אין פראָנט האָבען מיר געהאַט: אַ קאָמאַנדיר, צוויי שטאַבאָפיצירען, איין שטאַבראָטמיסטער, פינף לייטענאַנטען, פיר וואַכמיסטערס, פינף אונטעראָפיצירען, זעכציג יעגערס; נישט אין פראָנט: אַן'עלטסטען דאָקטאָר, אַ געהילף-דאָקטאָר, אַ לאַזאַרעטדינער, צוויי פאָלק-שמידען און איין דענשטשיק. מיר האָבען זיך געפונען אין אַזאַ מצב, ווען אין איינעם אַ קעלטען נעבעלדיגען פאַרטאָג האָבען אונז צוויי האַרמאַ-

*) דאָס איינענע דערציילען אויך אַנדערע שרייבער, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דעמדאָזיגען קריג.

מענשאָסען אויפגעוועקט פון שלאָף. דאָס איז געווען דעם 19-טען אָקטאָבער. איין גראַנאַט איז געפאַלען נישט ווייט פון מיר און האָט אויפגעריסען, אָבער קיינעם נישט געשעדיגט.

מיר האָבען זיך שנעל געזעצט אויף די פערד, וואָס ביי-נאַכט זענען זיי שטענדיג געשטאַנען געזאָטעלט און געשפּאַנט. אַז מיר האָבען זיך אַרומגעקוקט, האָבען מיר דערזעהן די רייהען פון שונא סאַמע נעבען אונזער לאַגער און הינטער אונז האָבען זיך געטראָגען גרויסע מחנות קאָזאַקען.

די רוסישע האַרמאַטען האָבען שרעקליך געפייערט, אָבער דאָס איז געגאַנגען אַזוי שנעל, אַז מיר האָבען נישט בעוויזען פון אָרט זיך צו ריהרען און זיך אויסצושטעלען, ווי געהעריג. אונזער לאַגער איז געווען אַזאַ צרה'דיגער, אַז איך האָב פשוט געקלערט, די רוסען וועלען אונז כאַפּען און נעהמען אין געפאַנגענשאַפט. ערשט שפּעטער האָב איך מיך דערוואוסט, דורך וואָס פאַר אַ נסים מיר האָבען זיך אַרויסגעראַטעוועט. אונז האָט דאָ אַרויסגעהאָלפען דער קעניג, וואָס האָט שנעל און טרעפליך געבראַכט אין בעוועגונג די קיראַסירען און דאָס ביסעל קאַוואַ-לעריע, און אַזוי אַרום האָבען מיר זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ גרויס אומגליק. באַלד אין אָנהויב פון דער שלאַכט זענען אַלע אַזוי צומישט געוואָרען, אַז יעדער איינער האָט, ווי מיר האָט אויסגעוויזען, געזוכט אַ וועג ווי אַזוי דורכצושמוגלען זיך דורך די קאָזאַקען, וואָס האָבען אונז שטאַרק געדריקט פון עטליכע זייטען.

איך מיט מיינע געהילפען זענען תיכף ומיד אַוועק צום נאָהנסטען וואַלד, וואו עס איז פריהער געשטאַנען די פוילישע אינפאַנטעריע, און זיך דאָרט אויסבעהאַלטען אַ געוויסע צייט. אָבער דאָ, פון דעמדאָזיגען אָרט האָבען מיר געקאָנט זעהן דעם גאַנצען געפעכט און ווי אַזוי אונזערע זענען, קעמפענדיג, אָב-געטראָטען. מיר האָבען אויך געזעהן, ווי די רוסען האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן און פערכאַפּט 36 האַרמאַטען, וואָס זענען גע-שטאַנען הינטער דעם קיראַסירען-לאַגער. אַ העלפט פון דידאָזיגע האַרמאַטען איז נאָך אפילו נישט צוגעשפּאַנט געוואָרען צו די

מאָדערשטע טײלן.

אונזער מעמד איז געװען אַזאַ שלעכטער, אַז װען די רו־סען װאָלטען געקומען מיט אַ צעהן־צװעלף שעה פריהער, בשעת דער קערן פון אונזער מיליטער איז בעװאָפענט מיט האַרמאַטען, אַװעק זוכען פּראָװיאַנט, װאָלטען זײ גאָר אָהן שום געװעהר און אָהן שום זינשטרענגונגען געקאָנט נעהמען אין געפאַנגענשאַפט דעם גאַנצען לאַגער.

איך מיט מײנע צװײ געהילפען האָבען געמוזט פערלאָזען דעם װאַלד און מאַכען װאָס גיכער פּליטה. מיר האָבען באַלד אָבגעזוכט אונזער הײפעל מענשען, װאָס האָט נאָך אַלץ געהײסען פאָלק און נאָך אַ צװײט הײפעל, װאָס צוזאַמען האָבען זײ גע־הײסען בריגאַדע. װי אַ װוּנדער איז אָנגעפלויגען אַן אַדיוטאַנט פון קעניג מיט אַ בעפעהל צו אַטאַקירען. האָט מען זיך באַלד אַ רוק געטהאָן פאָראויס, אָבער מען האָט נישט אָנגעגריפען, נאָר בלויז מאַנעװרירט. ביז אַהער האָט אונזער הײפעל מענשען געהאַט בלויז אײן פערװאונדעטען אָפיציר פאַר'ן גאַנצען פריהמאָרגען. צוליב אונזערע הונגעריגע און אויסגעמאַטערטע שקאַפּעס און אויך צוליב דעם, װאָס עס איז געװען פינסטערליך אויף דעם אָרט, װאו אונזער ביסעל מיליטער האָט מאַנעװרירט, האָבען מיר דרײען—מײנע צװײ געהילפען און איך—זיך אָנגעדרעהט אַ פּוי־לישען אָפיציר אונטער דער נאָז. דערדאָזיגער אָפיציר האָט זיך שוין לאַנג קונה־שם געװען מיט זײן שנאה צו די דײטשען. האָט ער באַלד גענומען ברענען פון גרימצאָרן און האָט זיך װי אַ בײזע שלאַנג פערמאָסטען געגען אונז. דעם דאָקטאָר מײער האָט ער פער־װאונדעט. ער האָט אויך פערװאונדעט דאָס פערד פונ'ם דריטען דאָקטאָר; מיך האָט ער בעזידעלט מיט די מאוס'טע װערטער און ער װאָלט נאָך אָבגעטהאָן גאָט װײס װאָס, װען די צײט און דאָס אָרט װאָלטען עס איהם דערלויבט.

די אינפאַנטעריע און אַרטילעריע האָבען געאַרבײט מיט אַלע כחות. מיר זענען שוין װײט געװען פון אונזער לאַגער, און אַז אונזער הײפעל מענשען האָט זיך אָבגעשטעלט, זענען מיר אַװעק־געפאָהרען אָנקלאָגען דעם אָפיציר און פאָדערן אַ בעפרידיגונג.

אַלע האָבען אונז מיטגעפיהלט און בעדויערט, אָבער מכח דער בעפרידיגונג האָט מען אונז געהייסען צו־וואַרטען.

אַזוי ווי די שלאַכט האָט אונז שטאַרק אָבגעוואָרפען צוריק, האָבען מיר געהאַט ווייניג פערוואונדעטע. צווישען די פערוואונדעטע האָט זיך אויך געפונען דער פּוילישער אָפיציר, וואָס איז זיך אַזוי גראָב און מאוס בעגאַנגען מיט אונז. אַ קליינע קויל האָט איהם דורכגעשאָסען דעם לינקען פּאַראַקסעל און צושמעטערט דעם ביין. אויסער אונז זענען דאָ מעהר קיין דאָקטוירים נישט געווען, אָבער מיר זענען געווען מענשליכער פאַר איהם און האָבען איהם פערבינטעוועט די וואונד. מען האָט איהם אפילו בעדאַרפט מאַכען אַן אַמפּוטאַציע, אָבער דערצו איז שוין קיין צייט נישט געווען, ווייל מיר זענען איילינג אָבגעטראָטען.

צוליב די פערשידענע כירורגישע אַרבייטען און צוליב'ן זוכען עסען פאַר די אויסגעמאַטערטע פערד ערגעץ אין אַ ווייטען לאַגער אויף דער צווייטער זייט פון'ם טראַקט, וואָס פיהרט קיין מאָסקווע, און אויך צוליב דעם, וואָס די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען, האָב איך דאָס ערשטע מאָל פערלאָרען מיין פאָלק און אונזער יאַרמעע.

מען האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו פייערן פון די האַרמאַטען, און סיי די פערוואונדעטע, סיי די קאַוואַלעריסטען און סיי די פאָלק־בעאַמטע, וואָס האָבען זיך געשלעפּט איבער'ן וועג אויף צרה'דיגע שקאַפּעס, האָבען פערזיכערט, אַז מיר טרעטען־אָב.

אַזוי ווי אויפ'ן וועג האָבען אונז אָנגעיאָגט געשלאָסענע רייהען מיליטער, האָבען מיר דערפון געדרונגען, אַז דער קעניג האָט אויסגעוועהלט דעם אייגענעם וועג, איבער וועלכען מיר זענען געגאַנגען דעם 4־טען און דעם 5־טען אָקטאָבער, און דעריבער בין איך געגאַנגען צוזאַמען מיט דיזאָזיגע אונבעקאַנטע מיליטערטיילען.

דער לאַגער ביים מייכאַל טשערניטשנאַ און ביים דאָרף טעטערינקאַ, וואָס עד־היום רופט ער נאָך אַרויס אין מיר אַן אימה און אַ ציטער, דער לאַגער, וואו עס איז געשטאַנען אונזער דיוויזיע מיט די לעצטע שיריים פון אונזער פאָלק, איז,

אַלוּאַ, געווען דער לעצטער פּונקט פון אונזער מאַרש אין טיף רוסלאַנד, און דער 18-טער אָקטאָבער איז געווען דער טאָג, ווען מיר זענען געצוואונגען געוואָרען אָנצוהייבען אונזער גרויסען ריקצוג. אונזער פּערלאָזטער לאַגער האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך זעהר אַ שרעקליך בילד, און אויפ׳ן גרונד פון דעמדאָזיגען בילד האָבען די רוסען געקאָנט בעגרייפען דעם מצב פון אונזער אַרמעע.

מיר האָבען נישט געהאַט—נישט קיין שטאַהלען, נישט קיין בּאַראַקען און נישט קיין געצעלטען. אין די קאַלטע אָקטאָבער-נעכט זענען אַלע געשלאָפען אונטער׳ן בלויזען הימעל, אויף דער בלויזער ערד, ווייל מיר האָבען קיין שטרוי אויך נישט געהאַט. אַרום האָבען זיך געוואַלגערט שיריים פון פערד, מיט וועלכע עס האָט זיך גענעהרט דאָס מיליטער; הענד און פייער האָבען געמאַכט אַ תּל פון די אַרומיגע דערפער; מאַסען קליידער, צובראָכענע וועגענס, פערשידענע געשפּאַן-טיילען, וואָס די צורודערטע און צוקאַלעטשעטע אַרמעע האָט אַוועקגעוואָרפען, און, צולעצט, די גרויסע צאָהל טויטע קערפּערס, וואָס זענען געלעגען אָהן קבורה און די בערג מיט אָבוואַרף און אונריינקייטען, וואָס מענשען און פערד האָבען איבערגעלאָזט פאַר צוויי וואָכען צייט,—דאָס אַלץ האָט מיט שרעקליכע שטריכען בעצייכענט אונזער לאַגערלעבען און דעם צושטאַנד פון אונזער אַרמעע.

דערדאָזיגער לאַגער צוזאַמען מיט די פּראָוויאַנט-אַרומזוכע-נישען האָבען אונז געקאָסט אַ העלפט מענשען און פערד און די לעצטע שלאַכט און דער דרייטאָגיגער ריקצוג, ביז מיר האָבען זיך געקאָנט פעראייניגען מיט דער אַרמעע, וואָס איז געגאַנגען פון מאָסקווע, האָט אינגאַנצען צוקלאַפּט דעם פּאַק, צו וועלכען איך האָב געהערט.

ניינטעס קאַפּיטעל.

דער ריקצוג צו מאָסקווע-צו.—גראַף פאָן-שעלער.—נייע בע-שעפטיגונגען.—די עשירות פונ׳ם מיליטער, וואָס איז געגאַנגען פון מאָסקווע.—דער מאַרש קיין באָראָווסק.—בילדער פון גרויסע צרות און פּלאָגען,—נאַפּאָלעאָן קעהרט זיך צוריק מיט דער אַר-מעע פון מאַלאָיאַראָסלאַוועל.—דער אָנהויב פונ׳ם אַלגעמיינעם ריק-צוג.—מיר טרעטען-אַרויף אויפ׳ן סמאָלענסקער טראַקט.—מען ווארפט-אַוועק דאָס געוועהר.—טרויעריגע בעאָבאַכטונגען.—דער שווערער גורל פון די פערוואונדעטע.

דעם 19-טען אָקטאָבער זענען מיר געקומען אינ׳ם דערפעל וואָראָנאָוואַ, וואו מען האָט אונז געוויזען די רעשטלעך פונ׳ם הויז, וואָס האָט געהערט צום מאָסקווער גובערנאַטאָר ראָסטאָפּ-טשין. דאָסדאָזיגע הויז האָט ער אַליין פערברענט, און מען האָט אונז דערצעהלט, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן.

דעם 20-טען זענען מיר געגאַנגען ווייטער מיט׳ן טראַקט,

וואָס פיהרט קיין מאָסקווע און פאַרנאַכט האָבען מיר אָנבעגעגענט מאַרשאַל נעיס קאָרפוס. אינ׳ם פאַרק פון אַ פריצ׳ישען הויז, וואָס איז פערנומען געוואָרען דורך מאַרשאַל נעי און זיין סוויטע, האָב איך ביינאַכט געטראָפען מיין פריינד, דעם הויפט-כירורג קעלרייטער. געטראָפען האָב איך איהם גראָד דעמאָלט, בשעת ער איז געזעסען ביים טיש, ד. ה. אויף דער ערד זענען געשטאַנען גוט צוגעריכטע מאכלים (אינ׳ם משך פון דער מלחמה האָב איך נאָך אַזוינע מאכלים נישט געזעהן) און ער איז האַלב-געלעגען און געגעסען. איך האָב מיך אויך בעטייליגט אינ׳ם מאָלצייט, און נאָכדעם, אַז מיר האָבען זיך אונטערגעלעהנט דאָס האַרץ, האָבען מיר געמאַכט אַ שמועס וועגען אונזערע איבערלעבונגען.

זיינע דערצעהלונגען וועגען דעם אַלעם, וואָס ער האָט געזעהן און איבערגעלעבט אין מאָסקווע, זיינע מעדיצינישע און כירורגישע בעאַבאַכטונגען זענען, נאַטירליך, אינטערעסאַנטער געווען פון מיינע מעשיות וועגען אונזער צרה׳דיגען לאַגער ביים טייכעל טשערניטשנאַ און וועגען דער שלאַכט, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. ביז דער באָראָדינישער שלאַכט האָט ער געהאַט אַ פוילישע ברישקע, אין וועלכער עס זענען געלעגען בינטען, אַ פאָר פלעשער שנאַפּס און עטליכע ברויטלעך. איצט אָבער האָט ער געהאַט אַ גרויסאַרטיגען עקיפּאַזש, געשפּאַנט מיט זעקס פערד, בעלאָדען מיט די טייערסטע פעלכלעך, אַ גאָלדענעם שווערד און פול כל-טוב צום עסען.

„געניס, מיין פריינד, פון דיינע אוצרות, כל-זמן דו האָסט זיי אין די הענד,—האָב איך מיך אָנגערופען,—וואָרום איינציגען וועט נעהמען אַ סוף אויך צו דיין יום-טוב.“ איך האָב איהם דערצעהלט, וואָס די רוסען האָבען פאַרגעזאָגט דעם פוילישען פאָלקאָווניק אומינסקי׳ן, איז ער געוואָרען ערנסט און האָט זיך שטאַרק גע׳חדוש׳ט. איך האָב איהם אויך דערצעהלט, אַז איך קום אַהער פון מיין פאָלק און פון אַוואַנגאַרד, און ער האָט מיר בעמערקט דערויף: „מאָרגען וועל איך דיך פאָרשטעלען דעם

גראַף פאָן-שעלער, וועסטו זיך דערווייל בעשעפטיגען דאָ, ביז דיין מיליטערטייל וועט אונטערקומען אַהער.״

די נאַכט האָב איך פערבראַכט אין פאַרק צוזאַמען מיט איהם. דעם 21-טען אינדערפריה האָב איך געזעהן די גענעראַליטעט, דעם אינפאַנטעריע-קאָרפוס פון מיינע לאַנדסלייט, פון וועלכע עס זענען געבליבען בלויז עטליכע באַטאַליאָנען, און מיין פאָלק, צו וועלכען איך האָב געהערט, האָט איצט געהאַט אַ ביסעל אָפיצירען, אונטעראָפיצירען און עטליכע יעגערס. גראַף פאָן-שעלער האָט מיך געקאָנט נאָך פון די רהיינישע קריגסצוגען, און אַז ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער מיך אַ רוף געטהאָן. איך האָב איהם געמוזט דערצעהלען אַלץ, וואָס איז געשעהן אין לאַגער ביי טשערניטשנאַ און אין דער שווערער שלאַכט, וואָס מיר האָבען נאָכדעם איבערגעלעבט. ער האָט זיך אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט די פראַגען פון מיין פראָפעסיע און האָט אַרויסגעוויזען אַ סך מיטלייד צו מיין איצטיגער לאַגע. מיר און דעם ביסעל אָפיצירען פון אונזער פאָלק האָט ער פאָרגעלעגט צו פערבלייבען ביי דער הויפטקוואַרטיר. אויף וויפיל איך האָב געקאָנט, האָב איך געפאָלגט דידאָזיגע עצה סאַמע ביז בערעזין.

באַלד ווי גראַף פאָן-שעלער האָט מיך אָבגעלאָזט, האָב איך מיך אָנגעהויבען בעגעגענען מיט מיינע פריינד, און עס האָבען זיך אָבגעפונען בייע בעשעפטיגונגען. דער שטאַב-ראָטמייסטער פאָן-מינכינגען און פאָן-פאַלקענשטיין, וואָסביידע האָבען מיך געקאָנט נאָך פון די רהיינישע קריגסצוגען, האָבען מיך זעהר פריינדליך בעגריסט און געבעטען, איך זאָל היילען זייערע וואונדען. איינער האָט געהאַט פערוואונדעט די לינקע האַנד, דער צווייטער—די רעכטע. ביידע זענען געווען אַלטע פריינד מיינע און חברים לויט׳ן געוועהר.

נאָך איצט געדענק איך זעהר קלאָר, ביי וואָס פאַר אַ שווערע אומשטענדען איך האָב זיי פערבינטעוועט די וואונדען. איך פלעג עס טהאָן אין דרויסען, אונטער׳ן בלויזען הימעל, אין פרעסט, שניי און שטורמווינדען. נישט איין מאָל האָב איך

די צוריקגעבליבענע ביינער פון די וואונדען און נישט איינמאָל האָב איך זיי ביינאַכט פערבינטעוועט די וואונדען ביי די פעלד-שערן. די וואונדען זענען מוגדעסטוועגען מערהיילט געוואָרען. בשעת זיי פלעגען אַמאָל איינאַנדער העלפען צוריקקריכען אויף די פערד, פלעגט עפּיס וועה טהאָן דאָס האַרץ, קוקענדיג דע-ריף: יעדער איינער פון זיי האָט געקאָנט אַרבייטען נאָר מיט איין האַנד און קיין דענשטשיקעס זענען נישט געווען.

אינדערפריה האָבען מיר פערלאָזט דעם מאַרק און זענען אַוועק אין וועג אַריין. אין וועג האָב איך מיך צוגעקוקט צו אונזערע באַטאַליאָנען: זיי זענען שטאַרק צושמאָלצען געוואָרען, דאָך אָבער האָבען זיי בעסער אויסגעזעהן. אין מאָסקווע זענען זיי אַ ביסעל געקומען צו די כחות. דאָרט האָבען זיי זיך אויך פערזאָרגט מיט אַ סך-פּראָוויאַנט, און כמעט די צאָהל זייערע איז געווען אַ גאַנץ קליינע, פונדעסטוועגען האָבען זיי אָבגעהיט די גאַנצע אַמוניציע.

אין דעם אייגענעם טאָג האָב איך אויך געזעהן נאַפּאָלעאָנס אַלטע און יונגע גוואַרדיע, אויף פערד און צופוס. זיי זענען געגאַנגען פון מאָסקווע. די גוואַרדיע איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר-ביי אונז, אַ שטאָלצע און אַ שענע, אַ מונטערע און אַ דרייסטע, און אַזוי זעהט שטענדיג אויס אַן אַרמעע, וואָס געהט פון איהרע ווינטערקוואַרטירען. געגאַנגען איז זי אין געשלאָסענע קאָלאָנעס, גוט געקליידט און גוט באַזאָרגט מיט פּראָוויאַנט*). יעדער איי-נער האָט זיך אויבען, אויפ'ן ראַנגעץ, צוגעפּאַקט אַ דריי-פיר ווייַ-סע ברויטלעך און אויפ'ן שווערדהענטעל אָדער אויפ'ן פּאַטראָ-נען-זעקעלע האָט זיך געבאָמבעלט אַ פלאַש שנאַפּס. הינטער זיי

---

*) די אַלטע גוואַרדיע, וועגן וועלכער מען האָט באַזונדערס שטאַרק געזאָרגט, האָט די גאַנצע צייט פון ריקצוג זעהר גוט אויסגעזעהן סאַמע ביז באַרעזין און אפילו ווייטער. עס איז באַקאַנט נאַפּאָלעאָנס רעדע צו דער גוואַרדיע צווישן ערשטע און [illegible], זי זאָל שטעלן דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד.

האָט זיך געצויגען דער טראַנספּאָרטען-צוג, אונענדליך לאַנג, געמעט גאָר אָהן אַ סוף.

אַלע גענעראַלען און עלטערע אָפיצירען האָבען איצט געהאַט נייע עקיפּאַזשען, און די סובאַלטערן-אָפיצירען האָבען געהאַט לייכטע וועגלעך, פערלעגט און פערפּאַקט מיט די טייערסטע זאַכען און מיט כּל-טוב צום עסען. בעווייבטע סאָלדאַטען האָבען איבערגעגעבען זייערע ווייבער פערשידענע מינים וועגענס, אָנגעלאָדען מיט אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען פריהער אָדער שפּעטער געקאָנט צונוץ קומען. די מאַרקיטאַנטישע וועגענס זענען געווען בעלאָדענט מיט וויינען, בראָנפען, צוקער, טיי, קאַווע און נאָך פערשידענע זאַכען. אויסערדעם, זענען די פערד בעלעגט געווען מיט כּל-ערליי געפּעקען. מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַן׳אונענדליכער קאַראַוואַן, וואָס האָט געפיהרט פון כּל-טוב, וואָס אַ מענש קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען, און דאָס שענע וועטער אין דרויסען האָט דערלויבט צו קוקען אויף דעמדאָזיגען איינציגאַרטיגען קאַראַוואַן, וואָס איז, וואַהרשיינליך, געווען איינער אין דער וועלט.

אין דער צייט זענען מיר פון דעם אַלטען קאַלוגער טראַקט אַרויף אויפ׳ן נייעם, וואָס האָט געפיהרט קיין באָראָווסק, און פון דעם אַלעם, וואָס איז מיט אונז דאָ געשעהן, וועל איך נאָר פערצייכנען דאָס פאָלגענדיגע. קודם-כּל האָבען מיר דערהערט, אַז נאַפּאָלעאָן איז זיך מכין אַריינצודרינגען אין די דרומדיגע שטעדט, דאָרט, אין דעם תּבואה-אוצר פון רוסלאַנד; אויפ׳ן וועג וועט ער צוקלאַפּען די רוסען, פערניכטען די טולער ביקסען-פאַבריקען און נאָכדעם וועט ער אונז אָדער געבען גוטע ווינטער-וואוינונגען אָדער ער וועט אונז אָבפיהרען אַהיים דורך רייכע טיילען פון דער רוסישער מדינה.

אַזוי ווי אונזערע האָפנונגען אויף שלום זענען שוין לאַנג צורונען געוואָרען נאָך דער לעצטער שלאַכט און נאָכ׳ן אָבטרעטען פון מאָסקווע, האָבען מיר געפונען אַ טרייסט אין נאַפּאָלעאָנס נייע פּלאַנען, און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען בערוהיגען.

אונזער אויפגאַבע איז, אפשר, בעשטימען דערין, צו שי-

בײַ דעם רוקן פֿון דער גרױסער אַרמײ, װאָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון מאַלאָיאַראָסלאַװעץ. אונדזער איבעריקע האָט פֿאַרנומען אַלע שטאַל-װעגן אַרום באָראָװסק און די שײַערס פֿון די קאָזאַקישע פֿעלדער האָבן פֿאַרנומען אַלע הױלקײטן און זיך געסטאַרעט אָפּצוציִען די אױפֿמערקזאַמקײט פֿון די קאָ-זאַקעס, װאָס האָבן זיך געטראָגן װי שדים אַרום אונדז.

פֿאַרנאַכט איז געגאַנגען אַ רעגן, און איך מיט נאָך אײ-ניקע זענען צוגעגאַנגען צו אַ שטאַל, װוּ מיר האָבן גע-רעכנט איבערצונעכטיקן. הינטערן שטאַל האָט זיך געצױגן דער װעג און איבערן װעג האָט זיך געצױגן אונדזער לאַגער קאַראַװאַן. לעבן האָט זיך דער קאַראַװאַן געמוזט אָפּשטעלן, װײַל דער װעג איז געװען אַ שלעכטער. אין דער לאַנגער קײט פֿון עקיפּאַזשן און װאָגנס האָב איך באַמערקט אַ פֿיר-ערטער-דיקן עקיפּאַזש מיט גרױסאַרטיקע פּאָסט-פֿערד. אין עקיפּאַזש זע-נען געזעסן פֿיר רײַך-געקלײדטע דאַמען.

עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, און מיר האָבן זיך געטע-פּעלט אַרום די פֿערד און געחלומט מיט װאָס צו שטילן דעם הונגער.

אױף מאָרגן האָט מען אונדז געזאָגט, אַז דער עקיפּאַזש מיט די פֿערד און די פֿיר דאַמען זענען פֿאַרפֿאַלן אין אַ טיפֿן טהאָל, װאָס איז געלעגן בײַם װעג. שפּעטער, אַז מיר זענען אַריבערגעקומען אין דעם אָרט, האָבן מיר דערזען די רעשטן פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע: אױבן דאָרט פֿון טיפֿן טהאָל זענען געלעגן קערפּערס פֿון מענטשן און פֿערד און מען האָט נישט געקענט װיסן, צי זײ לעבן דאָרט, אָדער נישט.

בײַ אײלן צו רײַטן פֿון דער אױסשפּײַזונגס-קאָמפּאַניע איז דאָס אױסגעשריבענע פֿערד פּלוצלינג געבליבן שטײן אינמי-טן װעג. בעטן זיך װײַטער האָט ער בשום-אופֿן נישט גע-קענט, און אַז די קאָזאַקן זענען צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו איהם און ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרױסדרײען פֿון זײערע הענט, האָט ער פֿאַרבעגלײגט דעם שװערד אין שײדעל, אױסגע-צױגן, װי אַ צלם די הענט און אַזױ געבליבן זיצן אױף זײַן

צרה׳דיג פערדעל. די קאָזאַקען האָבען פשוט געלאַכט, זענען גרויסמוטיג פאַרבייגעפאָהרען פאַרביי איהם און האָבען איהם נישט אָנגעריהרט. דעמאָלט איז ער אַראָבגעקראָכען פון פערד און שטילערהייד געמאַכט פליטה צו אונז.

דעם 23-טען אָקטאָבער האָט זיך גערוקט פאָראויס די פראַנצויזישע אַרמעע אויפ׳ן וועג קיין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. מיט איהר צוזאַמען איז געגאַנגען אַ געוואַלטיגער טראַנספּאָרט, מאַסען וועגענס, מאַסען געפעק און בעגלייטער. מיר זענען פערבליבען אין און אַרום באָראָווסק. די גאַנצע צייט אָבער האָבען מיר געזעהן די קאָזאַקען אויף די אַרומיגע בערג.

דעם 24-טען האָבען מיר פערנומען דעם באַרג נאָך באָראָיסק, ביים וועג, וואָס פיהרט קיין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ, און אונז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר געפינען זיך אַ צוויי-דריי הונדערט טריט פון אַ פּונקט, וואו עס קומט-פאָר אַ געוואַלטיגע קאַנאָנאַדע.

מיר זענען שוין לאַנג צוגעוועהנט געוואָרען צו דעם פייערן פון האַרמאַטען, און דעריבער האָבען מיר זיך גאָרנישט אינטערעסירט מיט די האַרמאַטען-דונערן אַרום אונז. אַרום אונז איז געשטאַנען אַ וואַלד פון וועגענס, על-פי-רוב בעלאָדען מיט די טייערסטע זאַכען און עסענוואַרג, וואָס זענען געבראַכט געוואָרען פון מאָסקווע. מען האָט דאָ, אפנים, בעשלאָסען צו וואַרטען און זעהן, וואָס עס קומט פאָר דאָרט, אין דער גרויסער אַרמעע.

דערווייל האָט דער עולם ביסלעכווייז אויסגעלאָדען די וועגענס מיט דער כונה נאָכאַמאָל אַ קוק צו טהאָן אויף די טייערע זאַכען און אויך צו טוישען פערשידענע חפצים, פערקויפען, איבערלעגען א. ד. גל. מען האָט אויך אַ סך זאַכען אַוועקגעוואָרפען, כדי עס זאָל זיין לייכטער צו פאָהרען. דאָ האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען געזעהן די בעסטע דעקעס און טעפּיכען, זעלטענשענע גאַרדינען, בעוועבט מיט גאָלד און זילבער; אַרום זענען געלעגען פרעכטיגע שטיקער זיידענס פון פערשידענע קאָלירען, מענער- און פרויען-קליידער, בעוועבט מיט גאָלד און זילבער, ווי מען געהט אין פירשטליכע פאַלאַצען. און אַרום מיר האָב איך אַלץ געהערט שמועסען: דער האָט געפאַקט

בריליאַנטען, יענער גאָלד, אַ דריטער — זילבער. איך האָב געקוקט, געהערט און זיך גע'חדוש'ט. ביי דעם גאַנצען גלאַנץ פון גאָלד און בריליאַנטען האָב איך גיכער מיטלייד געהאַט מיט דידאָזיגע בעלי-מזל'ס, וואָס ווילען זיין גליקליך בלויז איין רגע. איך בין זיי גאָרנישט מקנא-געווען.

דער טאָג איז אַוועק אין קוקעניש אויף גאָלד און זיידענס און ביינאַכט האָב איך מיט נאָך עטליכע קאַוואַלערישע אָפיצירען זיך געלעגט שלאָפען אין אַ שטוב מיט אַ נידעריגען דאַך. מיר זענען שוין לאַנג געשלאָפען, בשעת עטליכע מענשען האָבען אַראָבגעכאַפט דעם דאַך מיט שטרוי און אונז אין פנים אַריין האָט זיך אַ שאָט געטהאָן אַ באַרג מיסט און שטויב.

מיר זענען באַלד אויפגעשפרונגען פון די ערטער, פונקט ווי גזלנים וואָלטען אונז בעפאַלען. וואָס איז געשעהן? ווער האָט זיך עס דערוועגט צו טהאָן? יעדער איינער פון אונז האָט גע-פאַקט אַ האַן-שלעפער און האָט איהם געוואָלט ממית'ן אויפ'ן אָרט, אָבער איינדערפינסטער האָט מיין האַנד אָנגעכאַפט אַ קאַל-טע האַנד, ווי אייז און אויך אַ מאָגערע קאַלטע ברוסט, פונקט ווי אויף קאַלטע ביינער וואָלט אַרויפגעצויגען געוואָרען אַ טרו-קענער שפינוועבס. איך בין נישט געווען שטאַרק אין האָב, ווי געהעריג, נישט געקאָנט בעפאַלען דעמדאָזיגען מענשען, אָבער ער איז געווען אַזוי שוואַך און צרה'דיג, אַז בלויז פון מיין בעריהרונג אַליין איז ער אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד מיט דידאָזיגע ווערטער: „אָ, גאָט, מיין גאָט! ס'אַראַ מענשען, ס'אַראַ לאַנד, ס'אַראַ גויט! איך בין גאָר אומגליקליך, לאָזט מיך שטאַרבען.‟

מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב מיך דערשראָקען מעהר פון איהם, ווייל אויסער קאַלטע טרופּעס האָט מיין האַנד קיינמאָל אַזוינס נישט אָנגעריהרט. איך האָב מיך שוין מעהר נישט גע-ראַנגעלט פאַר מיין אָרט. אונזערע מנוחה-שטערער זענען געווען פראַנצויזישע סאָלדאַטען. זיי זענען אַוועק און מיר האָבען זיך פון דאָסניי געלעגט שלאָפען.

דידאָזיגער פאַל, וואָס איז איינער פון די סאַמע שרעק-

ליבסטע אין מיין לעבען, האָט מיר פון דאָמבריי דערמאָהנט אָן די אַלע פּלאָגען פון דער מלחמה, און איך בין אַריינגעפאַלען אין זעהר א שלעכטער שטימונג. און דידאָזיגע שטימונג האָט זיך גאָכמעהר פערשטאַרקט, בשעת מען האָט גענומען שמועסען, אַז מיר וועלען אָבטרעטען איבער דעם פריהערדיגען וועג*).

דעם 25-טען אינדערפריה האָבען מיר ווידעראַמאָל געהערט א שטאַרקע קאַנאָנאַדע, און דער רויך פון דער שיסעריי האָט זיך דערנעהנט צו אונז. און באַלד האָבען מיר ווירקליך דער־זעהן מאַנכע סימנים פון אָבטרעטען. זענען מיר ווידער צוריק צו באָראָווסק. אומעטום האָט מען געשמועסט, אַז עס איז פאָר־געקומען א גרויסע שלאַכט, אַז נאַפּאָלעאָן קאָן נישט אַריינדרינ־גען אין די גובערניעס, וואָס זענען רייך מיט תבואות און אַז דעריבער מוז זיך די אַרמעע אומקעהרען מיט דעם אייגענעם וועג, מיט וועלכען זי איז געקומען. אומעטום האָט מען עס גע־שמועסט און דאָס איז געווען אַן אמת. ביי א געוואַלטיגען דונערן און קנאַלען, ביי אַן אימה'דיגען געשריי, צווישען פלאַמען און רויך האָט זיך די אַרמעע צוריקגעקעהרט קיין באָראָווסק. עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען א בעפעהל, אַז אַלץ, וואָס קאָן נישט מיטגענומען ווערען, בעדאַרף אויפ'ן אָרט פערברענט און פער־ניכטעט ווערען. די דערפער פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ ביז אונז האָבען שוין געברענט. די וועגענס מיט קוילען, וואָס האָבען נישט געקאָנט געהן צוזאַמען מיט דער אַרמעע, זענען אויפגעריסען געוואָרען, און די ערד האָט געציטערט פון רעש און קנאַ־קעריי.

---

*) אין דער ווידערשטאַנד, וועלכען די רוסען האָבען געשטעלט ביי מאַלאָיאַראָ־סלאַוועץ (24 דעצ.) האָט געצוואונגען נאַפּאָלעאָנ'ען נישט צו געהן מיט'ן קאַלו־גער טראַקט, מיט וועלכען ער איז ערשט געגאַנגען, נאָר מיט'ן פריהערדיגען סמאָלענסקער טראַקט. דאָס לאַנד, איבער וועלכען דער טראַקט האָט זיך געצוי־גען, איז געווען א וויסט, רואינירט לאַנד פון די פריהער־געהענדיגע אַרמעען אָבער איצט האָט עס געמאַכט א תל פון די אַרמעע־רעשטלעך.

איבּ די רוסען האָבּען אונז געטהאָן אַלדאָס בייז און כל־השאָדענס, בשעת מיר זענען געגאַנגען פאַראויס אין רוסלאַנד, איבּ זיי האָבּען אומישנע געבּרענט דערפער און תבואות און היי אויף די פעלדער און לאַנקעס, האָבּען מיר איצט געטהאָן דאָס אייגענע בנוגע צו די רוסען, אָבּער מיט מעהר רשעות און פערביטערונג. מיט עפּיס אַ שרעקליכער ווילדקייט איז דער ראָמאַנטיש־שענער באָרעָווסק אונטערגעצונדען געוואָרען פון אַלע זייטען. איך האָב געזעהן, ווי אויף די הויכע ערטער, וואו עס זענען געשטאַנען די שענסטע בנינים פון דער שטאָדט, איז דאָס פייער געפאַלען פון איין הויז אויפ'ן צווייטען, און אַזוי ווי די גאַנצע שטאָדט איז בעשטאַנען פון הילצערנע הייזער, האָט דאָס פייער שנעל געטאַנצט פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען.

אָבּער די אָבּגעלעגטע פלעצער און די זייטיגע גאַסען זענען דערווייל אָנגעפילט געוואָרען מיט'ן מיליטער, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגען. עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ בעפעהל, מען זאָל זיך נישט ריהרען פון אָרט, זענען מיר אַוועק צוריק מיט'ן שהאָל און ביז פאַרנאַכט האָבּען מיר דערגרייכט די אַרומיגע בערג.

און פונקט ווי דעם 22־טען אַפּריל 1809 האָט דער ווירטעמבערגישער רייטער־יעגערישער פּאָלק פונ'ם הערצאָג לודוויג אָנגעהויבען די שלאַכט ביי עקמיל, אַזוי האָבּען מיר, ווירטעמבערגער, אויך דאָ, ביי באָרעָווסק, אָנגעהויבען דעם 25־טען אָקטאָבּער דעם ריקצוג. פאַראויס פון אונז איז קיינער נישט געווען. אונזער שווערע אַרטילעריע האָט געעפענט דעם ריקצוג. דער וועג איז געווען אַ שענער, אַרום איז געווען שטיל און רוהיג. דער גוטער וועג האָט מיטגעהאָלפען צו דערדאָזיגער אויסטערלישער אונטערנעהמונג און מיר אַלע האָבּען געוואָסט, אַז עס וועט ווייטער אויך געהן אַזוי גוט.

שפּעט אין אָוועגד זענען מיר געקומען אין עפּיס אַ דאָרף און דאָרט געלאַגערט אַרום די הייזער, וואָס זענען נישט פערלאָזט געוואָרען פון די איינוואוינער. אונזערע מענשען האָבּען דאָ געפונען שפּייז פאַר זיך און פאַר די פערד. די ערטער, וואָס מיר

האָבען פערלאָזט, האָבען געברענט פון אַלע זייטען, און דאָס פייער האָט בעלויכטען די גאַנצע סביבה.

פאַר דער נאַכט האָבען אונז אַ סך מיליטערטיילען אַריבער-געיאָגט, און אינדערפריה איז שוין דער גאַנצער וועג געווען פערשטעלט פון אַרטילעריע, אינפאַנטעריע, טראַנספּאָרטען און איינצעלנע רייטער. היינט האָט מען שוין אַ סך געשמועסט פון די גרויסע פּלאָגען, וואָס לויערן שוין אויף אונז אויף דער סמאָ-לענסקער טראַקט. וואו וועט מען, דהיינו, נעהמען פּראָוויאַנט פאַר זיך און פאַר די פערד? מיט וואָס וועט זיך נעהרען אַזאַ גרוי-סע אַרמעע, בשעת אַרום און אַרום איז וויסט און לער? אונז האָט אויך געשראָקען דער ווינטער, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר געלאָזט שפּירען. נישט אַלע זענען געווען גוט אָנגע-טהאָן, אַ סך זענען נאָך אפילו געגאַנגען אין די זומערהויזען. פון הענטשקעס און נאָך אַזויגע זאַכען איז אפילו קיין זכר נישט געווען.

גראָד אין דער צייט האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען אויפ'ן וועג אַ פּאָלק פון דער פּאָרטוגאַלישער לייכטער קאַוואַלעריע. מיר אַלע האָבען זיך שטאַרק געחדוש'ט, קוקענדיג אויף זיי. דידאָזי-גע מענשען האָבען אויסגעזעהן פריש און געזונד. די פּנים'ער פערברענט, ערנסט און שען; די קליידער גאַנץ און פריש; די פערד געזונד און מונטער. פון וואַנען זענען זיי געקומען אַהער? וואָס האָבען זיי פריהער געטהאָן? דאָס זענען אַלץ אַזוינע פראַ-גען, אויף וועלכע איך האָב נישט קיין תשובה. און מעהר האָב איך זיי אויך נישט געזעהן.

מיר זענען געקומען צו אַ קליין שען שטעדטעלע ווערעיא, וואָס איז נאָך גאָרנישט צושטערט געוואָרען. פערבראַכט האָבען מיר דאָ עטליכע שעה, און פאַר דער צייט איז אַדורכגעגאַנגען אַ סך מיליטער מיט טראַנספּאָרטען. דאָ האָב איך אויך געזעהן די שיריים פון דעם 10-טען פּוילישען גוסאַרישען פּאָלק, ער האָט איינגאַנצען געהאַט צוואַנציג פערד.

הײנריך ראָם.

בײ אַ שײנעם װעטער און בײ אַ גוטן טראַקט זײַנען מיר װײַטער געגאַנגען, און דעם 27־טן אָקטאָבער זײַנען מיר פֿאַר־בײַגעגאַנגען דאָס שטעטל באָריסאָװאָ, מאָסקװער גוב. דאָ האָבן מיר זיך געמוטשעט בעגונגען מיט קנאָבל און ברויט, װאָס מיר האָבן אױפֿגעקױפֿט און געגעסן אָן פֿלײש און זאַלץ.

אױפֿ׳ן װעג פֿון יוערײַאַ קײַן מאָזשאַיסק האָבן מיר גע־זען פֿעלדער, אױף װעלכע די תּבֿואות זײַנען נאָך נישט אָראָפּ־גענומען געװאָרן. דעם 28־טן אָקטאָבער זײַנען מיר שפּעט בײַ־נאַכט געקומען קײַן מאָזשאַיסק. דאָס װעטער האָט זיך געענדערט, עס איז קאַלט געװאָרן און אַ שנײ איז געפֿאַלן. די לופֿט איז געװען אַ שװערע. עס האָט געשמעקט מיט שׂרפֿות און געפּגר׳־טע חיות. צוזאַמען מיט נאָך אײניקע האָב איך אָפּגעזוכט עפּיס אַן אָרומגעברענט הױז, װאו צו שלאָפֿן.

אױף מאָרגן בין איך אַװעק אין גענעראַלשטאַב, װאָס האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ הױז, נישט בעסער פֿון אונז. דאָס װינ־קל פֿון אַ האַלב־אָפּגעברענטן הױז, װאו גראַף פֿאָן־שעלער האָט זיך איבערגעטהאָן, האָט געהײסן הױפּטקװאַרטיר. זײַן סװיטע איז געזעסן בײ אַ פֿײַער אױף אַ קופּע שטײנער און קלעצער, און די איבעריקע לײַט האָבן מקבר־געװען אײנעם אַ פֿאָן־דער־גער, װאָס איז נאָר־װאָס געשטאָרבן פֿון אַ מין פֿעבער, װאָס האָט זיך צו דער צײַט שטאַרק פֿערשפּרײט צװישען אונז.

מיר זײַנען דאָ פֿערבליבן ביז דעם 29־טן אָקטאָבער. נאָכדעם זײַנען מיר אַרויף אױפֿ׳ן גרױסן טראַקט, װאו מיר האָ־בן שױן פֿריהער איבערגעלעבט אַזױפֿיל צרות און יסורים און איצט געװאָרט אױף נײַע. דאָ האָבן מיר זיך פֿעראײניגט מיט׳ן מיליטער, װאָס האָט קװאַרטירט אין מאָסקװע. דאָסדאָזיגע מילי־טער האָט דאָרט אױסגעצײַכנט גוט געלעבט און זײ האָבן גוט אױסגעזעהן. על־פּי־רובֿ זײַנען דאָס געװען קאַװאַלעריסטן און בעװאָפֿנט זײַנען זײ געװען, װי פֿעכטאָטע־סאָלדאַטן, מיט ביקסן פֿון מאָסקװער אַרסענאַל. דערדאָזיגער מין בעװאָפֿנונג האָט נישט שטאַרק אױסגענומען בײ זײ, און אַז זײ האָבן בעמערקט, אַז די דיסציפּלין איז בײ אונז אַ שװאַכע, האָבן זײ תּיכּף אַװעק־

געוואָרפען די ביקסען און זיך רוהיג געגאַנגען זייער וועג און קיין שום נאַטשאַלסטוואָ האָט זיי נישט געקאָנט שטערען דערין.

פון מאָסקווע זענען אויך געקומען אָפיצירען און סאָלדאַ-טען, מאַנכע פון זיי זענען שוין געזונד געוואָרען, אַנדערע אָבער זענען נאָך קראַנק געווען פון די וואונדען. הער פאָן-באַגעל, דער אַדיוטאַנט פונ'ם גענעראַל פאָן-ברייניגג—איך האָב זיי ביידען גע-קאָנט נאָך פון יאָהר 1805—זענען אויך געווען דאָ. ער האָט מיך צוגעפיהרט צו אַ קאַנאַווע, וואָס האָט זיך געצויגען ביים וועג און אָנגעוויזען מיר אויפ'ן טויטען קערפּער פון גענעראַל, וואָס איז נאָר-וואָס געשטאָרבען פון פּעסט. דאָ, אין קאַנאַווע, האָט זיך געוואַלגערט דער טויטער קערפּער פון אַ מענשען, וואָס איז גע-ווען מיין פריינד און וואָס האָט געהאַט אַ טבע עפּעטער צו זאָ-גען זיינע חברים און סאָלדאַטען אַמאָל ערנסט און אַמאָל אין שפּאַס: „וועסט זיך וואַלגערן ביים וועג אין אַ קאַנאַווע!" אָדער: „וועסט בייסען מיט די ציינער דאָס גראָז און וועסט בעגיסען מיט דיין בלוט די ערד!" אָבער איהם איז גראָד בעשערט געווען צו שטאַרבען פון אַ שנעל-ווירקענדיגער קראַנקהייט, וואָס מיר האָבען נאָך דעמאָלט גערופען מלחמה-פּעסט. ער איז קראַנק געוואָרען אין מאָסקווע און איז געשטאָרבען אונטער מאָזשאַיסק.

זיין אַדיוטאַנט האָט מיר דערצעהלט פון דעם אַלעם, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין מאָסקווע. נאָכדעם האָט ער געבע-טען, איך זאָל איהם דערצעהלען פון מיינע פּאַסירונגען און האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט וועגען אונזער הונד. ווי אַלע פּאָלקען, האָבען מיר אויך געהאַט אַ הונד. אין פּויזען, דהיינו, זענען מאַ-סען הינד אונז נאָכגעגאַנגען און אין פּוילען זענען נאָך צוגעקו-מען נייע. אַז אַ הונד טשעפּעט זיך צו און געהט נישט אַוועק, זעהען אפילו אַנדערע דערין אַ שלעכטען סימן.

אָבער פון די אַלע הינד איז אונז אייגער טריי געבליבען. בעמערקס האָבען מיר איהם ערשט נאָכ'ן איבערגעהן דעם ניע-מאַן. ער האָט דורכגעמאַכט מיט אונז אַלע מאַרשען און האָט זיך גרויסאַרטיג גוט געפיהלט, און אפילו ביים טייכעל טשער-180 נישנאַ האָט ער זיך אויך געשטיפט און אַרומגעשפּרונגען. נאָך

דער שלאַכט פון 10־טן אָקטאָבער איז צופאַלן געוואָרן און־זער פאָלק און דעמאָלט איז אויך אַנטרונען געוואָרן אונזער הונט.

אונזער וועג האָט זיך געצויגען דורך אַ וואַלד, וואָס איז געשטאַנען צווישען מאָזשאַיסק און דעם שלאַכטפעלד, ביי באָראָדינאָ. דער וואַלד האָט אַ היבש ביסעל געליטען פון די שלאַכטען. אין וואַלד זענען מיר געגאַנגען נישט אין אָרדנונג און גרויסע מחנות'ווייז. די אַרטילעריע און די טראַנספּאָרטען זענען געגאַנגען אין מיטען, די אינפאַנטעריע און די רייטער ביי די זייטען. אונטער די פיס האָבען זיך אונז געוואַלגערט מאַסען געווער און פּאַטראָנעס, וואָס די פוס-קאַוואַלעריסטען האָבען, געהענדיג פון מאָסקווע, אַוועקגעוואָרפען. דאָס האָבען זיי געמאַכט די התחלה, אַוועקצוואַרפען דאָס געווער אין וועג, און אַלע האָבען זיי נאָכגעטהאָן. פאַר אונז אָבער איז דאָס געווען דאָס גרעסטע אומגליק.

אַז מיר זענען אַרויס פון וואַלד, האָבען מיר דערזעהן דאָס באָראָדינישע שלאַכטפעלד לינקס פון אונז. די פעריזייטע תבואות, וואָס זענען אין יענעם בלוטיגען טאָג צוטראָטען געוואָרען, זענען איצט אויפגעגאַנגען, און אויף דער גרינער דעקע האָבען מיר געזעהן טויטע קערפּערס און געפּגר'טע פערד. אַ סך האָבען איצט מיט טרויער דערמאָהנט די גוטע הבטחות, וואָס זיי איז פריהער געגעבען געוואָרען און וואָס פון זיי האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

עס איז שווער פאַרביי צוגעהן פאַרביי אַ בית-עולם און בעת-מעשה נישט צו דערמאָהנען, ווער עס ליגט דאָרט אָדער נישט אַ טראַכט צו טהאָן, אַז מען וועט אַמאָל אַליין דאָ ליגען, אָדער עס קומט דער עבר און דער עתיד אויפ'ן זכרון. און טאַקי דאָ, אויף דעמדאָזיגען אָרט בין איך אַריינגעפאַלען אין זעהר טריבע מחשבות. מיר איז נאָך קיינמאָל אַזוי טריב נישט געווען, ווי דאָ, און נישט אין זאַקסען, נישט אין שלעזיען, נישט אין בייערן א. ד. גל. וואו איך האָב בעטראַכט די שלאַכטפעלדער פון דעם דרייסיגיעהריגען און דעם זיבעניעהריגען קריג,

האב איך נישט געהאט אזא שווער געפיהל, ווי דא. ווארום דא זענען פערבליבען א סך פון יענע, וואס מיט זיי האב איך דורכ־געלעבט דעם חלום פון מיין יוגענד און נאכמעהר אזוינע, וואס האבען דורכגעמאכט צוזאמען מיט מיר די ערנסטע און שטורמי־שע צייט.

עס איז צוגעפאלען דער אווענד. מיר זענען אוועק צום קאלאצקער מאנאסטיר. די טיפע קאנאווע, וואס האט זיך געצוי־גען רעכטס פון וועג, איז אנגעפילט געווען מיט טויטע פערד און אנדערע זאכען. אויך איצט זענען די מידע פערד געפאלען אין דערדאזיגער קאנאווע און זענען טיילמאל נישט אויפגעשטא־נען. זיי זענען דארט שוין פערבליבען צוזאמען מיט'ן געפעק. און האט מען גערופען עמיצען צו הילף, און האט מען עמיצען גע־בעטען, ער זאל העלפען ארויסראטעווען די פערד, איז דערדאזי־גער עמיצער שטענדיג געווען אזוי שוואך און הונגעריג, אז ער האט גארנישט געקאנט העלפען.

ביינאכט זענען מיר צוגעגאנגען צו די טויערן פון מאנא־סטיר. פאר דער צייט פון דער מלחמה איז ער פערוואנדעלט געווארען אין א שפיטאל און א זאמעלפונקט פון געוועהר, האר־מאטען און קוילען, וואס זענען אוועקגעווארפען געווארען אין וועג. דער איינגאנג איז געווען פערשטעלט מיט א צוים און ביי די ווענד זענען געשטאנען הארמאטען, אבער ווער עס האט גע־וואלט, האט געקאנט אריין אהין. צוזאמען מיט גענעראלען און עטליכע שטאבאפיצירען האב איך אויך געפונען נאכטלעגער צווי־שען דידאזיגע ווענד, ביי א פייער. דא האט זיך אויך געפונען א געמישטער גארניזאן און א לאגער פון פראוויאנט.

די נאכט פון 29-טען אקטאבער איז געווען א קאלטע. געשלאפען האבען מיר ווייניג, ווייל דער מאנאסטיר איז פול גע־פאקט געווען מיט'ן צוריקגעהענדיגען מיליטער און עס האט שטארק געטומעלט. מארגען האט מען בעדארפט ארויסטרעטען. נאפאלעאן האט דא אויך געשלאפען.

אינדערפריה איז ארויסגעגעבען געווארען א בעפעהל מיט־צונעהמען—ווי ווייט עס וועט זיך נאר לאזען—די פערוואונדעטע,

וואָס האָבען זיך דאָ געפֿונען. יעדער פֿאַרבייפֿאָהרענדיגער עקיפּאַזש, ער האָט געמעגט אפילו אָנגעהערען צו אַ מאַרשאַל אָדער אַ פּאָלקאָווניק, יעדער וואָגען, יעדע מאַרקיטאַנטישע פֿוהר האָט געמוזט נעהמען איינעם אָדער צוויי פֿערוואונדעטע. כּדי דערדאָזיגער בעפֿעהל זאָל פּינקטליך אויסגעפֿיהרט ווערען, האָט נאַפּאָלעאָן בעשטימט דערויף אַ ווירטעמבערגישע בריגאַדע, וואָס איז בעשטאַנען פֿון פֿוסיגערס און לייכטער אינפֿאַנטעריע—צוזאַמען אַ צווייהונדערט מאַן. די סאָלדאַטען פֿלעגען אַרויסטראָגען די פֿערוואונדעטע און די אָפֿיצירען פֿלעגען בעשטימען דאָס אָרט, וואו די אַוועקצולעגען. אין דער צייט, ווען די אָפֿיצירען האָבען געזעהן אין זייער אַרבייט עפּיס אַ פֿאָרצוג און אַ כּבוד, האָבען זיך אָבער די סאָלדאַטען שטאַרק געקלאָגט אויף זייער נייער פֿונקציע. דער בעפֿעהל איז אָבער פּינקטליך אויסגעפֿיהרט געוואָרען און די גאַנצע אַרבייט איז פֿערענדיגט געוואָרען אין אַ וואָסערע אָנדערטהאַלבען שעה.

נאַפּאָלעאָנס כּוונות זענען געווען זעהר גוטע, אָבער די פֿערוואונדעטע האָבען זיך שטאַרק געמוטשעט. די בייזע גראָבליינגע קוטשערס, די שטאָלצע קאָמענדינערס, די קאַלטע מאַרקיטאַנטען, די רייך־געוואָרענע סאָלדאַטלעך און דער סאַמע ערגסטער און גרעבסטער סאָלדאַטען־טיפּ—דער אָבאָז־סאָלדאַט, וואָס זיי אַלעמען איז אָנפֿערטרויט געוואָרען דער אומגליקליכער פֿערוואונדעטער, האָבען איצט געהאַט בלויז איין מחשבה, וואָס גיכער פּטור־צו־ווערען פֿון די פֿערוואונדעטע. אין דער צייט פֿון נאַכט־לאַגער אָדער אין וועג, בשעת דער פֿערוואונדעטער פֿלעגט אַראָפּקריכען איבערצובינטעווען זיך די וואונד, פֿלעגט ער שוין צוריק נישט אַריינגענומען ווערען. שוין אויף מאָרגען האָב איך געזעהן, ווי עטליכע פֿערוואונדעטע זענען געלעגען אויפ'ן וועג און מיט תּחנונים געבעטען, מען זאָל זיי מיטנעהמען. אמת, שפּעטער האָב איך נישט געזעהן אַזוינע שרעקליכע סצענעס, דערפֿאַר אָבער זענען אַרומגעגאַנגען שרעקליכע מעשיות וועגען די פֿערוואונדעטע, מעשיות, וואָס זענען אָנגעזאַפּט געווען מיט גרויל און אימה.

צעהנטעס קאַפּיטעל.

אַ קורירער פון שטוטגאַרט.—אַנ'אָנפאַל פון קאָזאַקען.—איד דער הויפטבירורג.—די ווירטעמבערגער בעהאַלטען זייערע פעה־נער.—דאָס אָבטרעטען פון וויאַזמע.—מען ראַבירט צוברעכענע װעגענס.—האַרמאַטען װערען איבערגעלאָזט אין וועג.—דער ריק־צוג ווערט שווערער, עס וואַקסט די נויט.—מען עסט הינד.—דעם קעניגס געבורטסטאָג.—אַ שרעקליכע נאַכט.—דאָס איבערגעהן דעם דניעפּער.—שרעקליכע סצענעס.—דריי טעג אין סמאָלענסק.—אַ העפליכער פּאָליאַק.

דער 30-טען אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבען אונזער מאַרש קיין גזשאַטסק און דער עולם האָט זיך איינגאַנצען צונויפגעמישט. נאַפּאָלעאָן איז געפאָהרען פאָראויס מיט זיין גוואַרדיע. מען האָט זיך געמוזט צואיילען, און יעדער, וואָס האָט נאָר געהאַט כח, האָט געמאַכט שנעלערע טריט אין דעם קאַלטען פריהמאָרגען. מאַנכע זענען אפילו געווען פרעהליך געשטימט. איך האָב

געהערט, ווי רעכטס פון וועג האָט אַ פּרייסישער גוסאַר, רייטענדיג אויף אַ פערד און אַרומגערינגעלט פון אַ געמישטען עולם, צווישען וועלכען עס האָבען זיך אויך געפונען פרויען, הויך אויפ'ן קול דעקלאַמירט דאָס ליד, ווי אַזוי „מערקור האָט געמאָלדען אויפ'ן הימעל, אַז נאָך ביז היינט אפילו הערשט דער קעניג פרידריך דער גרויסער" א. ד. גל.

צוליב דעם פראָסט און אויך צוליב דעם, וואָס דער עולם האָט זיך שטאַרק געאיילט, בין איך מיט אַ פּאָר חברים אַוועק פאָראויס. נאַפּאָלעאָן מיט זיין סוויטע און זיין גוואַרדיע זענען אויך אַוועק היבש פאָראויס און פון הינטען האָבען זיך געצויגען די טראַנספּאָרטען. מיר זענען געגאַנגען אַליין. אונז האָט זיך מאָדנע געוואָרפען אין די אויגען דער אומשטאַנד, וואָס דאָ, אויפ'ן מיטען וועג, איבערהויפּט אויף אַ געוויסען שטח פון איינאַנדער, האָבען זיך געוואַלגערט פרישע טרופּעס פון רוסישע סאָלדאַטען, וואָס זענען, לויט אַלע סימנים, נישט לאַנג דערשאָסען געוואָרען אין קאָפּ. איין טרופּ איז נאָך אפילו וואַרים געווען. מיר האָבען זיך בשום-אופן נישט געקאָנט דערקלערן וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער אין גזשאַטסק האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז אין נאַפּאָלעאָנס טראַנספּאָרט געפינען זיך רוסישע געפאַנגענע. די באַדענער גרענאַדערן, וואָס האָבען בעגלייט דעם טראַנספּאָרט און די געפאַנגענע, האָבען בעקומען אַ בעפעהל תיכף צו דערשיסען יעדען געפאַנגענעם, וואָס וועט זיך נאָר דערשפּירען מיד און וועט נישט זיין בכח ווייטער צו געהן.

מיט'ן אָוועגד האָבען מיר אָנגעצעהלט אויפ'ן וועג גאַנצע אַכט טרופּעס. די באַדענישע גרענאַדערן האָבען בעגלייט נאַפּאָלעאָנס טראַנספּאָרטען, קאַסע און קיך סאַמע ביז בערעזין. קלאָרע בעווייזען דערצו האָב איך בעקומען ערשט שפּעטער אין באָריסאָוו און בערעזין פון צוויי אונטעראָפיצירען פון דידאָזיגע באַדענישע גרענאַדערן. צוזאַמען מיט מיר זענען זיי אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט און האָבען מיר נישט איינמאָל דערצעהלט, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן.

לויט זייערע ווערטער, האָט נאַפּאָלעאָן אַליין אַרויסגעגעבן

דרעמדאָזיגען בעפעהל. די אָפיצירען פון זיין שטאַב האָבען טייל-וויז געשטימט פאַר און טיילווייז געגען דעם. צווישען די לעצטע האָבען זיי אָנגערופען בערטיע'ן און נאָך איינעם, וואָס האָבען אפילו איינגערוימט די גרענאַדערן אויפ'ן אויער, זיי זאָלען זיך מאַכען נישט זעהענדיג און זאָלען לאָזען די געפאַנגענע מאַכען ביינאַכט פליטה. דידאָזיגע אונטעראָפיצירען האָבען אפילו פערזיכערט, אַז זיי פלעגען אונטערווינקען די געפאַנגענע, איבערהויפט ביינאַכט, ביים פייער, זיי זאָלען מאַכען אַ ויברח, אָדער זיי פלעגען זיי אומישנע אַוועקשיקען אין וואַלד אַריין נאָך וואַסער, זיי זאָלען קאָנען אַנטלויפען. אָבער די געפאַנגענע פלעגען שטענדיג קומען צוריק מיט וואַסער, ווייל זיי האָבען זיך זעהר געשראָקען צו אַנטלויפען. אויף מאָרגען, בשעת די קאָזאַקען זענען אונז עפטער בעפאַלען צווישען גזשאַטסק און וויאַזמע, זענען דידאָזיגע הריגות אָבגעשטעלט געוואָרען.

מיר האָבען, נאַטירליך, געגלויבט דערין, ווייל אונזער גאַנצער ריקצוג איז אויסגעבונדען געווען מיט גרויס אכזריות. דער הייגטיגער טאָג האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט שרפות פון די אַרומיגע דערפער און מיט קנאַלען און דונערן פון די אַמוניציע-וועגענס, וואָס זענען אויפגעריסען געוואָרען אין לופטען. הינטער אונז האָט אַזוי געדונערט און געברילט, פונקט ווי גזשאַטסק צוזאַמען מיט'ן מאָנאַסטיר וואָלטען צופליגען געוואָרען אין לופטען. טיילמאָל פלעגט אַזאַ אויפרייס פאָרקומען נישט ווייט פון אונז, און מען האָט זיך באמת בעדאַרפט חדוש'ן דערויף, וואָס מיר זענען געבליבען גאַנץ און לעבען נאָך.

על-פּי-רוב פלעגען מיר געהן צופוס און פיהרען דאָס פערד פאַר'ן צוים. מיר פלעגען געהן פערזונקען אין שווערע מחשבות וועגען אונזער גורל. גאָט ווייס וואָס עס וואַרט דאָ אויף אונז — אויף דעמדאָזיגען וויסטען וועג. שוין איצט פלעגען מיר געפינען אויפ'ן וועג טויטע נפשות, וואָס זענען אויסגעגאַנגען פון נויט און הונגער און איך פלעג בעת-מעשה אַ טראַכט טהאָן, וואו איז יענס אָרט, וואו איך וועל אַנידערפאַלען און אויסגעהן פון שוואַכקייט און הונגער. פערזונקען אין אַזוינע מחשבות, האָב איך

פּלוצלונג דערזעהן אויפ'ן וועג, אונטער מיינע פיס, זעהר אַ שע-נעם הילצערנעם לעפעל. איך האָב איהם באַלד אויפגעהויבען און געזעהן דערין אַ צייכען פון הימעל, אַז איך וועל נישט שטאַר-בען פון הונגער. און אַנ'אמת—איך בין פרעהליכער געוואָרען.

אין אָוועגד זענען מיר געקומען קיין גזשאַטסק און דאָ האָב איך געטראָפען דעם לייטענאַנט ווייס, וואָס איז פערוואונדעט געוואָרען דעם 6-טען יולי ביי ווידז און האָט זיך אויסגעהיילט אין ווילנא. נאָכדעם, ווי ער איז געקומען צו די כוחות, האָט ער צונויפגעזאַמעלט די אַלע מענשען און פערד, וואָס זענען צו-ליב פערשידענע סבות זבגעשטאַנען פון זייערע פאָלקען נאָך פון ניעמאַן-אָן, האָט געמאַכט פון זיי אַ קאָמאַנדע און געבראַכט זי אין פאָלק אַריין.

ער האָט געוואָלט זעהן מאָסקווע, אָבער ער האָט פער-שפּעטיגט. צוזאַמען מיט נאָך בעקאַנטע, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער פּאָלקאָווניק פאָן-באַרמאַן*), האָבען מיר געגרייט אַ טיש. ווייס האָט אויסגעצייכענט געקאָכט. פון מעהל און פלייש האָט ער געמאַכט אַזוינע סאָלדאַטישע קלעצלעך, וואָס האָבען שטאַרק אויסגענומען.

טאַקי דאָ ביים פייער און ביים אָווענדברויט האָט מען אונז מיטגעטיילט, אַז פון שטוטגאַרט איז געקומען דעם קעניגס אַ קוריער, וואָס פיהרט פאַר אונזער קאָרפּוס אַ סך געלד, אָרדענס, עהרנשווערדען, גאָלדענע און זילבערנע מעדאַלען, וואָס וועלען צוטיילט ווערען צווישען די אָפיצירען און סאָלדאַטען פון אונזער קאָרפּוס.

אין דעם אייגענעם אָווענד האָבען מיר געמוזט אַרויסטרע-טען ווייטער אין וועג און שפּעט ביינאַכט האָבען מיר זיך

---

*) גראַף פאָן-באַרמאַן ערנפעלס (געב. 1784, געשט. 1822) איז אונטער לייפציג איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די פערבינדעטע. שפּעטער האָט ער זיך בעטייליגט אין דער מלחמה פאַר דער בעפרייאונג פון די גריכען און איז גע-שטאָרבען אין גריכענלאַנד.

צוגעשטעלט נעבען אַ דערפעל, וואו מיר האָבען איבערגענעכטיגט
אויפ'ן שיידוועג, צוגעשפּאַרט צו אַ בעראָזעבוים, איז געשטאַנען
אַ בעקאַנטער מענש און האָט געציטערט פון הונגער און קעלט.
ער האָט זיך אָנגערופען צו מיר: „איהר זענט איינער פון יענע,
וועמען דער קעניג האָט דורכ'ן קוריער צוגעשיקט אַן אָרדען".
די דאָזיגע ידיעה האָט מיך אפילו שטאַרק פער'חדוש'ט, אָבער איך
האָב בלויז בעמערקט דערויף: „ווען מיר וואָלטען זיך געפונען
אין אַ זיכערער לאַגע, וואָלט מיך אייער בשורה דערפרעהט. אָבער
די זאָרג פאַר'ן לעבען שטעהט איצט אויפ'ן ערשטען פּלאַן, ווייל
דער טויט לויערט אויף אונז פון אַלע זייטען".

אויף דעמדאָזיגען וועג האָבען מיר געהאַט גרויסע צרות
מיט'ן שמידען אָדער איבערשמידען די פערד. אין גושאַטסק האָ-
בען זיך פיל פון אונז געסטאַרעט צו שמידען די פערד, זיי זאָ-
לען צוגעפּאַסט ווערען צו די ווינטערדיגע וועגען, אָבער דאָס
איז אונז נישט געלונגען. פאַר דער גאַנצער צייט פונ'ם ריקצוג
האָבען מיר דערפון געהאַט די גרעסטע צרות און דאָס איז אויך
געווען די סיבה פון אונצעהליגע גרויסע אומגליקען.

אויף מאָרגען דעם 31-טען אָקטאָבער, האָבען מיר, ביי אַ
זוניגען וועטער, זיך אָבגעשטעלט ביי אַ מייל פון וויאַזמע, ווער
עס האָט געקאָנט, האָט זיך אויפגעקאָכט עפּיס עסען. איך, דער
חבר שוימאַן, לייטענאַנט ווייס און קאַפּיטאַן פאָן-כּיגעל האָבען
אויפגעקאָכט צוזאַמען אַ קאַשע פון קאָרנמעהל. נאָכדעם, ווי מיר
האָבען זי אויפגעגעסען און זיך מכין-געווען ווייטער אין וועג
אַריין, האָבען מיר פּלוצלונג דערהערט געשרייען: „קאָזאַקען!
קאָזאַקען!" ווייס איז באַלד אַרויסגעפאָהרען פאָראויס און איך
נאָך איהם, אויף וויפיל עס האָט מיר דערלויבט מיין פערדעל.
מיר האָבען געמאַכט שנעל פּליטה און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט
פון די קאָזאַקען. אַ סך זענען דעמאָלט בענומען געוואָרען אין
געפאַנגענשאַפט און אַ סך זענען פערוואונדעט געוואָרען. ווען
דעמדאָזיגען איבערפאַל זענען דערנאָך דערצעהלט געוואָרען אַ
סך טרויעריגע פאַקטען. דאָס האָבען דערצעהלט די אַלע, וואָס
האָבען זיך שפּעטער צוריקגעקעהרט.

נאָך באָראָווסק איז דאָס געווען די ערשטע באַגעגעניש מיט קאָזאַקען. לויפענדיג ביז וויאַזמע, זענען מיר געקומען אַקוראַט צו דער שלאַכט, וואָס האָט זיך צופלאַקערט צווישען די רוסען און אונז, אין דרום-זייט פון דערדאָזיגער שטאָדט. מיר האָבען דאָ געפונען פערוואונדעטע, בעזונדערס צווישען די פוס-יעגערס, און אין שטאָדט האָט זיך געשפירט אַ בהלה און אַ צומישעניש. ווייס האָט געהאָלפען מאַנכע בעקאַנטע פערוואונדעטע און איך האָב זיי פערבינטעוועט די וואונדען. שפּעט ביינאַכט האָבען מיר געזוכט אין די אָבגעלעגענע געסלעך עפּיס אַנ׳אָרט, וואו צו שלאָפען. מיר האָבען אָנגעקלאַפּט אין עפּיס אַ הויז. אין די פענסטער פון דעמדאָזיגען הויז האָבען זיך געזעהן מענשען. „וואָס ווילט איהר, חברים?“—האָט מען אונז געפרעגט. „שלאָפען ווילען מיר“,—האָבען מיר געענטפערט. „אויב איהר האָט וואָס צו נעהמען אין מויל אַריין און זענט גרייט זיך צו טיילען מיט אונז, וועלען מיר אייך עפענען די טויר,“—האָט מען אונז געזאָגט. מיר האָבען געשלאָסען אַנ׳אָבמאַך. ווייס, האָב איך געמאָלדען, האָט מעהל און פלייש. איך האָב אַרבעס און קאַווע. די איבעריגע האָבען געהאַט ברויט און בראָנפען. מען האָט אונז געעפענט די טיר. אינ׳ם הויז האָבען מיר געפונען אַ יונגען זאַקסישען אָפיציר, אַ קאַפּיטאַן פון איינעם פון די פונאַנדערגעלאָזטע פאָלקען, אַ וואַרים צימער און אַ שטאַהל מיט פאַשע פאַר די פערד. די נאַכט איז אַוועק אין קאָכען, עסען און שמועסען, אין לאַנגע שמועסען וועגען די אַלע שרעקען פון דער מלחמה און וועגען די גרויסע אַנגסטען אין פלאָגען, וואָס וואַרטען נאָך אויף אונז. נאָכדעם האָבען מיר זיך געלעגט שלאָפען. אָבער דעם ג-טען נאָוועמבער אינדערפריה האָט זיך די בהלה פון דאָסניי אָנגעהויבען. ביידע אָפיצירען זענען אַוועק זוכען אַ וועג קיין סמאָלענסק, ווייס איז אַוועק צו זיין קאָמאַנדע און איך צו דער גענעראַליטעט, וואָס איך האָב באַלד אָבגעפונען.

דער צושטאַנד פון אונזער מיליטער (אויסער נאַפּאָלעאָנס גוואַרדיע) איז געווען זעהר אַ קלאָגעדיגער. אין אַזאַ לאַגע האָבען זיך אויך געפונען מיינע לאַנדסלייט, וואָס די נעכטיגע

שלאַכט האָט פון זיי גאָר אַ תל געמאַכט. דאָס אַלץ האָט געצוואונגען דעם גראַף פאָן-שעלער אַרויסצושיקען דעם הויפּטכירורג קעלרייטער פון וויאַזמע קײן ווילנאָ, ער זאָל דאָרטען אײנאָרדנען צוויי שפּיטאָלען—אײגער פאַר אָפיצירען, דער צווייטער פאַר סאָלדאַטען. דערויף האָט דער הויפּטכירורג בעקומען אַ גרויסע סומע געלד. ער איז אַוועקגעפאָהרען אין דעם אײגענעם טאָג און זײן פּאָסטען איז מיר איבערגעגעבען געוואָרען.

פון די זעקסאונצוואַנציג אַרמעאישע דאָקטוירים פון אונזער קאָרפּוס בין איך געווען דער סאַמע עלטסטער לויט'ן דינסט, און אַז איך בין אַרייגעטראָטען אינ'ם מיליטער, האָט מען מיך פערזיכערט, אַז אויב עס וועט נאָר פריי ווערען אַן אָרט, וועל איך זײן דער ערשטער קאַנדידאַט אויף אַ העכערן פּאָסטען. איך בין געווען שוואַך און מאָגער, מײנע קלײדער זענען אויף דער העלפט פערברענט און צוריסען געוואָרען, דאָך אָבער בין איך געווען פול ענערגיע און מוט. איך בין תיכף אַוועק צו די פערוואונדעטע אָפיצירען און סאָלדאַטען און האָב נאָכגעזעהן און בעשטימט, וועמען מיטצונעהמען און וועמען איבערצולאָזען.

דעם 2-טען נאָוועמבער זענען מיר אַרויסגעטראָטען פון וויאַזמע, און דאָ האָט מען מיר אָנגעוויזען אויף יענע אינפאַנטעריע-סאָלדאַטען, וואָס זיי זענען אָנגעטרויט געוואָרען די פעהנער.

אונזערע גענעראַלען האָבען שוין לאַנג אַוועקגעשיקט אין אַ זיכערן אָרט אַ העלפט פון אונזערע פעהנער, איצט האָט מען פעראָרדענט אראָפּצונעהמען די שטעקענס פון דער צווייטער העלפט און אַרומוויקלען מיט די פעהנער דאָס לייב אָדער בעהאַלטען זיי אין די ראַנצעס. אָנגעטרויט האָט מען זיי די סאַמע שטאַרקסטע און פערהאַרטעוועטסטע זעלנער. ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, האָט דער ווירטעמבערגישער קאָרפּוס קײן אײן פאָהן נישט פערלאָרען אין רוסלאַנד*). אויף דידאָזיגע סאָל-

*) אינ'ם קאַזאַנישען סאָבאָר אין פּעטערבורג, וואו עס ווערען געהאַלטען די פעהנער, וואָס זענען גענומען געוואָרען בײם שונא אין דעמדאָזיגען קריג' איז נישטאָ קײן אײן ווירטעמבערגישע פאָהן.

דאַטען האָט מען מיר בעזונדערס אָנגעוויזען דערפאַר, ווייל טאָמער ווערט איינער פון זיי קראַנק אָדער פערוואונדעט, זאָל איך איהם דערקאָנען אויפ׳ן פּנים און זיך בעציהען צו איהם מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט, און אויב ער וועט שטאַרבען, זאָל איך ראַטעווען די פאַהן.

ביי טאָג זענען מיר אַרויס פון וויאַזמע. עס איז געווען קאַלט און די זון האָט העל געשיינט. נאַפּאָלעאָן איז געקומען רייטענדיג. געטראָגען האָט ער אַ גרויען סורטוק, אָבער זיין מאַיעסטעטישער קאָפּ איז דאָסמאָל נישט בעדעקט געווען מיט׳ן הוט, נאָר מיט אַ וואַרימער גרינער קוטשמע, בעשלאָגען מיט גרויען פעל. נעבען איהם זענען געפאָהרען זיינע נאָהנטסטע קרובים, וואָס האָבען געדינט אין דער אַרמעע*). אין אַלגעמיין איז די סוויטע געווען נישט קיין גרויסע, און דאָ, ווי פריהער און אויך שפּעטער סאַמע ביז בערעזין, איז דער כּבוד און אַכטונג צו איהם נישט געפאַלען, נישט-געקוקט אויף די אַלע צרות און אַנגסטען, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט און וואָס מיר האָבען נאָך בעדאַרפט איבערלעבען.

זיין מילימער האָט געקוקט אויף איהם, זיך גע׳חדוש׳ט און בעגלייט האָט מען איהם מיט צוטרוי און האָפנונג אין בליק. סיי איצט און סיי שפּעטער האָב איך געהערט פון אָפיצירען פון פערשידענע פעלקער: „זאָלען נאָר די כּוחות נישט פערלאָזען״.

די כּוחות זענען אָבער שוואַכער און שוואַכער געוואָרען. אין די לעצטע דריי טעג איז שאַרף אַרייגעטראָטען דער ווינטער און מאַנכע פון אונז האָבען שוין אַריבערגעוואַנדערט אויף יענער וועלט. עטליכע וועגענס זענען אונז צובראָכען געוואָרען אין וועג. האָט מען באַלד גענומען שרייען: „צוקער! שנאַפּס!״ און ווי אַ שיכּורים האָבען זיך אַלע אַ וואָרף געטהאָן און מען האָט

---

*) דער נעאַפּאָליטאַנישער קעניג פון איין זייט און דער איטאַליענישער ווידערקעניג פון דער צווייטער.

געכאַפּט, ווער עס האָט נאָר געקאָנט.

די דיסציפּלין האָט אײַנגאַנצען געפּלאַצט ביי אונז. נאָך אונטער באָראָווסק האָט געגומען הינקען די אָרדנונג, אָבער ווײַטער נאָכ׳ן מאָנאַסטיר און נאָך וויאַזמע, בשעת די פּרעסט האָבען זיך געשטאַרקט, איז שוין פון דער דיסציפּלין קיין זכר נישט געבליבען. ראַבירענדיג דעם בראַנפען, האָט מען אויסגעגאָסען מעהר, איידער מען האָט אויסגעטרונקען. דעם צוקער האָט מען צושלעפּט. אין די נאַהרונגסאײַגענשאַפטען פונ׳ם צוקער האָב איך מיך *שוין לאַנג איבערצייגט. טיילמאָל איז מיין גאַנצער פערמעגען בעשטאַנען אין א שטיקעל צוקער, און אַז איך האָב איהם אויפגעגעסען, האָב איך געשפּירט עפּיס אַ זאַטקייט. אָבער די, וואָס האָבען געהאַט אַ נייגונג צו שלשול, האָבען איהם נישט געטאָרט עסען.

דער שניי, וואָס איז היינט נאָך האַלבען טאָג אַרויסגעפאַלען, האָט זעהר בעשווערט אונזער בעוועגונג פאָראויס; ער האָט בעזונדערס געשטערט דער אַרטילעריע. די קאַוואַלערישע קאָמאַנדע, וואָס איז געקומען פון ווילנא אויף גרויסאַרטיגע פערד, האָט זיך בעדאַרפט צונויפנעהמען אין איין פונקט. זייערע פערד מיט די ציימלען און זאָטלען האָט מען צוגעשפּאַנט צו די האַרמאַטען. דאָס האָט צוגעגעבען דער אַרטילעריע עפּיס אַן׳אייגענאַרטיגע מראה, אָבער קיין נוצען האָט עס אונז נישט געבראַכט, וואָרום נישט-געקוקט אויף דערדאָזיגער הילף, האָט מען אויף מאָרגען געמוזט אַוועקוואַרפען די שווערע האַרמאַטען, ווייל ביינאַכט זענען אומגעקומען אַ סך פערד. די ערד איז געוואָרען האַרט און בעדעקט מיט בערגעלעך און דאָס האָט זעהר בעשווערט די בעוועגונג פאָראויס.

דעם 3-טען נאָוועמבער אינדערפריה בין איך אַליין בייגעווען דעם פאַל, ווי גראַף פאָן-שעלער האָט געהייסען פערגראָבען אין דער ערד זיבען שווערע האַרמאַטען, מחמת די פערד האָבען זיי נישט געקאָנט שלעפּען און זענען אַנידערגעפאַלען אין דער פראָסטיגער נאַכט אויפ׳ן וועג. די לאַפעטען האָט מען צוזעגט. דיזאָזיגע נישטוועגדיגקייט האָט געמאַכט זעהר אַ שווערען איינ־

דרײַען אויף די אַלע בײַגעװוּנטענע. דער עולם האָט זיך געשפּירט אַזוי, װי מען שפּירט זיך, בשעת מען בעדאַרף פֿאַרלאָזן אין גרױס נױט אַ פֿרײַנד אָדער אַ קרוב, װײַל מען קאָן איהם נישט העלפֿען. דאָס זענען געװען די ערשטע האַרמאַטען, װאָס די װירטעמבערגער האָבען פֿאַרלאָרען אין דערדאָזיגער מלחמה.

דער שני, װאָס איז הײַנט אַרױסגעפֿאַלען, האָט נאָכמעהר בעשװערט די נסיעה. מיט גרױס מיה און אָנשטרענגונג האָט מען געשלעפּט די האַרמאַטען איבער בערג און טהאָלען. סאָלדאַטען האָבען אױך געהאָלפֿען שלעפּען. מיט געשרײען און קלעפּ האָט מען געפּרובט װירקען אױף די שװאַכע כּוחות פֿון די פֿערד. נישט הײַנט, איז מאָרגען, אָבער די לעצטע כּוחות װעלען זיכער פּלאַצען און דעמאָלט װעלען געהן לאיבוד די פֿריהערדיגע אָנשטרענגונגען און אַרבײט.

נאָך האַלבען טאָג האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט בײַ אַ פּאָסט־סטאַנציע, װאָס איז אַרומגערינגעלט געװען מיט אַ צױם. דאָ האָט מען מיר צוגעקלקח'ט מײַן זעבעל, װאָס איז מיר אַזױ צונוץ געקומען בײַם קאָכען און בײַם פֿונאַנדערלעגען אַ פֿײַער. דאָ, בײַ דער פּאָסט־סטאַנציע האָב איך אױך בעמערקט, װי געשיקט די פּראָװיאַנטען מאַכען געריכטען פֿון פֿערדענפֿלײש. גרױסע קעסלען זענען געשטאַנען אױפ'ן פֿײַער. פֿון דידאָזיגע קעסלען האָבען אַרױסגעשמעקט רײזיגע בײנער פֿון פֿערד.

מיט גרױס מיה און מאַטערניש האָבען מיר זיך געשלעפּט װײַטער, דורך פֿראָסט און שניי, איבער אַ שװערען װעג. שפּעט בײַנאַכט האָבען מיר זיך צוגעשטעלט, אָבער קײנער האָט נישט געהאַט װאָס אין מויל צו נעהמען. מאַנכע, זעהר אָבגעשװאַכטע מענשען, זענען קראַנק געװאָרען, און אינדערפֿריה האָב איך זײ געפֿינען טױט אין פֿערגליװערט.

דעם 4־טען האָבען מיר זיך װידעראַמאָל גערירט אין שװערען װעג אַרײַן. צו האַלבען טאָג האָבען מיר זיך װידער אָבגעשטעלט בײַ אַ פּאָסטסטאַנציע, װאָס איז אױך געװען אַרום־גערינגעלט מיט אַ צױם. די סטאַנציע איז געװען בעשיצט מיט אַ שטאַרקען פּיקעטע־אָטראַד, על־פּי־רוב זעכציגערעהדיגע

יונגען, וואָס זענען נאָר-וואָס גענומען געוואָרען אין מיליטער. דידאָזיגע יונגע עלזאַסער און לאָטאַרינגער, וואָס כמעט אַלע נצבֿט קומט זיי אויס צו בעשיצען די סטאַנציע פון קאָזאַקען, בעגלייטען טראַנספּאָרטען און קוריערן און שטענדיג האַלטען זיי זיך אין איין שלאָגען מיט די קאָזאַקען. אינוועניג האָט דאָס סטאַנציע-הויז געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַ שטאַהל, מחמת עס איז געזען פול געפּאַקט מיט סאָלדאַטען. פונדעסטוועגען האָבען זיי געהאַט אַ סך ברויט, וואָס זיי האָבען אויך אונז פערקויפט פאַר אַ הויכען פּרייז. איך האָב בעצאָהלט 96 קרייצער פאַר אַ פּאָרציע ברויט, אָבער איך בין נישט זאַט געוואָרען.

נעכֿטען און היינט, דעם 5-טען נאָוועמבער, האָט דאָס וועטער נישט דערלאָזט זיך אָבצוגייגען פונ׳ם הויפּטטראַקט, און אונזער ריקצוג האָט בעקומען עפּיס אַ שרעקליך אויסזעהן. דער יאוש, וואָס איז אויסגעוואַקסען אויפ׳ן באָדען פון הונגער און נויט, איז געווען די סבה פון אַ סך שרפות. אַרום אונז האָט ווידער געברענט. נאָהנט און ווייט פון גרויסען וו׳ האָבען געברענט פּריצישע הויפען און דערפער. דער הונגער און נויט האָבען אַרויסגערופען בילדער פון יאוש און אכזריות. אויף די געפאַלענע פערד האָבען זיך אויגענבליקליך געוואָרפען די סאָלדאַטען, ווי די היישעריקען, און מען האָט געריסען פון זיי שטיקער פלייש. טיילמאָל האָט אַזאַ פערד נאָך געלעבט, זיך בעוועגט, בשעת אַ האַלבער גוף זיינער איז אַרומגעשניטען, אַרומגעריסען און אַרומגעפּליקט געוואָרען.

מיר אַלע האָבען על-פּי-רוב איצט אויסגעזעהן העסליך, מאוס, שמוציג, שוואַרץ, פונקט ווי גזלנים און דאָס רייסען און פּליקען שטיקער פלייש פון לעבעדיגע פערד האָט אונז געמאַכט העסליך ביז צום עקלען. פאַר דער קלענסטער זאַך פלעגט מען זיך אַרומרייסען און זיך ממית׳ן, ווי ווילדע חיות. פאַר דער קלענסטער סתירה פלעגט אַרויסגעכאַפּט ווערען דער שווערד פון שיידעל. איך האָב געזעהן, ווי אַנ׳אָבאָז-סאָלדאַט האָט געשפּאָלטען דעם קאָפּ אַ צווייטען סאָלדאַט פאַר אַ שטיקעל ברויט.

די טעג זענען געווען זעהר קורץ, און מען האָט זיך שטאַרק

בעדאַרפט אײלען. איז מען דעריבער געגאַנגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײן, וואָס האָט פערדעקט אַלע אונזערע שרעקען און אַנגסטען. פון די ערטער פלעגט מען זיך אױפהױבען זעהר פריה און שטענדיג נאָכ׳ן אַבּרוהען פלעגען מיר איבערלאָזען ׳טױטע מענשען און גע׳פגר׳טע פערד.

אַ סך געזונדטע און שטאַרקע מענשען האָבען פערלאָרען זײערע כּוחות צוליב דעם, וואָס די צאָהל פערד האָט זיך שטאַרק פערקלענערט. דאָס געהן צופוס מיט אַ לעדיגען מאָגען האָט געמאַכט אַ תּל פון מענשען. אין דער אײגענער נאַכט האָב איך געטראָפען בײם פעלדפײער בעקאַנטע, וואָס האָבען געשאָכטען אַ װײסען הונד. אײנער פון זײ האָט בעקומען דעם קאָפּ פונ׳ם הונד. האָט ער זיך אַ גאַנצע נאַכט געטענטעלט מיט׳ן קאָכען דעם קאָפּ. פאַרטיג געוואָרען, האָט ער איהם אױפגעגעסען, אָבער אינדערפריה איז ער געשטאָרבען. אַז מען האָט זיך בעדאַרפט אױפהױבען פון די ערטער, האָב איך געזעהן זײן טױטען קערפּער: ער איז געלעגען אין וואַלד, בײם וועג.

אַרום אונז האָבען זיך געוואַלגערט מאַסען וועגענס, שפּיטאָלוועגלעך און עקיפּאַזשען. צווישען די לעצטע האָב איך דערקאָנט מײן פרײנד קעלרײטערס עקיפּאַזשל. מען האָט אױך אַוועקגעוואָרפען אַ גרױסע צאָהל האַרמאַטען.

דעם 6-טען נאָוועמבער (דער געבורטסטאָג פון אונזער קעניג) האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אױף עטליכע שעה אין דאָראָגאָבוזש: מיר האָבען גערעכענט צו קריגען דאָ עפּיס צו עסען. אָבער מיר האָבען זיך געמוזט װײטער רוקען מיט לעדיגע הענד און לעדיגע מאָגענס, ווארום אַלץ, וואָס דאָ איז געוועזען, האָט שױן צוגענומען נאַפּאָלעאָנס גוואַרדיע.

בײ אַ מײל פון דער שטאָדט, אױף אַ נאַקעטען פלאַכפעלד, האָבען מיר פערשפּרײט אַ לאַגער. עס איז געוועזען שרעקליך קאַלט. אַ קאַלטער צפון-ווינד האָט געבלאָזען און געלאָשען אונזער פײער, וואָס מיר האָבען צונאַנדערגעלעגט. איך האָב מיר געמאַכט אַן אָרט צום שלאָפען בײ אונזער אַרטילעריע, וואָס איז בעשטאַנען פון 12 האַרמאַטען מיט אַכט האַלבטױטע שקאַפּעס. פון די 18 ג

אָפיצירען, צו וועלכע איך בין געקומען, האָט קיין איינער נישט פערמעגט כאָטש אַ שטיקעל טרוקען ברויט. קיין האָלץ איז אויך נישט געווען. קאַפּיטאַן בירגי האָט מקריב-געווען זיינס אַנ׳אַמוני- ציע-וועגעל, ווייל טיי־זוי-טיי וואָלט ער עס נישט מיטגענומען. האָט מען פערברענט דאָס וועגעל. צו ראַטעווען זיך פון שניידענדיגען ווינד, האָט יעדער גענומען אַ קאַסטען פון פּאַטראָנעס, אַוועקגע- שטעלט איהם קעגען ווינד און אַריינגעלעגט דערין דעם קאָפּ. די פיס האָט מען אויסגעצויגען צום פעלדפייער. דאָס פייער, וואָס האָט היילעווייז גע׳גוסס׳ט, דער שניידענדיגער ווינד, די געוואַל- טיגע מידיגקייט און דער שרעק פאַר׳ן מאָרגענדיגען טאָג,—דאָס אַלץ האָט אונז נישט געלאָזט שלאָפען.

אַ קליינער אָטראַד איז אַוועקגעשיקט געוואָרען אין די אַרומיגע דערפער נאָך פּראָוויאַנט. צו האַלבע נאַכט האָבען זיי זיך אומגעקעהרט מיט אַ ביסעל שטרוי און האָבען מיטגעטיילט, אַז די איבעריגע חברים זענען אַריינגעפאַלען צו די קאָזאַקען אין די הענד אַריין. דאָס האָט נאָך פערשטאַרקט אונזער זאָרג, ווייל מיר האָבען אַ ליאַדע מינוט געקאָנט בעפאַלען ווערען פון קאָ- זאַקען.

נאָכדעם זענען געקומען צולויפען צוויי האַלב־אויסגעהונ- גערטע און אויך מיט איבער׳גע־פרוירענע סאָלדאַטען, וואָס האָבען דערצעהלט, אַז ביינאַכט זענען זיי צוזאַמען מיט אַ גרעסערער מחנה אַוועק זוכען עפּיס צו עסען אין די אַרומיגע דערפער. אָבער אין איין דאָרף זענען זיי בעפאַלען געוואָרען פון פויערים, וואָס זענען געווען בעוואָפענט מיט פּיקעס און העק. פון דער גאַנצער מחנה, וואָס איז באַלד אַוועקגעלעגט געוואָרען אויפ׳ן אָרט, האָבען זיך בלויז די צוויי גראַטעוועט מיט׳ן לעבען.

נאָך האַלבער נאַכט איז פון דאָראָגאָבוזש געקומען אַנ׳אָר- דינאַנץ אָפיציר, וואָס איז אַוועק נאָך פּראָוויאַנט אין דער הויפּטקוואַרטיר. אין די אַרבעל פון זיין שינעל האָט ער געבראַכט דריי ברויטלעך—צו אָנדערטהאַלבען פונט אַ ברויטעל—און געזאָגט: „דאָ האָט איהר אַלץ, וואָס דער גענעראַל האָט געקאָנט שיקען לכבוד דעם קעניגס געבורטסטאָג!“

די אַלע דריי ברויטלעך זענען צוטיילט געוואָרען אויף צײנצעהן חלקים. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, וויפיל עס איז אויסגעקומען אויף אַ מענשען און מיר, אַלס גאַסט. בשותפות מיט'ן אַרטילערישען אָפיציר פאַבער דיו פאָר (בעריהמטער צייכנער) האָב איך אָבגעקאָכט אַ זופּ און געגעסען מיט'ן ברויט, וואָס דער אָפיציר האָט געבראַכט. אינדערפריה, נאָך דערדאָזיגער שרעקליכער פראָסטיגער נאַכט, בין איך געגאַנגען אַ קוק טהאָן אויף מיין פערדעל. דאָס פערדעל איז אינגאַנצען אייס געוואָרען פון פראָסט און איז שיער נישט פערגליווערט געוואָרען פון קעלט. דאָס האַרץ האָט מיר געריסען אויף דער דאָזיגער גוטער מידער בעשעפעניש, אָבער נאָכמעהר האָט מיר גענומען רייסען דאָס האַרץ, ווען איך האָב דערזעהן, אַז מיין טשעמאָדאַן איז נישטאָ: מען האָט איהם אָבגעשניטען און צוגעגע'לקח'עט. דאָרט איז געלעגען דאָס סאַמע טייערסטע, וואָס איז מיר געבליבען פון מיין פאָטער: זיין נאָטיצביכעלע, וואו ער האָט פערצייכענט די וויכטיגסטע מאָמענטען פון די שפּעטערע יאָהרען און דעם רהייניּשען קריגסצוג. דאָרט, וואו ער האָט זיך אָבגעשטעלט, האָב איך פאָרגעזעצט. איך האָב דאָרט געהאַט פערצייכענט די סאַמע אינטערעסאַנטסטע פּאַסירונגען, דערין שוין אויך דידאָזיגע מלחמה און דעם ריקצוג.

גנבה און גזלה זענען געוואָרען אַזוינע געוועהנליכע דערשיינונגען, אַז אפילו די העכערע אָפיצירען האָבען זיך אויך נישט געשעמט צוצולעגען אַ האַנד. געטהאָן האָט מען עס אָבער בלויז פון הונגער און געזוכט האָט מען אויך בלויז עסענוואַרג. יעדער האָט געמיינט, אַז זיין חבר בעהאַלט פון איהם ערגעץ ברויט אָדער אַנדערע עסענזאַכען.

דעם 7-טען נאָוועמבער זענען מיר געגאַנגען ווייטער, איינגעהילט אין אַ געדיכטען נעבעל און שטאַרק געפּייניגט פון פראָסט. האָבען מיר אויפגעהויבען די מאַנטלען איבער דער נאָז און אויערן, ביז די אויגען, און געגאַנגען אונזער וועג. דער נעבעל איז אָבער געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט איינער דעם אַנדערען נישט געזעהן.

צו מיטאָג האָט זיך דער נעבעל צושפּרייט און עס איז לייכטיגער געוואָרען. האָט מען זיך אָבגעשטעלט. מען האָט צו־שמאָלצען דעם שניי און ווער עס האָט געהאַט קאַווע, האָט איהם אויפגעקאָכט.

צווישען די אַלע אומגליקליכע, וואָס האָבען זיך אַרומגע־דרעהט אַרום אונזער פעלדפייער, איז געווען איינער אַ סאָלדאַט פונ׳ם קעניגליכען פּאָלק. ער האָט אַראָבגענומען פון רוקען דעם ראַנעץ און געזאָגט מיט אַ מידען קול: „איך וויל פערקויפען די אַלע זאַכען, וואָס איך האָב בעקומען אין מאָסקווע. פאַר׳ן געלד וועל איך מיר קויפען עפּיס צו עסען אין סמאָלענסק. צווישען די אַלע זאַכען, וואָס ער האָט געהאַט (ער האָט געמיינט, אַז דאָס זענען די סאַמע טייערסטע זאַכען), האָט זיך געפונען אַ פּאָר פּליסענע שטיוועל, בעשלאָגען מיט פלאַנעל. האָב איך זיי אָבגעקויפט פאַר פיר גילדען און עד־היום בין איך איהם דאַנק־באַר פאַר די גאַנצע פינגער פון די פיס, ווייל אָהן זיי וואָלט איך די פינגער זיכער אָבגעפראָהרען. פון וויאַזמע־אָן איז שוין דער עולם געגאַנגען מיט אָבגעפראָהרענע פיס. הענטשקעס האָב איך געהאַט, און צו פערשטעלען די אויערן האָב איך נאָך אין לאַגער ביי טשערניטשנאַ געמאַכט אַ פּאָר אויערשיצער פון קראָ־ליק־פעלכלעך.

אין אָוועגד, אַז דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט און עס איז געוואָרען פינסטער, זענען מיר צוגעקומען צו דער בריק אי־בער׳ן דניעפּער, געבען דעם דאָרף סאָלאָוויאָווא. מיר האָבען נאָך פריהער געהערט, אַז דאָס איז אַ שלעכטע בריק און אַז דאָ איז נישט בעקוועם איבערצוגעהן דעם טייך.

ביז דער בריק איז דער טראַקט געגאַנגען פּאַראַלעל מיט׳ן טייך. העכער איז געשטאַנען אַ וואַלד, און ביידע, דער טראַקט מיט׳ן וואַלד זענען געווען פול געפּאַקט מיט האַרמאַטען און טראַנספּאָרטען. ביי דער בריק האָט זיך דער טראַקט אויפגעהוי־בען אויף אַ הויכען משופּע׳דיגען ברעג; דער צווייטער ברעג איז אויך געווען הויך און משופּע.

די הויכע משופּע׳דיגע ברעגען האָבען כמעט אונמעגליך

געמאַכט דאָס אַריבערגעהן דעם טייך מיט האַרמאַטען און טראַנספּאָרטען. דערצו בעדאַרף מען נאָך צו-רעכענען דעם גרויסען פראָסט און די זערפראָהרענע הונגעריגע פערד, וואָס זענען געוואָרען שלעכט געשמידט אָדער זענען געגאַנגען גאָר אָהן פּאָדקאָוועס. מענשען און פערד האָבען זיך שרעקליך געפּייניגט. מיט גרויס מיה און יסורים איז געלונגען אַריבערצופיהרען אויף דער צווייטער זייט עטליכע האַרמאַטען. אויפ'ן רעכטען ברעג איז געשטאַנען מאַרשאַל נעי מיט אַ קליינער סוויטע. ער איז געשטאַנען אין זיין גאַלאַ-אוניפאָרם, אָהן אַ מאַנטעל און געשריען צו אונזערע גענעראַלען אויף אַן עלזאַסער דיאַלעקט: „מיינע הערן, דאָס איז נישט קיין ריקצוג, נאָר פשוט אַ ויברח, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט געזעהן אין מיין לעבען!“

מיר האָבען נאָך נישט בעוויזען דורכצומאַרשירען ביי אַ וואַסער פערטעל שעה צייט, ווי מיר האָבען פלוצלונג דערהערט אַ טומעל. מענשען האָבען געמאַכט פליטה העגדום-פּענדום, די זאַך האָט זיך אָבער פשוט דערקלערט: קאָזאַקען זענען אונז בעפאַלען ביי דער בריק, אויפ'ן לינקען ברעג, זיי האָבען פערכאַפּט די האַרמאַטען און טראַנספּאָרטען און האָבען אַריינגעטראָגען אַ פּאַניק אין דעם צומישטען המון. אַלע האָבען זיך געוואָרפען צוריק צו דעם הויכען משופּע'דיגען ברעג און דערביי זענען אַ סך אומגעקומען. מיר האָבען באַלד געהאַט פערוואונדעטע, צווישען זיי אויך פרויען.

דאָ, אויף דעם אָרט האָבען מיר פערלאָרען אַ העלפט פון די איבערגעבליבענע ווירטעמבערגישע האַרמאַטען און נאָך אַ סך אַנדערע. זיי זענען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די קאָזאַקען, און אונז האָט נאָך אַ גליק געטראָפען, וואָס די קאָזאַקען זענען אַוועק און נישט פערפאָלגט אונז מעהר.

נאָכ'ן איבערגעהן דעם טייך האָבען מיר געהאַט אַ שרעקליכע נאַכט. פאַר מיר איז זי נישט געוועזען אַזוי שרעקליך, ווייל איך מיט נאָך עטליכע גענעראַלען האָבען געפונען עפּיס אַ שטיקעל אָבדאַך און אויך עפּיס צו עסען פאַר זיך און פאַר די פערד. דאָס הייזעל, וואו מיר זענען אַריין, איז באַלד אָנגעוואַ-

רימט געוואָרען פון דער גרויסער מאַסע מענשען, וואָס האָט דאָ געזוכט, וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען. דאָ האָב איך געטראָפען אַ בעקאַנטע פרוי, וואָס האָט אין אַ שטאַהל, נישט ווייט פון אונז, געמאַכט עפּיס עסען. האָט זי מיך איינגעלאַדען. זי האָט מיך מכבד-געווען מיט עפּיס אַ געריכט, וואָס איז געווען זעהר בעל-טעמ׳ט. אַז איך האָב אָבגעגעסען, האָט זי מיך געפרעגט, צי איך ווייס, וואָס איך האָב נאָר-וואָס געגעסען. „ניין,—האָב איך געזאָגט,—אָבער דאָס איז געווען זעהר געשמאַק.“ געווען איז עס אייגענטליך געהאַקט פלייש מיט אַ אייערן סאָאוס. און די פרוי האָט געזאָגט: „איהר האָט געגעסען פערדענפלייש, צוויי מאָל פערקאָכט מיט אַ סאָאוס פון מעהל און עסיג. נעכטען האָבען מיר סאָלדאַטען געשאָכטען אַ יונג פערד, וועלען מיר איצט האָבען פלייש אויף עטליכע טעג.“

מיר האָבען אַ ביסעל געשלאָפען. דרויסען האָט גענומען טאָגען. גענעראַל פאָן-קערנער איז אַרויס אויפ׳ן הויף. אין עטליכע מינוט אַרום איז ער צוריק אַריין, אָבער אין אַזאַ שטימונג, פונקט ווי ער וואָלט נאָר-וואָס איבערגעלעבט אַ גרויסען פחד. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָנגערופען: „איך האָב נאָר-וואָס איבערגעלעבט דאָס סאַמע שרעקליכסטע אין מיין לעבען. דאָרט, אויף די פעלדער, ליגען אונזערע מענשען דערפראָהרען און טויט, און ערשט פאַרנאַכט זענען זיי געזעסען ביי די פעלדפייערן*).

אינדערפריה, דעם 8-טען נאָוועמבער זענען מיר דורכגעגאַנגען דאָסדאָזיגע פלאַכפעלד. אַרום די פערלאָשענע פעלדפייערן זענען געלעגען גרויסע מאַסען טרופּעס פון פערשידענע מיליטער-טיילען. די פעלדפייערן, וואָס זענען פונאַנדערגעלעגט געוואָרען פון רויהע נאַסע צווייגען, האָבען געגעבען וועניג וואַרימקייט, און די הונגעריגע מידע מענשען, וואָס האָבען אַליין געמוזט אָנהאַקען די צווייגען, זענען דערפראָהרען געוואָרען פון קעלט. אויפ׳ן אָרט פון דעמדאָזיגען לאַגער זענען פערבליבען איבער 300 טוי-

---

*) איך גיב דאָ איבער וואָרט אין וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט.

טע, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך געוואַלגערט ביים וועג. קיין איינער פון זיי האָט נישט געלעבט. פון דער אוניפאָרם האָב איך דערקאָנט אַ סך סאָלדאַטען פון אונזער מיליטער, בעזונדערס פונ׳ם קרוינפּריצס פאָלק. אין אָט דער שרעקליכער נאַכט איז אויך אַוועקגעפאַלען אַ גרעסערע צאָהל פערד.

ווייטער, אויפ׳ן שיידוועג, דאָרט, וואו דאָס אָרט איז גאָך געווען וואַרים פון אַש און קוילען, האָבען מיר געטראָפען נאָך אַ לעבעדיגען פראַנצויז, וואָס האָט, קענטיג, געשלאָפען. די גענעראַלען פאָן־שעלער, גראַף פאָן־בעראָלדינגען, פאָן־קערנער און פאָלקאָווניק פאָן־באַנגאָלד האָבען זיך געפרובט אויפצומינטערן איהם דורך טרייסלען און ווערטער: „שטעהט־אויף, קומט מיט אונז. דאָ וועט איהר דאָך שטאַרבען!“ און ער האָט געזאָגט: „וויל איך טאַקי שטאַרבען. מיין קערפּער איז שוין באַלד פערגליווערט. לאָזט מיך געמאַך!“ מען האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכען מיט איהם. דערדאָזיגער פראַנצויז איז געווען צופיל אויסגעהונגערט און אָבגעשוואַכט, ער זאָל זיך קאָנען אויפהויבען און געהן, און מיר זענען ווייטער געגאַנגען און שוין נישט געטראַכט פון די אַנדערע, וואָס זענען געלעגען אַרום אונז.

אַ געדיכטער נעבעל האָט אונז אַרומגעכאַפּט, דער פראָסט האָט געברענט, אויפ׳ן האַרצען איז געווען ביטער, דער מאָגען לעדיג, פון הינטען און פון די זייטען האָבען אונז געדריקט די קאָזאַקען און מרה־שחורה׳דיגע האָבען מיר זיך גערוקט פאָראויס, צו סמאָלענסק, וואו מיר האָבען געהאָפט זיך אויסצורוהען פון די אַלע שרעקען און אַנגסטען.

דעם 11-טען נאָוועמבער זענען מיר צוגעגאַנגען צו סמאָלענסק, און דער פראָסט איז עטוואָס געפאַלען. הגם פון ווערציאַן האָבען מיר פערלאָרען אַ סך טראַנספּאָרט־וועגענס, האַרמאַטען און נאָך אַנדערע וועגענס, דאָך האָט זיך הינטער אונז געצויגען איבער׳ן דניעפּר־טהאָל אַן אומגעהויער לאַנגער קאַראַוואַן.

פאַר אַ פרעמדען איז זעהר טשיקאַווע די פעסטונג פון סמאָלענסק.

געלעגען איז זי אינ׳ם דניעפּער־טהאָל, אַרומגערינגעלט מיט

בערג און איבער דער שטאָדט מיט איהרע בנינים האָט זי זיך געהויבען ווי אַ ברייטער רונג-וואַנד און האָט אַלץ פערשטעלט, אַזוי אַז פון דער זייט פון דאָראָגאָבוזש האָט מען גאָרנישט געקאָנט זעהן די שטאָדט. די ברייט פון דערדאָזיגער רונג-וואַנד מיט טורמס ביי אַלע צווייהונדערט טריט, איז אויך געווען אַזוי חדוש'ליך, ווי איהר הויך, ווייל צווישען די טורמס זענען געלעגען אַזוינע ברייטע פלעצער, אַז גאַנצע מיליטער-אָטראַדען האָבען געקאָנט דאָרט מאַכען די איבונגען.

אַריינצוגעהן אין דער שטאָדט און אין דער פעסטונג, האָבען מיר געמוזט אַרויף אויף אַ באַרג, מאַכען אַ האַלבען קרייז פונ'ם לינקען דניעפּער-ברעג און אַזוי אַרום קומען צו די איינציגע פעסטונג-טויערן. אַז איך בין אַריין אין שטאָדט, האָב איך געהאַט אַ געפיהל, ווי איך וואָלט מיך געפינען אין אַ פעסטונג, וואָס איז נאָר-וואָס בעלאַגערט און באָמבאַרדירט געוואָרען. קודם-כל האָב איך געזעהן פערברענטע הייזער; קלויסטערס, טיילווייז פערוויסט און טיילווייז פערוואַנדעלט אין לאַזאַרעטען; סאָלדאַטען אין אַרומגעברענטע און אַרומגעריסענע קליידער, אויסגעמאָגערטע פערד א. ד. גל. דאָך האָבען מיר דאָרט געטראָפען יודען—הענדלער און מאַרקיטאַנטען, וואָס זיי זענען שוין לאַנג געווען אונזער טרייסט און האָפנונג, און אין די זייטיגע געסלעך האָבען מיר געפונען אַ סך וואוינונגען, וואו מיר האָבען געקאָנט אויסרוהען און קומען עטוואָס צו די כוחות.

אין סמאָליענסק האָט זיך אויך געפונען אַ היבש ביסעל פּראָוויאַנט פאַר'ן מיליטער. די גוואַרדיע האָט בעקומען דעם גרעסטען חלק, און די, וואָס האָבען זיך מעהר בענויטיגט און וואָס האָבען זיך באמת בעטייליגט אין די שלאַכטען, האָבען בעקומען וועניג. אונזערע שעפען האָבען געקויפט מעהל, רייז, פלייש און שנאַפּס אין אַ גאַנץ היבשער צאָהל, און יעדער, וואָס איז געקומען, האָט געקראָגען גענוג. אָבער פיל האָבען נישט געוואוסט דערפון און סמאָלענסק האָט זיי דעריבער נישט געגעבען—נישט קיין שפּייז און נישט קיין אָברוה.

עס זענען געקומען הונגעריגע און אַרומגעריסענע סאָלדאַ-

טען און אָפּעריִרען. די נויט איז געלעגען אויף זיי, ווי אַ שווע־רע משא, און מאַנכע פון זיי האָבען אַרויסגערופען מיטלייד, און אַנדערע — עקעל. צווישען זיי האָב איך אויך געטראָפען דעם יונ־גען אָקיאַר מייער, מיט וועלכען איך בין צוזאַמען געווען אין׳ם לאַגער ביי טאָרוטינאָ. ער האָט אויסגעזעהן אַזוי געפאַלען און קראַנק, ווי אַ מענש, וואָס וועט שוין נישט קומען צו זיך. אין האַנד האָט ער געהאַט דעם שטענגעל פון אַ קעפּעל קרויט און, ווייזענדיג איהם, האָט ער זיך אָנגערופען: „אָט מיט וואָס איך האָב מיך גענעהרט פינף טעג צייט. איך האָב נישט קיין געלד און איך ווייס נישט, ווי אַזוי פערבעסערט מען זיך דאָס געזונד און מען קריכט אַרויס פון אַזאַ לאַגע״. איך האָב איהם געגעבען צוויי טאָלער און געראַטען, ער זאָל זיך האַלטען אָרום אונז. איך האָב איהם אויך געוויזען דאָס אָרט, וואו מען האָט פונאַנ־דערגעטיילט פּראָוויאַנט. אָבער פון דעם מאָמענט־אָן איז ער נעלם־געוואָרען.

די דריי טעג צייט, וואָס איך האָב פערבראַכט אין סמאָ־לענסק, האָב איך געלעבט גאָרנישט שלעכט. אויסערדעם, וואָס איך האָב געהאַט דאָס גליק צו בעקומען אַן אָרדען, וואָס דער קעניג האָט מיר אַרויסגעגעבען פאַר מיינע בירגערליכע פערדינ־סטען, האָב איך אויך געקראָגען דאָס אַלץ, אין וואָס איך האָב מיך אַזוי לאַנג גענויטיגט. מיין אויסגעהונגערטער מאָגען אָבער האָט נישט אַלץ געקאָנט פערטראָגען. קוים האָב איך מיר נאָר אונטערגעלעהנט אַ ביסעל דאָס האַרץ, האָב איך באַלד פון דאָס־ניי דערשפּירט עפּיס אַ הונגער, האָב איך אָבער געגעסען מעהר, האָב איך געפיהלט אין מאָגען אַ דרוק אָדער אַ שווערקייט אין בויך. אונזער לאַגע, וואָס איז דורכגעוועבט געווען מיט סכנות און אַנגסטען, האָט, נאַטירליך, געווירקט אויף אונזער שטימונג.

די חושים פון יושר, פריינדשאַפט און אָרדנונג זענען טעמפּ געוואָרען. פון אַלע אָפּיציִרען פון אונזער פּאָלק האָב איך, צום ביישפּיל, אַממעהרסטען ליבער געהאַט דעם ראָטמייסטער פאָן־ריינ־האַרדט. שוין פינף יאָהר ווי מיר האָבען געלעבט, ווי ברידער, נשמה אין נשמה, סיי אין לייד און סיי אין פרייד, און אין

דערדאָזיגער מלחמה האָבען מיר זיך געטיילט מיט אַלץ, וואָס מיר האָבען נאָר געהאַט. דאָ, אין סמאָלענסק, האָט מיך גראַף פאָן-שעלער, ווי אַלעמאָל, מכבד-געווען מיט ווייסען ברויט און פוטער און מיט אַ גלאָז רויטוויין. ריינהאַרדט האָט פון ווייטען בעמערקט דעמדאָזיגען כּבוד, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט: „נו, היינט וועט איהר זיך אויך טיילען מיט מיר?" „ניין",—האָב איך געענטפערט. „זעהר פיין,—האָט ער מיר רוהיג בעמערקט,—דאָס וועט אייך דערמאָהנט ווערען". ער איז אַוועק און איך האָב מיר אַליין געמאַכט אַ תּכלית פונ'ם ברויט און וויין.

אַ לענגערע צייט האָב איך מיך נישט געקאָנט בערוהיגען פון דערדאָזיגער גראָבקייט, ביז ריינהאַרדט האָט מיר איינמאָל, אין פינף יאָהר אַרום, אָנגעשריבען אַ בריף פון עלזאַס. דאָרט האָב איך געפונען דידאָזיגע ווערטער: „עס טהוט מיר זעהר באַנג, וואָס איהר מאַכט זיך נאָך אַלץ פאָרוואורף פאַר דאָס איינע וואָרט „ניין", וואָס די סבּה דערצו איז געווען אַ שטיקעל ברויט מיט פוטער. איהר בעדאַרפט מיך בעסער קאָנען און בעדאַרפט ויסען, אַז איך בין נישט פעהיג צו געדענקען אַזוינע זאַכען. די דעמאָלטיגע שווערע און טרויעריגע לאַגע האָט אַ סך מענשען געצוואונגען צו אַזוינע מעשים, וואָס האָבען זיך גאָרנישט גע-פּאַסט צו זייער כאַראַקטער."

דערדאָזיגער שטאַבּראָטמיסטער ריינהאַרדט, וואָס האָט זיך פאַר דער צייט פון בונד צווישען די דייטשען און פראַנצויזען—בעטייליגט מיט זיין פאָלק אין אַלע שלאַכטען און צוזאַמענשטוי-סען און איז קיין איין מאָל נישט פערוואונדעט געוואָרען, איז געשטאָרבען פון אַ טראַגישען צופאַל: ער איז אַראָבגעפאַלען פון פערד, בשעת ער האָט רוהיג געריטען נעבען זיין פאָלק-לאַגער אין לודוויגסבורג.

איך בין איצט געווען הויפּטכירורג, און אין סמאָלענסק האָב איך געהאַט צו טהאָן פערשידענע זאַכען. איך האָב בעזוכט די קראַנקע און פערוואונדעטע אָפיצירען און סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך דאָ געפונען נאָך פון אויגוסט-אָן; איך האָב אויפגע-נומען שריפטליכע און מינדליכע מעלדונגען, וואָס דאָס ביסעל

קאָרפּוס-קאָמאַנדירס האָט מיר געבעטן און איך האָב מיך אויך באַשעפטיקט מיט די קראַנקע און פאַרוואונדעטע, וואָס זענען פאַרבליבן אין דער סמאָלענסקער פעסטונג.

מען האָט זיי איבערגעטראָגן אין׳ם קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג; דאָרט זענען זיי געלעגן אין בעטלעך, וואו זיי איז געווען ריין און רוהיג, וואָס פאַר דער צייט פון דער מלחמה האָב איך נאָך אַזוינס נישט געזעהן. מיר האָבען דאָ געמוזט איבערלאָזען 50 חולאים מיט אַ יונגען דאָקטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ בריף פון דער הויפּטקוואַרטיר צו דער רוסישער מילי-טערישער מאַכט. דער דאָקטאָר האָט פרייוויליג און גרויסמוטיג אי-בערגענומען זיין אמט. מען האָט איהם אויך איבערגעלאָזט אַ היבש ביסעל דוקאַטען, ער זאָל קענען בעהילפיג זיין זיינע חולאים אין אַ צייט פון אַ נויט. אָבער אַז מיר האָבען פערלאָזט סמאָלענסק, האָט ער פלוצלונג פערלאָרען דעם מוט. דעמאָלט האָט ער אי-בערגעלאָזט אויף הפקר דעם שפּיטאָל און איז אַנטרונען גע-וואָרען*).

אין סמאָלענסק האָב איך פערבראַכט דריי נעכט: די ער-שטע נאַכט האָב איך פערבראַכט אין אַ צושטערטען הויז, די צווייטע נאַכט אונטער׳ן בלויען הימעל און די דריטע — ביי איי-נעם אַ גאַליציאַק.

דער יונגער מאַיאָר איז געשטאַנען אינגאַנצען אויף אונ-זער זייט. ער האָט גערעדט גוט דייטש, און אין אַ משך פון צוויי טעג האָט ער געקוקט און דערוואַרימט אַ סך ווירטעמ-בערגער אָפיצירן. איצט, אַז זיי זענען אַוועק, האָב איך דער-וואַרימט די נשמה ביי איהם. ער האָט מיך זעהר גאַסטפריינדליך

*) די האַנדלונג פון׳ם דאָקטאָר ווערט אונז ווערען פערשטענדליך, ווען מיר וועלען דערציילען די אַכזריות און רשעות פון די רוסען. מען שמועסט, אַז די 3000 פערוואונדעטע, וואָס זענען פערבליבן אין סמאָלענסק, זענען אויפ׳ן סאַמע גרויזאַמסטען און ווילדסטען אופן געטויט געוואָרען דורך די קאָזאַקען און די שטאָ-טישע איינוואוינער.

 באַמערקונג פון דעם יידישן איבערזעצער.

מכּבד-געווען מיט לעבערלעך, קאַרטאָפעל און שנאַפּס. ער האָט
מיר אויך געגעבען אַ בעט (די ערשטע פאַר דער צייט פון דער
מלחמה!) און האָט אַלץ גע׳טענה׳ט, אַז מיר וועלען נאָך קומען
מיט נצחון צוריק. אין דידאָזיגע ווערטער האָט ער אַליין שטאַרק
געגלויבט. ביינאַכט האָט ער געגעבען צו עסען מיין פערד, אינ-
דערפריה האָט ער עס אָנגעזאָטעלט און נאָך צוגעהאָלפען מיר ביים
אַרויפזעצען זיך אויפ׳ן זאָטעל. פאַר׳ן עסען און נאַכטלאַגער האָט
ער אינגאַנצען גענומען אַ טאָלער. ער האָט זיך זעהר הייס צו-
זעגענט מיט מיר און דערביי צוגעוואונשען, מיר זאָלען זיך אינ-
גיכען זעהן צוריק. אַזאַ בעציהונג, וואָס איז אַזוי נאַטירליך ביי
אונז אין דייטשלאַנד, האָט אָבער שטאַרק געווירקט אויף מיר אין
סמאָלענסק און מיט דאַנקבאַרקייט האָב איך מיך צוזעגענט מיט
דעמדאָזיגען פאָליאַק און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

עלפטעס קאַפּיטעל.

אַנ'אַפּיציר מיט אַ וואָגען טיי.—אונטער דער קאַמאַנדע פון די גענעראַלען פּאַן-קערנער און שטאַקמייער.—אין קראַס'ן.—פאַרוואונדעטע חולאים.—אַ נאַרש אונטער אַ האַגעל קוילען.—ביינ-דע סאָלדאַטען.—מיין לעצט פערד.—אַ ן אָרשע.—אַ גוצל ער מענש.

אין דער נאַכט פונ'ם 13-טען אויפ'ן 14-טען נאָוועמבער האָט נאַפּאָלעאָן צוזאַמען מיט אַ גרויסע צאָהל אָפּיצירען פערלאָזט סמאָלענסק. נאָך פאַר האַלבען טאָג בין איך אַרויסגעפאָהרען מיט מיין גענעראַליטעט. אין די לעצטע צווי טעג האָט זיך געשטאַרקט דער פראָסט, און באַלד, ווי מיר האָבען פערלאָזט די טויערן פון דער שטאָדט, האָבען מיר פון דאָסניי דערזעהן די שרעקליכע סצענעס פון נויט און אַנגסט. זענען מיר נאָר אָבגעגאַנגען אַ ווערסט צוויי, האָבען זיך ווידעראַמאָל גענומען דרע-העןאַרום אונז די קאָזאַקען און מען האָט אונז נאָכאַנאַנד גע-

גראָזיפט דאָ פון די זייטען, דאָ פון הינטען, דאָ פון פאָרענט. די לויפענדיגע מאַסען האָבען זיך בעוועגט אַמאָל פאָראויס און אַמאָל צוריק, אָבער אָבשלאָגען דעם קאָזאַקען-אָנפאַל האָבען נאָר געקאָנט די גרעסערע מאַסען. אַזויאַרום האָבען מיר געמוזט געהן פאָראויס זעהר לאַנגזאַם און מיט געוויסע פערלוסטען. אין אָוועגד איז רוהיגער געוואָרען. געלאַגערט האָבען מיר דאָסמאָל הינטער אַ וואַלד, נעבען עטליכע הייזלעך, אין דער לינקער זייט פון טראַקט, וואָס האָט זיך געצויגען קיין קראַסני.

נאָך פון מאָזשאַיסק-אָן פלעג איך עפטער בעמערקען אַנ׳-אָפיציר, אַ געהיסען פאָן-טרעלטש, וואָס איז געפאָהרען פון מאָסקווע און האָט די גאַנצע צייט געפיהרט אַ וואָגען טיי, פערפאַקט אין זעקלעך, פונקט ווי מען פיהרט אין דייטשלאַנד האָבער.

דאָסמאָל האָט זיך דערדאָזיגער אָפיציר געוואַרימט אַרום אונזער פעלדפייער. ער האָט זיך זעהר געמיטליך פערבריהט טיי, אַליין איהם אויסגעטרונקען און נאָכדעם דערלויבט דעם דינער, ער זאָל טועם-זיין פון די טיי-שיריים. דידאָזיגע ווילדע קאַרגשאַפט ביי אַ וואָגען טיי האָט מיך שרעקליך אויפגערעגט און איך האָב איהם אָנגעווידעלט. האָט ער זיך אָנגערופען: „נו, גע-ריס, אויב איך וועל בשלום דערפיהרען דעמדאָזיגען וואָגען טיי קיין דייטשלאַנד, וועל איך דאָך ווערען אַנ׳עושר!“

מיר האָבען זיך פריה געלאָזט אין וועג אַריין, אָבער דער טיי-אָפיציר האָט זיך לאַנג געטענטעלט אַרום וואָגען און האָט פערשפעטיגט. קאָזאַקען זענען באַלד בעפאַלען אונזער לאַגער און מען האָט, ווי מיר שיינט, גענומען אין געפאַנגענשאַפט דעם אָפיציר צוזאַמען מיט זיין טיי, וואָרום מעהר האָב איך איהם שוין נישט געזעהן.

דער היינטיגער (דער 5-טער נאָוועמבער) מאַרש איז זעהר בעשווערט געווען דורך די אָפטע אָנפאַלען פון די קאָזאַקען און דורך די שטאַרקע פרעסט.

נאַפּאָלעאָן איז שוין לאַנג אַוועק פאָראויס מיט זיין גוואַרדיע. מיר האָבען זיך געשלעפט נאָך איהם, ווי איבערגעלאָזטע,

און די קאָזאַקען האָבען אונז געשטערטען דאָ פון הינטען, דאָ פון די זייטען. עפטער פלעגען מיר זיך צונויפדריקען, ווי אַ סטאַדע שעפסען אין אַ געוויטער.

ביי אַ שעה צייט פון קראַסני האָבען מיר דערזעהן רוסישע רייטער מיט זייער אַרטילעריע, וואָס איז, לינקס פון וועג פונאַנדערגעשטעלט געוואָרען אויף די בערג, אָבער אַזוי נאָהנט, אַז מיר האָבען אַ ליאַדע מינוט געקאָנט אַריינפאַלען אין געפאַנגענשאַפט.

מיר האָבען נישט געקאָנט געהן—נישט פאָראויס, נישט צוריק, ווייל פאָראויס איז געלעגען אַ טיפער טהאָל מיט אַ טייכעל און אַ בריקעל און פון הינטען זענען געשטאַנען קאָזאַקען. די רוסען האָבען געלעגט בעזונדערע מיה אויף דעמדאָזיגען פונקט און אַהער געצילט מיט זייער אַרטילעריע.

אונזער מחנה איז איינגאַנצען בעשטאַנען פון אַ דרייהונדערט מענשען—אָפיצירען און סאָלדאַטען, וואָס האָבען געהערט צו פערשידענע פעלקער און זענען געווען אַרומגעריסען און אַרומגעפליקט, ווי בעטלער. די גענעראַלען שטאָקמייער און פאָן-קערנער האָבען אויסגעשטעלט אין רייהען אונזער מחנה מענשען. דער גרעסטער טייל האָט געהאַט אין די הענד פשוט'ע שטעקענס, וואָס זיי האָבען געהאַלטען איבער'ן אַקסעל, ווי ביקסען. איך האָב מיך אויך אַריינגעשטעלט אין רייה, ביים רעכטען פלאַנג, צו פערגרעסערן עטוואָס די ליניע. גלייכצייטיג האָט מען צוגעפיהרט איינעם פון אונזערע האַרמאַטען. אָבער דערדאָזיגער האַרמאַט איז אַזוי פערלעגט געווען מיט ראַנצעס און אַנדערע זאַכען, אַז אַ סך צייט איז אַוועק, ביז מען האָט איהם אָבגערייניגט און געמאַכט פעהיג צום שיסען. אָבער אַז ער האָט, צולעצט, אויסגעשאָסען, איז דער קלאַפ געווען אַזאַ שוואַכער, אַזאַ שלעפעריגער, אַז עמיץ פון אונז האָט בעמערקט: „אָ, מיר האַלטען שלעכט. נישט בלויז די מענשען און פערד, נאָר אפילו דער פולווער איז אויך אָבגעשוואַכט געוואָרען".

בשעת די רוסען האָבען פון זייער זייט אַריינגעהאַקט אין אונזערע עטליכע גראַנאַטען, האָט דער מוטיגער גענעראַל פאָן-שטאָק-

פייער אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן: „רעכטס! פאָראויס! מאַרש!“ דעמאָלט האָבען מיר זיך אַ וואָרף געטהאָן צום טהאָל. מאַנכע זענען געגאַנגגען מיט'ן בריקעל, מאַנכע איבער'ן טייכעל, וואָס איז איינגעפראָהרען געוואָרען.

דאָ האָבען אונז די רוסען בעגאָסען מיט'ן פייער פון זייער אַרטילעריע, דאָך אָבער האָט זיך דער גרעסטער טייל פון אונז אַדורכגעשמוגעלט בשלום אויף דער צווייטער זייט.

אַריבער דעם טהאָל מיט'ן טייכעל, האָבען מיר זיך פערנומען רעכטס פון וועג, ערשטענס, דערפאַר, ווייל ער איז געווען פערלעגט מיט טראַנספּאָרטען און, צווייטענס, דערפאַר, ווייל מיר האָבען זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון דעם רוסישען פייער*). דידאָזיגע העלדישע אונטערנעהמונג האָט אַזוי אויפגעהויבען אונזער מוט, אַז מיר, נישט-בעוואָפענטע, האָבען זיך אין דעמדאָזיגען אָווענד בעהנסער צוגעטוליעט צו אונזערע גענעראַלען, ווי אַ סטאַדע צו איהר פאַסטוך**). ביינאַכט זענען מיר בשלום געקומען קיין קראַסני.

---

*) די שלאַכטען (פון דעם 15-טען ביז דעם 19-טען נאָוועמבער) וועלען געוועהנליך בעצייכענט אין דער געשיכטע מיט דעם נאָמען די שלאַכט ביי קראַסני. נאַפּאָלעאָנס מוט און קוטוזאָווס שרעק האָבען צוזאַמען געווירקט דערצו, אַז די שיריים פון דער גרויסער אַרמעע זאָלען זיך בשלום אַדורכרייסען, אויסער דעם אַריערגאַרד, וואָס האָט זיך געפּועלט אונטער דעם מאַרשאַל ביי'ס קאָמאַנדע. אָבער ביי האָט דורכגעמאַכט זיין אונגעוועהנליך-דרייסטען מאַרש איבער דעם האַלב פערפראָהרענעם דניעפּער און ערשט אין אָרשע האָט ער זיך פעראייניגט מיט די שיריים פון דער גרויסער אַרמעע.

**) גראַף סיגאָר, וואָס אין זיין געשיכטע פון דעמדאָזיגען קריג שילדערט די דידאָזיגע געשעהענישען אין אַזאַ טאָן, ווי עס פּאַסט פאַר זיין פעלדהער, שרייבט-צו די גאַנצע העלדישקייט, אינ'ם טהאָל ביי קראַסני, דעם פראַנצויזישען גענעראַל ד'עקסעלמאַנס. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז גענעראַל ד'עקסעלמאַנס האָט זיך אויך געפונען אין אונזער הייפעלע מענשען און האָט אפשר אויך מיטגעהאָלפען אַרויסצואַרבייטען דעם פּלאַן, אָבער אין דעמדאָזיגען געפעכט האָט געקאָמאַנדירט וועט בלויז דער גענעראַל פאָן-שטאָקמייער.

אין דעם טאָג האָבען מיר פערלאָרען די לעצטע ווירטעמבערגער האַרמאַטען צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע.

אַרויף אויפ'ן קראַסנער מאַרק, האָבען מיר אין אַ ראַג-הייזעל געפונען אַלע אונזערע קאָרפּוס-אָפיצירען, וואָס האָבען פערלאָזט סמאָלענסק פריהער פון אונז. אין דעמדאָזיגען איינגען הייזעל האָבען אַלע געוואוינט צוזאַמען, פון דעם עלטסטען ראַנג ביז דעם קלענסטען, ווי מען זאָגט, אין איין קופּע. עפּטער פלעגט זיך מאַכען אַזוי, אָבער די גענעראַלען האָבען אין אַזאַ פאַל שטענדיג וועניגער געפּאָדערט, ווי די קליינע אָפיצירלעך. דער איבעריגער טייל פון אונזער מיליטער, וואָס האָט נאָך געטראָגען געוועהר, האָט פערנומען דעם טויער.

דאָס קליינע שטעדטעל איז געוועזען פול געפּאַקט מיט מענשען, פערד און וועגענס. אומעטום האָט מען געזעהן פונאַנדערגעלעגטע פייערן, און היגטער די ווענד האָט אַ גאַנצען טאָג געקראַכט פון האַרמאַטען און ביקסען.

פון אַלע זייטען האָבען זיך געשאָטען מעלדונגען צום גראַף פאָן-שעלער וועגען קראַנקע און פערוואונדעטע, און איך, אַלס הויפּטכירורג, האָב געהאַט אַרבייט איבער'ן האַלז. פון אַלע מיינע וויזיטען, וואָס איך האָב דעמאָלט געמאַכט, געדענק איך בעזונדערס די פאָלגענדיגע. אַ גראַנאַט האָט אין טהאָל, ביי קראַסני, צושעדיגט דעם פוס ביי אַן'אַלטען אַרטילערישען סאָלדאַט. איך האָב איהם בעזוכט: ער האָט זיך איינגעאָרדענט צוזאַמען מיט זיין ווייב אין אַ גאַנץ אָנשטענדיגער וואוינונג. אויף זיין וואונד איז געלעגען אַ בינט און מען האָט איהם גוט אויפגעפּאַסט. ער האָט אָבער געהאַט היץ און גרויסע יסורים און פון דער וואונד איז געגאַנגען בלוט.

די ביינער זענען געווען צושמעטערט, די הויט, געפּעסען און מוסקולען צוריסען. ביי אַזאַ לאַגע איז דאָס איינציגע מיטעל — אַראָבנעהמען דעם פוס העכער פון די קניה. אמת, איך האָב פערלאָרען מיינע כירורגישע אינסטרומענטען, אָבער די אָפּעראַציע וואָלט מען דאָך געקאָנט מאַכען. נאָך אַז איך האָב געמאַכט אַ שמועס וועגען דעם, האָט זיך באַלד אַריינגעמישט דאָס ווייב:

„ווי קאָנט איהר זיין אַזאַ אכזר,—האָט זי זיך אָנגערופען,—און פערגרעסערן נאָך אונזער גרויס אומגליק!" און נאָכדעם צוגע־געבען מיט טרעהרען אויף די אויגען: „באַלד ווי מיר זענען צוריק אויף דערדאָזיגער ערד, האָבען מיר שוין גענומען לידען הונגער און קעלט און כל'ערליי צרות, וואָס אַ מענש קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. אָבער מען האָט דאָך געלעבט און געדאַנקט גאָט פאַר'ן לעבען, און ער האָט אונז טאַקי בעשיצט און בע־שירמט ביז דעמדאָזיגען אָרט. איך וועל אָבער נישט אויפהערן בעטען צו גאָט, ער זאָל זיך נוקם־זיין אין יענעם אכזר (גאַפּאָ־לעאָנע'ן), וואָס האָט אונז אַריינגעטריבען אין אַזאַ אומגליק און וואָס האָט קיין שום רחמנות נישט אויף אַ מענשען".

דאָ איז זי אַנידערגעפאַלען אין חלשות. איך האָב זי, נאַ־מירליך, אָבנעמינטערט. נאָכדעם האָב איך פערהאַלטען דעם בלוט־שטורץ פון דער וואונד און פערבינטעוועט דעם פוס. דער בראַ־ווער סאָלדאַט האָט זיך אָנגערופען: „לאָזט מיר איבער מיין פוס, אַזוי ווי ער איז, איך וועל מיך אונטערגעבען מיין גורל אַזוי רוהיג, ווי רוהיג איך פלעג טיילמאָל אָבוואַרטען דעם טויט ביי מיין האַרמאַט. אָבער דאָס ווייב דאָ און די קינדער איגדערהיים פערביטערן מיר די לעצטע מינוטען: דער מוח הערט נישט אויף צו זאָרגען וועגען זיי".

אויך אַזאַ ריהרענדיגע סצענע האָב איך געטראָפען אין שפיטאָל, וואוהין איך בין געקומען לויט'ן בעפעהל פון נאַטשאַל־סטווא און לויט מיין בערוף. אויף דער ערד, אויף אַ דין ביסע־לע שטרוי, וואָס האָט זיך שוין פערוואַנדעלט אין מיסט, זענען געלעגען אין די זאַכען אַ סך פערוואונדעטע אין האָבען שטאַרק געפיבערט. צווישען דערדאָזיגער מאַסע האָב איך געפונען אַ קליי־נע צאָהל, וואָס האָט געהערט צו אונזער קאָרפוס. געווען צווי־שען זיי איינער אַ יונגער סאָלדאַט פון די אַרטילערישע טראַנס־פאָרטען און איך האָב עפּיס מיטלייד געהאַט מיט איהם. „אַך, ווי גוט, וואָס איהר זענט געקומען,—האָט ער זיך אָנגערופען צו מיר און גענומען דערצעהלען:—נעכטען, דאָרט, אויף דער בריק, בין איך מיר רוהיג געזעסען אויף מיין שקאַפע, האָט מיך אַ גראַ־

נאָט אַ כאַפּ געטהאָן פאַר׳ן פוס. ביינאַכט האָט מען מיך געבראַכט אַהער, אָבער קיינער האָט אונז דאָ נישט בעזוכט. מיין פאָטער יאָהאַן איז אַ ציגעלמאַכער פון אָבערלעניגען, נעבען אָווען. אויב איהר וועט איהם זעהן, טאָ גריסט איהם פון מיינטוועגען. איך וועל דאָ שטאַרבען, אָבער פריהער וועל איך בעטען גאָט פאַר מיין פאָטער".

אויפ׳ן וועג, אין אַ וואָגען, האָב איך געזעהן דעם קאַפּיטאַן שמידט. ער איז קראַנק געוואָרען אויף מלחמה-טיפוס (מלחמה-פעסט) און איז איצט געלעגען מיט אַ שוואַכען בעוואוסטזיין. אינ׳ם וואָגען, וואָס איז פון אַלע זייטען פערדעקט וועגען, האָט דער חולה שטאַרק געשוויצט. ער האָט געהאַט אַ טרוקענע טונקעל-בראָנזפאַרביגע צונג און דער פולס האָט אונגעוועהנליך שטאַרק און עפטער געשלאָגען. אָנשטאָט צו בעגריסען איהם — מיר האָבען זיך נישט געזעהן פון יאָהר 1805 — האָב איך איהם בעזאָגט אַ טרייסטוואָרט: אויב אייער שוויצען איצט איז אַ קריזיס-שוויצען, וועט איהר איינגיכען געזונד ווערען". און ער האָט געזאָגט: „איך גלויב נישט, איך זאָל געזונד ווערען. איך פערלאַנג אָבער פון אייך אַ קליינע טובה: ברענגט מיר אַ ביסעל וואַסער מיט ווייך, איך זאָל איינשטילען מיין דורשט". שמועסען לאַנג האָט מען נישט געקאָנט, אגב האָבען מיר פון מינוט צו מינוט געוואַרט אויף אָנפאַל פון די רוסען און אויף אַ בעפעהל אַרויסצוטרעטען. אַז איך האָב פונאַנדערגעעפענט דעם וואָגען, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ גיפטיגע לופט. דאָך האָט מיך גישט געשטערט אויסצופיהרען זיין לעצטען רצון — נישט זיין קראַנקהייט, וואָס איז געווען אָנשטעקענדיג און נישט די געפאַנגענשאַפט און טויט מצד די רוסען.

אַז איך האָב דערצעהלט דעם גראַף פון אַלץ, וואָס איך האָב געזעהן און געהערט, האָט ער מיר געגעבען אַ פלאַש ווײַן פאַר׳ן קאַפּיטאַן, אַ הויפען זילבערגעלד, צו פערטיילען די נויטבעדערפטיגע סאָלדאַטען און צוקער און קאַווע פאַר דעם יונגען אַרטילערישען סאָלדאַט.

אויסגעפיהרט מיין שליחות, האָב איך אונטען, אינ׳ם מילי-

טערישען שפיטאל, געטראפען די פראנצויזישע דאקטוירים ביי דער ארבייט: זיי האבען אראבגענומען הענד און פיס די נעכטען און היינט פערוואונדעטע סאלדאטען. דא זענען געווען פינף דאקטוירים, און איינער אנ'אלטער דאקטאר, וואס האט רוהיג און שטאלץ אנגעפיהרט מיט זיי. די דאקטוירים האבען זעהר געשיקט געמאכט די אפעראציעס, און די סאלדאטען, על-פי-רוב פון דער יונגער גווארדיע, האבען זעהר דרייסט איבערגעטראגען זייערע גרויסע יסורים. איך האב מיך אין כלל געוואונדערט דערויף, וואס די דאקטוירים זענען נאך געגאנגען אנשטענדיג אנגעטהאן און האבען זעהר גוט אויסגעזעהן און זייערע פאציענטען זענען געווען געזונדטע, אבגעגעסענע און שטארקע יונגען. אבער די אלע, וואס האבען נישט געהערט צו דער גווארדיע, האבען שוין לאנג פערלארען זייער מענשליך אויסזעהן. בעזונדערס האבען מיר אזוי אויסגעזעהן, קומענדיג פון טארוטינא.

דרויסען איז צוגעפאלען דער אווענד, און איך האב מיך געשפירט שטארק הונגעריג. ביי א פייער, אויפ'ן וועג, האב איך געפונען מיין פריינד שערער, וואס איז נישט לאנג געקומען פון דער דווינע און האט געבראכט א סך זאכען—גרויסארטיגע פערד, עקיפאזשען, קאלדרעס, עסענווארג, פונקט ווי ער וואלט אויך געווען אין מאסקווע. האט ער מיר געגעבען א טייל פון זיין עסענווארג, איבערהויפט אבער טיי און קאווע.

ביינאכט, ווידער, האב איך אבגעזוכט א צווייטען פריינד דעם אודיטאר פוילהאבער, וואס האט זיך געפונען אין א שווערען צושטאנד. שוואך און אויסגעצעהרט, איז ער איצט געווען עהנליך צו א זקן. „זיי אזוי גוט, מיין פריינד, און קריג מיר א ביסעלע זופ“,—מיט דידאזיגע ווערטער האט ער מיך בעגעגענט. קיין זופ איז אבער נישט געווען, און איך האב איהם געקאנט ברענגען דאס, וואס די ארמעע האט דעמאלט געגעסען—שווארצע מעהלקאשע. „טא גיב מיר אויך א לעפעל“,—האט ער געמיאמלעט. איך האב ארויסגענומען פון קעשענע מיין געפונענעם לעפעל און איהם געגעבען, אבער איך בין נישט אבגעטראטען, ביז ער האט מיר נישט אומגעקעהרט צוריק דעם לעפעל. געגע-

סען האָט ער מיט אַ קאַלטער, ציטעריגער האַנד און האָט מיך בעדאַנקט. ער איז געווען אַזוי שוואַך און קראַנק, אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט געהן צופוס, און איך גלויב, אַז ער איז געשטאָרבען אין קראַסני.

אין שטאָדט האָט געקאַכט און געטומעלט, די בהלה איז געווען גרויס, אַרום און אַרום האָט מען געקנאַקט פון ביקסען און האַרמאַטען און עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. איך בין פערבליבען ביי שערער׳ן. דרויסען איז געווען אַ פראָסט, אָבער איך האָב געשלאָפען אונטער׳ן בלויזען הימעל, בייב פייער.

דעם 17-טען נאָוועמבער האָט זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבען די אַרבייט פון פּולווער, בליי און אייזען. באַלד זענען בעמערקט געוואָרען די ערשטע סימנים, אַז מען לאָזט זיך ווידער אין וועג אַריין, און נאָך פאַר מיטאָג האָבען מיר שוין גענומען מאַרשירען אַהין, אין יענער ריכטונג, וואו עס האָט אונז אָבגעוואָרט דער שונא, פערנעהמענדיג אַלע בערג אַרום די וועגען, וואָס האָבען געפיהרט קיין ליאַדי.

פון די בערג, אויף דער רעכטער זייט פון טראַקט, איבער וועלכען עס איז אַרויסגעטראָטען נאַפּאָלעאָן מיט זיין גוואַרדיע, האָט אונז די רוסישע אַרמעע בעגעגנט מיט גרויסע און קליינע פייערשפּייענדיגע מיילער, און, ווי איינגערעכטען איז אונז אויך היינט אויסגעקומען צו געהן אונטער אַ האָגעל קוילען. אַ שטאַרקען דרוק און אַ פעריעקשב׳טען ווידערשטאַנד איז אָבער נישט געווען צו מערקען. בשעת עס זענען פאָרגעקומען די פערשטאַרקטע מאַ-נעווירונגען, האָבען מיר זיך אַלץ גערוקט פאָראויס, אָבער אַז מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם רוסישען פראָנט, איז די קאַנאָנאַדע שטאַרקער געוואָרען, ווי פאַר די לעצטע עטליכע טעג. מיר זענען אָבער פאָרט בשלום אַריבערגעשפּרונגען די סכנה, אַוועק ווייט פאָראויס און זיך בעהעפט מיט דער גוואַרדיע, וואו נאַפּאָלעאָן אַליין איז געגאַנגען צופוס. שפּעט ביינאַכט זענען מיר געקומען קיין ליאַדי.

אין דעמזאָלביגען טאָג, ווען אַלץ איז ממש געלאָפען מיט די לעצטע כוחות, האָב איך בעמערקט אונטער קראַסני, אַז אויך

דאָ האָט די מלחמה איבערגעלאָזט איהרע שרעקליכע שפורען. אמת, דער שנייַ האָט שוין בעדעקט אַ סך מלחמה-סימנים, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אינגאַנצען בעדעקען די דער׳הרג׳עטע מאַסען קיה, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט הינטער דער שטאָדט. דערפון לאָזט זיך דרינגען, אַז פאַר דער אַרמעע איז ערנסט גע-זאָרגט געוואָרען, אָבער די רעזולטאַטען זענען געווען שלעכטע, ווייל מיר האָבען זיך געפונען אין שווערע אומשטענדען.

פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער ריקצוג האָב איך מיך אַלץ געסטאַרעט צו האַלטען זיך נאָהנט פון אונזער גענעראַליטעט אָדער פון אַנ׳אַנדער בעוואָפענטען טייל פון אונזער אַרמעע. דער 18-טער נאָוועמבער איז אין דעמדאָזיגען זין געווען אַנ׳אויס-נאַהם-טאָג. דאָס אַרויסטרעטען פון ליאַדי האָט זיך נאָך אָנגעהוי-בען כמעט פאַר בעגינען, אָבער די אַרמעע האָט זיך גראָד פער-האַלטען. די סיבה דערפון איז מיר עד-היום געבליבען אונבע-קאַנט.

בעת מעשה האָב איך מיר געפונען מיט אַ קליינער קאָמ-פאַניע אין עק שטאָדט. מיר האָבען נישט געוואָלט לאַנג וואַר-טען און האָבען זיך געלאָזט אין וועג אריין. אין אָוועגד זענען מיר געקומען קיין דובראָוונע. מיר זענען נישט געווען מיד, און די קאָזאַקען האָבען אונז געלאָזט צורוה. אין דובראָוונע זענען געוועזן וועניג מיליטערלייט, דערפאַר זענען אַלע הייזער געווען בעוואוינט מיט יודען און קריסטען. מיר האָבען באַלד געפונען אַ וואוינונג און לייטענאַנט וויס האָט אָבגעזוכט די נויטיגע מכשירים צו מאַכען עסען. אינגיכען איז געקומען נאַפּאָלעאָן מיט זיין גוואַרדיע, זיינע גענעראַלען, די שיריים פון דער אַרמעע און אויך די אַלע, וואָס זענען נעכטען געלאָפען מיט אונז פון ליאַדי. איך האָב די גענעראַלען רעקאָמענדירט זעהר אַ גוטע וואוינונג און דער קייזער האָט זיך אָבגעשטעלט נישט וויט פון אונז. די גוואַרדיע האָט זיך טיילווייז בעזעצט הינטער דער שטאָדט. אין שטאָדט גופא איז באַלד געוואָרען אַ גרויסע בהלה, ווי עס געשיהט שטענדיג, ווען דאָס מיליטער האַלט אין איין אָבטרעטען.

דאָס וועטער איז געוואָרען לינדער, דער שניי איז צוגאַנ־גען און ביינאַכט איז אַרויסגעפאַלען אַ רעגען. מיר האָבען גרויס־אַרטיג געשלאָפען אין וואַרימע צימערן. דעם 19־טען נאָוועמ־בער אינדערפריה האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין. עס האָט געכאַפּט אַ פראָסטעל, דער וועג איז געוואָרען גליטשיג, און דאָס האָט, ווי אַלעמאָל, אַרויסגערופען אַ סך אונגליקספאַלען. געהט עמיץ גוט און וואַרים אָנגעטהאָן און גיט אין מיטען־דערינען אַ פאַל אויף דער ערד, אָבער אויפשטעלען קאָן ער זיך שוין נישט. דעמאָלט בעפאַלען איהם זיינע סאַמע נאָהנטסטע חברים, רייסען איהם העמדום־פעמדום אַראָב זיינע וואַרימע קליידער און לאָזען איהם איבער אַ נאַקעטען אין מיטען וועג. דערביי שלאָגט מען זיך צווישען איינאַנדער פאַר אַנ׳ארבעל אָדער פאַר אַ קנעפּעל.

היינט האָט נאַפּאָלעאָן בעפוילען, מען זאָל זיך אָבשטעלען און דאָס האָט אָפּגעהאַלטען דעם גאַנצען ריקצוג קיין אָרשע.

אָנהויבענדיג פון וויאַזמע, האָט זיך נאַפּאָלעאָן די גאַנצע צייט געפונען אין די רייהען פון זיין גוואַרדיע, אָבער פון צייט־צו־צייט פלעגט ער כאַפּען אַ שמועס מיט די אָפיצירען פון די פערבינדעטע אַרמעען. ביי איינעם האָט ער געלויבט דעם הונד. מיט אַ קאַפּיטאַן פון אונזער לייכטער פעכאָטע האָט ער פערפיהרט אַ לענגערן שמועס. צווישען אַנדערע זאַכען האָט ער איהם אויך געפרעגט, ווי אַזוי פיהרט ער אַ בהמה מיט זיך, בשעת די אומ־שטענדען זענען אַזוינע שווערע? (זיין דענשטשיק האָט זי גע־פיהרט אויף אַ שטריקעל און דאָס ווייב האָט פון הינטען צוגע־טריבען). דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט: „איך בין אַ מענש אַ קראַנ־קער, איך האָב אַ שלעכטען מאָגען, וואָס קאָן פערדייהען בלויז איבערגעזאָדען מילך. מיט דער מינוט, וואָס איך פערליר דאָס מילך, פערמאַן די אויגען אויף אייביג.” דערדאָזיגער אָפיציר איז דערנאָך געפאַלען אַ קרבן פונ׳ם ריקצוג.

עס איז שוין לאַנג בעמערקט געוואָרען, אַז ביי די סאָל־דאַטען איז קאַליע געוואָרען די ראיה; מאַנכע זענען אפילו אינגאַנצען בלינד געוואָרען. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס זע־

נען געפיהרט געוואָרען דורך זייערע חברים פאַר אַ שטעקען, ווי בעטלער. שניי-איינרייבונגען האָבען טיילמאָל פערלייכטערט דאָס אומגליק, אָבער נישט אַלעמען. מאַנכע זענען פערבליבען בלינ-דע, וואָס פלעגען סוף-כל-סוף אַוועקגעוואָרפען ווערען פון זייערע חברים-פיהרער.

די סבה פון דערדאָזיגער אויגענקראַנקהייט איז על-פי-רוב געווען דער רויך פון די לאַגערפייערן; אַ סך פלעגען שטעהן מיט אַנ׳אָנגעבויגען קאָפּ און מיט אויסגעשטרעקטע הענד צו די פייערן, צו דערוואַרימען זיך בעסער. אָבער די פערשנייטע פלאַכ-פעלדער, וואָס מיר פלעגען אַדורכגעהן בייטאָג, זענען אויך גע-ווען שעדליך צו די אויגען. אויב מיר וועלען נאָך צוגעבען צו דידאָזיגע צוויי פאַקטאָרען די אַלגעמיינע אָבגעשוואַכקייט אונזע-רע, וועלען מיר שוין געווי פערשטעהן דידאָזיגע שרעקליכע דערשיינונג.

מאַנכע האָבען פערזיכערט, אַז אויך די פערד האָבען גע-ליטען פון דערדאָזיגער אויגענקראַנקהייט. נו, געוויס, וואָס מיט אונז איז געשעהן, איז אויך געשעהן מיט דידאָזיגע בעלי-חיים. שוין אין לאַגער ביי טשערניטשנאַ האָבען די פערד אָנגעהויבען אונטערצוגעהן צו די פעלדפייערן און, ווי מענשען, פלעגען זיי אויסציהען די העלזער און זיך וואַרימען. דערביי אָבער פלעגען זיי אויך אונז דערוואַרימען דורך זייערע אויסדאַמפונגען.

שפּעט ביינאַכט האָבען מיר פערלעגט אַ לאַגער לינקס פון וועג, אָבער מיט גרויס מיה און מאַטערניש האָבען מיר בע-קומען האָלץ צום הייצען. דרויסען איז דאָך נישט געווען אַזאַ פראָסט, ווי פריהער. מיין פערד האָט מיר שוין לאַנג געדינט בלויז דערויף, צו האַלטען אויף איהם מיין עסענוואַרג, אויך איך האָב עס פערמעגט. וואָרום אין די גרויסע פרעסט בין איך געגאַנגען צופוס און מיט גרויס מאַטערניש געשלעפּט הינטער זיך פאַר׳ן ציימעל דאָס אויסגעמוטשעטע און הונגעריגע פערד. נאָך דער פליטה פון ווילנע האָב איך עס געוואָלט אַוועקגעבען אויף פלייש, אָבער יעדעס מאָל האָט מיך עפּיס אָבגעהאַלטען — געפיהל פון דאַנקבאַרקייט פאַר זיינע פערדינסטען און טריישאַפט

צו מיר. אין דערדאָזיגער נאַכט האָב איך געשלאָסן אַנ׳אָבמאַך מיט׳ן קאַפּיטאַן לעזיר, אַנ׳אַדיוטאַנט פון גענעראַלשטאַב. איך בעדאַרף איהם אָװעקגעבען מײן פערד צו שעכטען אויף פלײש און דערפאַר בעדאַרף ער מיר בעצאָהלען, װען עס װעט װערען רוהיגער אָדער אין דערהײם.

דער 20-טער נאָװעמבער איז געװען אַ לינדער טאָג. מײן פוטער איז געװען צו-הײס און צו-שװער פאַר מײנע שװאַכע אױסגעמאַטערטע בײנער. איך האָב איהם אָװעקגעװאָרפען און בין װײטער געגאַנגען אין מײן סורדוט און מאַנטעל, מיט אַ לעדערנעם בײטעל, פערװאָרפען איבער אײן אַקסעל און אַנ׳אָפיצירישען פאַטראָנען-טאַש איבער דעם צװײטען. איך בין געװען אַרומגעשרפ׳עט און צערומגעריסען, װי אַלע אַרום מיר, און אין אַזאַ הילוך בין איך אַרײן אין אָרשע.

אין אָרשע זענען מיר אַרײן צו האַלבען טאָג. עס האָט געשײנט די זון. אַ גוטער פראָסט האָט אונז באַלד איבערגעטראָגען איבער׳ן דניעפּער, װאָס איז דאָ גאַנץ ברײט, און די שטאָדט האָט אונז אױסגעזעהן, װי אַ פונקט, װאָס װעט אונז געבען מנוחה און כוחות. מיר האָבען דאָ געטראָפען אַ גאַרניזאָן און אײנװאױנער, על-פּי-רוב יודען. מיט די יודען האָט מען אַלעמאָל געקאָנט מאַכען געשעפט. זײ האָבען עסענװאַרג, מיר — געלד, האָבען מיר געקאָנט עפּיס אױפטהאָן דאָ.

נאַפּאָלעאָנס גװאַרדיע האָט דאָ געקאָנט אױסברענגען איהרע אַסיגנאַציעס, װאָס זי האָט געפּאַקט אין מאָסקווע. מאַנכע האָבען געפּאַקט אַ היבש ביסעל אַסיגנאַציעס. איך האָב זײ נאָך גאָרנישט געקאָנט, דידאָזיגע אַסיגנאַציעס. אין גזשאַטסק האָב איך בלױז אײן מאָל געזעהן אַ בלױ פּאַפּירל, אָבער איך האָב נישט געװאוסט זײן װערט. ערשט שפּעטער, בשעת איך האָב מיך בעקאָנט מיט דידאָזיגע געלדצײכענס, האָב איך פערשטאַנען, אויף װיפיל די סאָלדאַטען זענען גענאַרט געװאָרען דורך די יודען בײם טױשען דאָס געלד.

אין אָרשע האָבען מיר אויך געװאָלט בעקומען אַ ביסעל

וועש, אָבער דאָס איז אונז כמעט נישט געלונגען. מיר זענען אַלע געווען צו-שמוציג, אַז מיר זאָלען קאָנען מיט אַמאָל ריין ווערען. אפילו גראַף פאָן-שעלער האָט געליטען פון שמוץ אַזוי גוט, ווי מיר אַלע, און אַז ער האָט געפונען פּאַראַזיטען ביי זיך אין די וועש, האָט ער בעמערקט, אַז אין דעמדאָזיגען פּונקט שטעהט דער הויפּט-קאָמאַנדיר אויף איין שטאַפּעל מיט'ן באַראַבאַנשטשיק און אָבאָז-סאָלדאַט.

דאָס בעדערפעניש אין שלאָפען האָט שוין נישט איינעם פון אונז—על-פּי-רוב פון די יונגע סאָלדאַטען—משלח-געווען אויף יענער וועלט. די, וואָס פלעגען פערשלאָפען די צייט פון אונזערע אַרויסטרעטען אין וועג און איבערהויפּט די, וואָס פלעגען שלאָפען בעזונדער, פלעגען פערפאַלען ווערען אָדער אומקומען. אַנדערע, ווידער, פלעגען באַלד, ווי זיי פלעגען נאָר קומען אויף אַנ'אָרט, זיך אַוועקלעגען שלאָפען און אַזוי-אַרום אַדורכלאָזען דאָס צרה'דיגע ביסעל עסען, אָבער אַז מען פלעגט זיך בעדאַרפען אויפהויבען אין וועג אַריין, פלעגען זיי געהן אָהן כוחות, ווי נאָך אַ לאַנגען תענית.

סיי אין די פריהערדיגע מלחמות און סיי אין דער מלחמה האָב איך גאַנץ אָפט געזעהן יונגע סאָלדאַטען, וואָס פלעגען שלאָפען אַזוי שטאַרק, אַז זיי פלעגען נישט הערען דאָס דונערן פון די האַרמאַטען אפילו דעמאָלט, בעת די גראַנאַטען פלעגען פליהען איבער אונזער לאַגער. אין אַזוינע פאַלען האָט איבערהויפּט אַרויסגעהאָלפען דער קאַפּראַלען-שטעקען, וואָרום בשעת מען איילט זיך, קאָן מען יענעם נישט וועקען פּאַוואָליע. אַלטע סאָלדאַטען שלאָפען שוין נישט אַזוי שטאַרק און אויך אַ סך ווייניגער פון די יונגע.

דאָ, אין אָרשע, האָט מיר דער גראַף געשענקט אַ שען גרויסאַרטיג טאַשענבוך, וואָס איך האָב ווען געזעהן אין מיין לעבען, און אַ טייער זייגערל. האָב איך איהם זעהר העפליך בעדאַנקט און געזאָגט, אַז עס וועט ביי מיר אויך זיין אַזוי טייער, ווי מיינס, וואָס איז,ליידער, אַוועקגע'גנב'עט געוואָרען. בנוגע דעם זייגערל, ווידער, האָב איך פריהער אויסגערעדט, אַז אויב

איך וועל וועלען, מעג איך עס עמיצען צוזעקשטעקען.

און טאַקי אין דער אייגענער נאַכט האָב איך עס אַוועק־געשענקט איינעם אַ מאַן, וואָס האָט געגנעהרט און געשפּייזט אַלע גענעראַ'לען און אָפֿיצירען פון אונזער קאָרפּוס־שטאַב און וואָס איז געווען דער עקאָנאָם פון אונזער הויפּטקוואַרטיר. דערזאָזיגער מאַן—וואָס האָט געהייסען באָולער—האָט ממש בעוויזען וואונדער פאַר דער צייט פון אונזער שרעקליכען ריקצוג פון סאַמע וויאַזמע ביז בערעזין. בשעת אַלע האָבען בעדאַרפט הונגערן, האָט ער געהאַט ברויט, און אפילו דאָרט, וואו עס זענען גאָר קיין איינוואוינער ניט געווען, האָט ער דאָך געפונען אַ תרופה, ווי אַזוי צו באַקען ברויט. געוויינלאָל פלעגט ער בעקומען פלייש פון די וואָלקענס, אָדער פון אונטער דער ערד, און אין וועג האָט ער שטענדיג געהאַט בראָנפֿן, כמעט קיינער האָט בשום־אופן ניט געקאָנט פערשטעהן, וואו ער בעקומט עס.

מיט איין וואָרט, דערזאָזיגער באָולער האָט געהאַט גרויסע פערדינסטען און האָט אַ סך געטהאָן פאַר די גענעראַ'לען און אָפֿיצירען, און ניט איין מאָל, אין אַ צייט פון אַ נויט, האָט ער מיך און אַנדערע אָפֿיציערען גערעטעט פון אַ הונגער־טויט. ער איז געווען זעהר בעשיידען, העפֿליך, פריינדליך, אָבער ער האָט ליב געהאַט צו טהאָן אַ זאַך בשתיקה, אַז קיינער זאָל ניט וויסען. דערזאָזיגער מאַן, וואָס האָט אונז געבראַכט אַזוינע גרויסע נוצען אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט זיך אַ יאָהר צוריק, בשעת ער איז געווען אין שלעזיען און זאַקסען, זיך איינגאַנצען געענדערט: ער איז אַנטלאָפען מיט אַ גרויסער סומע געלד, וואָס איז איהם אָנגעטרויט געוואָרען. אין בעהמען האָט מען איהם געכאַפּט, דאָס קריגסגעריכט האָט איהם פערמשפּט צו הענגען, און די טויטשטראָף איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען איבער איהם.

צוועלפטעס קאַפּיטעל.

מיר בעקומען פערשטאַרקונגען.—שלעכטע בשורות.—אַנ'אומ־גלויבליכע גענאַרעריי.—ביים טייך בערעזינאַ.—פינף מאָל געפּרובט איבערגעהן די בריק.—אַ שרעקליכע בהלה.—קאָזאַקען בע'גזל'ע־נען מיך און נעהמען מיך אין געפאַנגענשאַפט.—לייטענאַנט שע־פּער.—דער געדאַנק וועגען זעלבסטמאָרד.—אין דעם ברענענדי־גען באָריסאָוו.—גענעראַל גראַף פאָן-וויטענשטיין.—איך בין ביי די רוסען.—דאָקטאָר וויט מיט זיין פרוי.—מיין טעטיגקייט אין זשיצקאָוו.—איך ווער קראַנק אויף אַ טיפוס.—דאָס געזונד ווערען.—מיין רעפּוטאַציע אַלס דאָקטאָר.

דערוויילע האָבען מיר זיך אַרויסגערוקט אויף דעם לינקען ברעג פון דניעפּער און זענען צוגעגאַנגען צו דער שטאָדט. אַז מאַר־שאַל נעי האָט זיך פעראייניגט מיט אונז, איז צושטערט געוואָ־רען די בריק. מיר האָבען זיך געריהרט אין וועג אַריין נאָך האַל־160בער נאַכט פון דעם 21-טען אויף דעם 22-טען נאָוועמבער, און דאַ

האָבען מיר אויך איבערגעלאָזט קראַנקע און בכלל אַלץ, וואָס האָט אונז נישט גענוצט, כדי עס זאָל זיך לײַכטער לויפען.

געגאַנגען זענען מיר שטיל און מיט זײַטיגע וועגען, כדי די רוסען זאָלען אונז נישט בעמערקען און נישט אָנהויבען צו פײַערן אויף אונז פון זײערע האַרמאַטען. אַז מיר זענען אָבגעגאַנגען אַ היבש ביסעל פון דער שטאָדט, זענען מיר פון דאָסניי אַרויף אויפ׳ן גרויסען טראַקט, און אַז עס איז שוין געוואָרען טאָג, דאָבען מיר פערלעגט אַ לאַגער בײַ דעם ערשטען דאָרף. דער פוילישער גאַרניזאָן פון אָרשע האָט פערגרעסערט אונזער קאַמפספעהיגע אַרמעע, וואָס איז כמעט בעשטאַנען פון דער גוואַרדיע, און די שיריים פון דער ווירטעמבערגישער אינפאַנטעריע זענען מיט אַמאָל בערײַכערט געוואָרען אין אַ גאַנצער גרענאַדערישער ראָטע. דידאָזיגע סאָלדאַטען-שפע דערקלערט זיך פשוט דערמיט, וואָס קאַפּיטאַן וואַלואַ איז נאָך פון יולי-אָן פערבליבען ערגעץ בײַ דער דווינע. די רוסען האָבען איהם אַרויסגעשניטען פון דאָרטען, האָט ער זיך איצט בעהעפט מיט אונז, און זײַן קאָמאַנדע האָט זיך געפונען אין דעם בעסטען צושטאַנד. איך קאָן גאָרנישט בעשרײַבען די טרייסט און שמחה, וואָס איז דערוועקט געוואָרען אין אונז דורך דערדאָזיגער ראָטע, און, פערקעהרט, וואָס פאַר אַ שווערען אײַנדרוק מיר האָבען אויף זײ געמאַכט. מיר האָבען זיך שטאַרק געפרעהט, קוקענדיג אויף זײ און זײ האָבען אַראָבגעלאָזט די אויגען אומעט און פון צער. באַלד בײַ דעם ערשטען לאַגער האָבען די שטאַרקערע גרענאַדערן בעקומען אונזערע פאָהנען, וואָס מיר האָבען ביז אַהער אָבגעהיט פון די רוסען. אײנער האָט זיך אַרומגעוויקעלט מיט אַ פאָהן, אַ צווייטער האָט זי אַרײַנגעלעגט אין ראַנעץ, און ווי פריהער, אונטער וויאַזמע, אַזוי אויך איצט, איז מיר אָנגעזאָגט געוואָרען, איך זאָל אַרײַננעהמען אין אויג דידאָזיגע לײַט.

מײַן חבר שערער קאָן דינען פאַר אַ בײַשפיל, ווי אַזוי די שוואַכע און קראַנקע פון אונז זענען געוואָרען געשיקט און בעוועגליך אין אַ נויט. ער האָט געשפיען מיט בלוט און איז געוואָרען בלאַס און שוואַך, אַ סך בלוט [illegible] ער פערלאָרען, מען

האָט איהם געפּירט אונטער די הענד, פונדעסטוועגען איז ער געקומען בשלום אהיים, וואו ער איז געשטאָרבען ערשט אין יאָהר 1829.

ביישאַג האָט געפּלאַצט דער פראָסט, ביינאַכט האָט ער זיך געשטאַרקט, דער הונגער האָט שוין אַזוי נישט געדריקט, ווייל אין אָרשע האָבען מיר געפונען פּראָוויאַנט, און איצט, אַז עמיץ האָט געוואָלט, האָט ער געקאָנט עפּיס קויפען. דאָך האָט דער ריקצוג נישט געענדערט זיין כאַראַקטער, בשעת מיר האָבען בע-קומען זעהר שלעכטע בשורות. מיר האָבען געהערט, אַז די רו-סישע אַרמעע, וואָס איז געשטאַנען אין מינסק, האָט זיך אַרוק געטהאָן קיין באָריסאָוו און האָט פערכאַפּט אַלע מאַגאַזינען, אַז גענעראַל וויטגענשטיין איז געגאַנגען פון דער דווינע צו דעם טייך בערעזינאַ, וואָס מיר האָבען בעדאַרפט אריבערגעהן, אַז די ביידע זאָלען, ווי מיר*) א. ד. גל.

היינט איז צו אונזערע גענעראַלען געקומען אַן'אָפיציר פון אַ פּויל מיליטער, וואָס האָט אָנגעהערט צו עפּיס אַ קליינטשקען דייטשען פירשט. ער איז געקומען האַלטען אַן'עצה וועגען אַ געוויסען ענין. פון די זעקס האַרמאַטען, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער דערפיהרט בלויז צוויי (די זענען געשטאַנען רעכטס פון וועג), אָבער אויך די צוויי האָט ער נישט געקאָנט ווייטער פיה-רען, ווייל די פערד זענען אינגאַנצען אָבגעשוואַכט געוואָרען און כמעט אַלע מענשען זענען אומגעקומען. האָט מען איהם געראַטען ער זאָל טהאָן אַזוי, ווי מיר האָבען געטהאָן, ד. ה. די האַרמאַ-טען זאָל ער בעגראָבען און די לאַפעטען מיט די רעדער זאָל ער צושטערן.

---

*) די רוסישע אַרמעע אין מינסק, וואָס איז לכתחילה בעשטימט געווען געגען טערקיי, איז איצט בעפרייט געוואָרען, מחמת עס איז געשלאָסען געוואָרען אַ שלום צווישען רוסלאַנד און דער תורכישער מאַכט. דיזעלביגע אַרמעע אונטער טשיטשאַגאָווס קאָמאַנדע האָט זיך בעהעפט מיט אַ צווייטער אַרמעע, וואָס האָט זיך בעפונדען פון צפון אונטער וויטגענשטיינס קאָמאַנדע. ביי דעם טייך בערעזינאַ זאָ-לען ביידע אַרמעען געדאַרפט אָבהאַקען נאַפּאָלעאָנ'ען דעם וועג.

מיר זענען ווייטער געגאַנגען, ווייל די קאָזאַקען האָבען אונז נישט געלאָזט רוהען. שטעדט און איינצעלנע ישובים האָט מען שוין אויפגעהערט צו ברענען ביי טאָג, דערפאַר אָבער האָט מען נאָך קיינמאָל אַזוי נישט צוראַבירט און צוברענט די דערפער, ווי דאָ, געבען באָבער און ווייטער, טאַמע ביז בערעזין, מען האָט געשלעפט און געשרפ׳עט, וויפיל מען האָט נאָר געקאָנט. אין איין נאַכט האָט מען אָוועקגעשלעפט אַ גאַנץ דאָרף און עס פערברענט אין די פעלדפייערן. אינדערפריה זענען מיר אַוועק פון די שרפות, און די איינוואוינער האָבען מסתמא נישט געפונען דאָס אָרט, וואו עס זענען געשטאַנען זייערע הייזער און שייער.

צווישען אָרשע און באָבער, דאָרט, אויף יענעם אָרט, וואו אונזער וועג איז אַדורכגעגאַנגען דעם טראַקט, וואָס האָט זיך געצויגען פון מאָהילעוו, איז געזעסען אַ וועסטפאַלישער סאָלדאַט און האָט פאַרגעלעגט צו טוישען זילבער אויף ברויט. ער האָט געהאַלטען אַ גרויס שטיק זילבער, אין דער פאָרם פון אַ פירעק, קענטיג פון אַ קלויסטער, וואָס האָט אודאי געוואויגען אַ 20—15 פונט. אָבער קיינער האָט זיך נישט געקוואָפעט אויף דעמדאָזיגען שטיק זילבער, קיינער האָט נישט געוואָלט שלעפען מיט זיך אַזאַ משא און קיינער האָט אויך קיין ברויט נישט געהאַט. די פאַרביי געהער האָבען איהם אָדער בעליידיגט אָדער גע׳חוזק׳ט איבער איהם. נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל וועלען געבען כאָטש אַ ביסען ברויט פאַר אַזאַ שטיק זילבער.

ביים שטעדטעל באָבער האָבען מיר געפונען וועגענס, וואָס זענען געקומען פון קאַרלסרוהע, מיט רייז און סובאָרעס פאַר׳ן באַדענישען מיליטער. איך ווייס אפילו נישט ווי אַזוי, אָבער פון דעמדאָזיגען אוצר האָבען מיר אויך בעקומען אַ חלק.

שלעכטע בשורות האָבען זיך געשאָטען פון אַלע זייטען. אין דעם 24-טען נאָוועמבער, בשעת מיר זענען אַריין אין באָבער, האָבען מיר שוין דאָס גאַנצע שטעדטעל געפונען פול גע-פאַקט מיט אַנטלאָפענע פונ׳ם מייך בערעזינאַ. דער עולם איז גע-פליגען פון דאָרטען, ווי פון אַ פייער.

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב פערבראַכט אינ'ם שטעדטעל, האָט עס נישט געליטען פון שרפות, דערפאַר אָבער האָט שטאַרק געליטען דאָס דאָרף נעמאָניצאַ, וואו מיר האָבען איבערגענעכטיגט דעם 25-טען נאָוועמבער. איך אַליין בין פיל מאָל געצוואונגען געווען אָנצושטרענגען מיינע לעצטע כחות און שלעפען גראָבע באַלקעס, אַבי נישט דערפראָהרען צו ווערען פון קעלט. ביי די פעלדפייערן פלעגען מיר טיילמאָל אויפנעהמען שווייצער, האָלענדער און אַנדערע פערב'נדעטע, וואָס פלעגען קומען צו אונז פון מינסק אָדער פון דער דווינע. זיי האָבען געשאַט ביי אונז טרייסט און האָפנונג, אויפצוהויבען אַ ביסעל דעם געפאַלענעם מוט, און מיר, ווידער, האָבען געחאָלט זעהן אין זיי אַ שטיקעל ישועה און אַ הילף צו אונזער שווערער לאַגע. פון אונז פלעגען זיי, נאַטירליך, אַוועק נאָכמעהר דערשלאָגען און צובראָכען. די נאַכט פלעגט אַוועק אָהן שלאָף, אויפ'ן האַרצען איז געווען אונרוהיג. גאָט ווייס, וואָס אויף אונז האָט געוואַרט ביים טייך בערעזינאַ. מיר זענען געווען אַרומגערינגעלט פון דריי רוסישע אַרמעען.

נאָך האַלבער נאַכט—פון דעם 25 אויף דעם 26-טען נאָוועמבער—האָבען מיר זיך אויפגעהויבען פון אָרט און אין דער געזעלשאַפט פון איין קורירער און עטליכע אָפיצירען זענען מיר אַוועק מיט מונטערע טריט קיין באָריסאָו. דער וועג איז געווען גלאַט פון פראָסט, פון די וועגענס און די מאַסען פוסגעהער. דער הימעל איז געווען אַנ'אויסגעשטערנטער און האָט אונז בעלויכטען דעם וועג.

אין אָרשע האָב איך אָבגעגעבען מיין פערד, און איצט האָב איך געבעטען, מען זאָל מיר געבען אַ סאָלדאַט, וואָס זאָל טראָגען מיינע זאַכען און אינסטרומענטען. אין דער נאַכט האָט מיר אַ סאָלדאַט פאָרגעלעגט, איך זאָל קויפען ביי איהם אַ פערד. איך האָב עס געקויפט פאַר אַ גאָלדשטיק. מיין דענשטשיק האָט עס געפיהרט און אויפ'ן רוקען האָט זיך איהם געבאָמבעלט אַ לעדיגער זאַק פון ברויט.

אינדערפריה האָט מיר באַזלער געמאָלדען, אַז מען האָט

מיר אַוועקגע׳גנב׳עט דאָס פערד. איך האָב געשווס שווייגען.

נעבען באַריסאָוו איז פאַרהאַן אַ קליין טייכעל מיט אַ בריקעל. צוליב דער גרויסער מאַסע וועגענס, פערד, רייטער און פוסגעהער איז דאָ געווען אַ געוואַלטיגע דריקעניש. אין סאַמע ברען, בשעת דער עולם האָט זיך געשטויסען און געדריקט, האָט עמיץ אַראָפּגעכאַפּט אַ זאַק פון אַ פערד און איהם איבערגעגעבען מיין דענשטשיק. ווי-עס-איז איבערגעקומען דעם גיהנם ביי דעם בריקעל, זענען מיר אַריין אין באַריסאָוו, וואָס איז שוין געווען האַלב צושטערט. דאָ האָב איך געפונען אין זאַק אַ שטיקעל ברויט, ציבעלע און קאַרטאָפּעל.

אין באַריסאָוו האָב איך מיך צרומגעקוקט: אפשר קאָן מען עפּיס קויפען און איך האָב מיך אויך נאָכגעפרעגט, ווי ווייט די רוסען זענען פון אונז. דרעהענדיג זיך איבער די גאַסען, האָב איך בעמערקט, ווי אַ דייטשער גרענאַדער, וואָס איז אַזוי וועניג בעקאַנט געווען מיט די רוסישע אַסיגנאַציעס, ווי מיר, האָט געהאַלטען אין די הענד אַן אָנגעשלאָגען בייטעל מיט געלד, גראָב אויף צוויי פינגער און האָט פאָרגעלעגט אַ יודען, ער זאָל איהם געבען דערפאַר פיר פלאַשען בראָנפען און פיר ברויטלעך. אָבער דער יוד איז געווען קאַלט, ווי אייז און האָט געזאָגט מיט אַ מינע, ווי נישט איהם מיינט מען: „איך וועל אייך געבען דריי פלאַשען בראָנפען און דריי ברויטלעך". דער סאָלדאַט האָט איינגעשטימט, אָבער אַז דער יוד האָט געוואָלט מאַכען דאָס געשעפט, האָט ער נישט געוואָלט געבען די פלאַשען. נאָר דער סאָלדאַט האָט איהם בעמערקט דערויף: „אָהן די פלאַשען בעדאַרף איך דיין בראָנפען נישט". אַז איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט דעם ווערט פון די רוסישע אַסיגנאַציעס, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז דער יוד האָט בעקומען פאַר זיין סחורה אַ דריי-פיר טויזענד רובל. שפּעטער, אַז איך האָב געוואוינט אין באַריסאָוו, האָב איך נישט איינמאָל פאַרגעוואָרפען דעם יודען פאַר זיין אויסטערלישע געשעפט, וואָס ער האָט געמאַכט מיט'ן סאָלדאַט, און ער פלעגט מיר יעדעס מאָל ענטפערן דערויף: „יאָ, עס איז

געווען אַ גוטע צייט, מען האָט פּיערדינס געלד*).

אויף די שניי־פעלדער פון באָריסאָוו האָבן געבלאָנקעט פערשידענע צוריסענע טיילכעלעך מיליטער. איך בין אויך געווען צווישען זיי. מיר זענען געגאַנגען מיט׳ן ברעג פון דער בערעזינאַ און האָבן געזעהן אויפ׳ן רעכטען ברעג, קעגען דער שטאָדט, רוסישע באַטאַרייעס, האַרמאַטען און סאָלדאַטען.

מיר זענען צוגעגאַנגען צו אַ וועלדעל, וואו דער וועג האָט בעדאַרפט פעראייניגען די צוריסענע מיליטער־טיילען. וועגענס און אַלץ, וואָס האָט געהערט צו דער אַרמעע. מיר זענען נישט אָבגעשטעלט געוואָרען אינמיטען וועג און האָבן נישט געוואוסט, אַז נאַפּאָלעאָן מיט זיין גוואַרדיע געהט פאָראויס פון אונז. הינ־טער׳ן וועלד האָט זיך דער וועג געצויגען פאַרביי אַלט־באָריסאָוו, וואו נאַפּאָלעאָן האָט איבערגענעכטיגט די נאַכט פון 25־טען אויפ׳ן 26־טען נאָוועמבער. פון דאַנען זענען מיר ווידער אַריין אין וואַלדיגע ערטער, וואו מען האָט אונז געגעבען צוויי שעה צייט אויף אָבצורוהען. בשעת מיר זענען געלעגען אויפ׳ן שניי און דערמאָהנט די גוטע צייטען, וואָס זענען אַוועק און די ליבע היים, וואָס איז וויט פון אונז, האָבן מיר דערהערט, אַז מען שיסט נישט וויט, אויף די פאָדערשטע פאָסטענס, מיט ביקסען, אָבער אַזוי דייטליך, פונקט ווי דאָס קלאַפּען מיט העק און האַמערס ביים בויען די בריק, איבער וועלכער מיר האָבן בעדאַרפט אַריבערגעהן אויף דער צווייטער זייט טייך.

אַז עס איז געוואָרען פינסטערליך, זענען מיר ווייטער אַוועק, ביז דאָס דערפעל סטודענקאַ, וואו מיר האָבן געטראָפען נאַפּאָלעאָנ׳ען און זיין גוואַרדיע און וואו די בהלה איז געווען בעזונדערס גרויס.

צוזאַמען מיט גענעראַלען און עטליכע אָפיצירען האָבן מיר זיך בעזעצט אין אַ שטאַהל אַנ׳עק דאָרף**). אונזער לעצט

---

*) דעם מחבר איז, קענטיג, אַזוי אויפ׳ן זינען [illegible], אַז אַזוי ענען זיך [illegible] און בענעהמען זיך נאָך עד־היום [illegible] אויך.

**) אין דערמאָנטען שטאַהל, ביים פּייער, האָב איך דעם [illegible] פאַר־שט

ביסעל אינפאַנטעריע, אינגאַנצען אַ מאַן הונדערט, האָט געלאַגערט בײַ אַ טריט פערציג פון אונז, אין אַ קליין וועלדעל, בעדעקט מיט שניי. ווער עס האָט געקאָנט, האָט עפּיס אויפגעקליבט, אָבער אַזוי ווי די לאַגע איז געווען זעהר אַנ׳ערנסטע, האָט דער עולם לאַנג און אַ סך געשמועסט צווישען זיך. נישט ווייט פון אונז האָט זיך אָבגעשטעלט אַ קינסטלער פון סטראַסבורג, וואָס איז געקומען אַהער מיט זיין פאַמיליע און עקיפּאַזש. ער האָט אונז געזאָגט, אַז נאָהענדיג אַהער, האָט ער געזעהן רוסיש מיליטער אויפ׳ן צווייטען ברעג. זיי האָבען געשאָסען פון דאָרטען און זענען דערנאָך אַוועק. דאָס איז געווען די איינציגע שיסעריי, וואָס מיר האָבען היינט ביי טאָג געהערט.

ווי שטאַרק מיר האָבען זיך נישט געשראָקען פאַר אונזער צוקונפט, זענען מיר דאָך איינגעשלאָפען. אגב האָבען מיר גאָר נישט געוואוסט, ווען מיר וועלען אַרויסטרעטען פון דאָגען און די שוואַכע ביינער האָבען גאָר נישט אויסגערוהט פון גאַנצען ביינאַכט. געשלאָפען האָב איך צוזאַמען מיט צוויי אָפיצירען, אָבער אַז מען האָט אונז אויפגעוועקט איינדערפריה דעם 27-טען נאָוועמבער, זענען מיר שרעקליך איבערגעשראָקען געוואָרען: פון די אַלע, וואָס זענען נעכטען געקומען מעהר דאָהער מיט אונז, איז שוין קיינער נישט געווען! אפילו דער סטראַסבורגער קינסטלער איז אויך נישט געווען.

אויף אונזערע ערשטע פראַגען האָבען מיר בעקומען אַ תשובה, אַז צוויי אַ זייגער ביינאַכט זענען אַלע אַריבער דעם טייך. דאָס בעוואוסטזיין, אַז איך געפין מיך צווישען אַ סך מענשען, נעבען קייזער און זיין גוואַרדיע, האָט מיך און מיין קאַמ-

---

לער פערבינטעריגע די וואונד, אָבער איך האָב נישט געוואוסט, אַז איך שוין עס צום לעצטען מאָל. דערדאָזיגער מאַן, וואָס איז געווען אַנ׳אַלטער לוטיגער קריגער און אַ גרויסער בירגער, האָט זיך בעטייליגט אין אַ סך מלחמות ביז דעם שלום פון יאָהר 1814, ווען ער האָט גענומען פאַר זיין אייגענעם ווירטשאַפטער זיין רייך לעבען איז איבערגעריסען געוואָרען אין יאָהר 1826 אויף יאַגד, וואו ער האָט צופעליג געשאָסען אַ קויל אין קאָפּ אַריין.

פּאַניע זעהר בערוהיגט. פונדעסטוועגען האָבען מיר זיך געפּרובט אַריבערצוגעהן דעם טייך, אָבער עס זענען געשטאַנען אַ סך האַר־מאַטען און מיליטער, וואָס האָבען פערנומען דעם גאַנצען שטח און וואָס האָבען אויך בעדאַרפט אַריבערגעהן דעם טייך. צוגעהן צום ברעג איז גאָרנישט מעגליך געווען. צו האַלבען טאָג האָבען מיר זיך ווידער געפּרובט אַריבערגעהן, אָבער מען האָט אַלץ נישט געקאָנט און דאָ האָט מען אונז אויך געזאָגט, אַז דורכלאָזען וועט מען פריהער די בעוואָפענטע און קאָמפּעטענטע. האָבען מיר גע־פּרובט דאָס אייגענע טהאָן שפּעטער און אין אָוועגד, איז נאָך ערגער געווען, די שטיקעניש און אייבגשאַפט איז געווען אונבע־שרייבליך גרויס און דער עולם האָט געשמועסט, אַז מען פערריכט די בריק און דעריבער קאָן מען איצט נישט אַריבער דעם טייך.

אינ׳ם דאָרף און איבער די אַרומיגע וועגען זענען דעם גאַנצען טאָג געגאַנגען פערשידענע מיליטערטיילען, אַרטילעריע און טראַנספּאָרטען, און פּאַראַויס, פון די זייטען און פון הינטען האָבען מיר שוין לאַנג געהערט, ווי מען פייערט פון האַרמאַטען. אַלע, וואָס זענען געקומען, האָבען באַלד געוואָלט איבערגעהן דעם טייך, אָבער דאָס איז זיי אויך אַזוי געלונגען, ווי אונז. מען האָט געשמועסט, אַז נאַפּאָלעאָן אַליין שטעהט ביים טייך און אַז זיינע זשאַנדאַרמען לאָזען נישט אַדורך די־יעניגע, וואָס זע־נען נישט בעוואָפענט און נישט קאָמפּעטעהיג. מען האָט אויך געשמועסט, אַז ער האָט געהייסען פערברענען אַלע פורגאָנעס און אָפיצירישע וועגענס און אַ סך זאַכען זענען שוין אַזויאַרום פער־ניכטעט געוואָרען. הייגט אין אָוועגד האָט מען געשמועסט, אַז באַלד ווי נאַפּאָלעאָן און זיינע זשאַנדאַרמען זענען אַריבערגעגאַ־נגען די בריק, האָט זיך אויף דער זייט אָנגעהויבען אַ שרעקלי־כע אונאָרדנונג. מענשען און פערד פאַלען, ווי פליגען, צו דער בריק קאָן מען נישט צוקומען און אַליאַדע מינוט קאָן די בריק זיך איינברעכען.

די הוים האָט אויף מיר געברענט פון פערדרוס, וואָס איך האָב מיך צושיידט מיט יענע, צו וועלכע איך האָב געהערט און פינף מאָל האָב איך מיך געפּרובט איבערגעהן די בריק אַ. 189

קיין מאָל איז עס מיר נישט געלונגען. יעדעס מאָל פלעג איך אַריינפאַלן אין אַ שרעקליכער שטיקעניש און איינגשאַפּט און מען פלעגט מיך אָדער אַבוואַרפען אין אַ זייט אָדער פאַראויס, אָבער איך האָב קיין איין מאָל נישט דערגרייכט די בריק. נאָכמעהר, איך האָב זי אַפילו נישט געזעהן, און נאָך עד-היום וואונדער איך מיך, ווי אַזוי איך בין בשלום אַרויס פון אַזאַ מענשען-שטיקעניש.

אַ שטאַבּ-אָפיציר פון אונזער קאַוואַלעריע האָט מיר געזאָגט: „נאַפּאָלעאָן וועט אַזוי קונציג מאַנעווירען אויף יענער זייט, אַז מיר וועלען אָהן שום מניעות אַריבער דעם טייך. נאַפּאָלעאָן האָט דאָך בּאַקומען נייע פערשטאַרקונגען פון מינסק און פון ווילנא, און טשיטשאַגאָוו טרעט שוין אָב." איך האָב גערן געגלויבט אין דיזאָזיגע ווערטער און האָב מיך פערלאָזט אויף נאַפּאָלעאָנ'ען, און אַז עס איז צוגעפאַלען די נאַכט, האָב איך מיך אַנידערגעלעגט שלאָפען אין דער קאַרעט, וואָס האָט געהערט צום גענעראַל פאָן-הייגעל. די קאַרעט האָט אויך בעדאַרפט אַריבערגעפיהרט ווערען איבער דער בריק.

אינדערפריה, דעם 28-טען נאָוועמבער, איז די אייגענע בהלה געווען אַרום דער בריק און מיינע אָנשטרענגונגען, אַריבערצוגעהן דעם טייך, האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. אין צוויי טעג אַרום איז אויך געווען דאָס אייגענע. אַריבערגעהן דעם טייך האָבען מיר נישט געקאָנט.

צוזאַמען מיט די צוויי אָפיצירען האָב איך זיך דערווייל געשטעלט אין שטאַהל: מיר האָבען געוואָלט אויפקאָכען קאַווע. מיר האָבען שוין צוגעבאַקט די קאַווע-קערנער, פערוויקעלט זיי אין אַ שמאַטקע און געוואָלט זיי צוקלאַפען מיט שטיינער—דאָס איז געווען אונזער מיהלכעל—און דערביי האָבען מיר געשמועסט, ווי געוועהנליך, וועגען די רוסען, וואָס דערנעהנטערן זיך צו אונז אַלץ מעהר און מעהר. די פראַנצויזישע אינטענדאַנטור-אָפיצירען, וואָס האָבען געוואַרינט צוזאַמען מיט אונז אין שטאַהל, האָבען זיך בעצויגען זעהר רוהיג צו דעם גאַנצען ענין. זיי האָבען זיך געהאַט זייער סוויטע און זייערע שענע עקיפּאַזשלעך און האָבען גאָרנישט געקוקט דערויף, וואָס אין דרויסען טהוט

זיך, איינער פון זיי האָט אַפילו געפיהרט מיט זיך עפּיס אַ נקבה פון האַמבורג, וואָס האָט אַרויסגעוויזען זעהר חוצפּה׳דיגע זיטען. ביי דער דינערשאַפט האָט זי נישט געבעטען, נאָר געפאָדערט ברויט: „עי, חזירים, ברויט זאָלט איהר מיר געבען!״ אָבער אַז עמיץ פון די דינער האָט איהר דערלאַנגט אַ שטיקעל שוואַרץ ברויט, האָט זי גענומען פלאַמען פון גרימצאָרן און האָט געזידעלט מיט די מאוס׳טע ווערטער און געשאָלטען מיט שויסטער קללות, ווי אַ פוהרמאַן. דאָס שטיקעל שוואַרץ ברויט האָט זי אומגעקעהרט צוריק און האָט געפאָדערט ווייס ברויט. איהר חוצפּה האָט אונז אויפגערעגט, וואָרום שוואַרץ ברויט איז שוין ביי אונז לאַנג געווען אַ יקר-המציאות, און מיר פלעגען זיין גליקליך, ווען מיר פלעגען עס בעקומען.

אין דעם מאָמענט, ווי די נקבה האָט געשאָטען מיט מאוס׳ע זידעלווערטער און מיר האָבען בעת-מעשה געוואַרט אויף וואַסער פאַר אונזער קאַווע, האָבען מיר פּלוצלונג דערהערט שרייען: „קאָזאַקען! קאָזאַקען!״ באַלד דערויף האָבען מיר אויך דערהערט שיסען און שרייען: „האַק! האַק!״ די בעדייטונג פון די לעצטע צוויי ווערטער האָב איך נאָך פערשטאַנען דעם 4-טען אָקטאָבער. איך בין שטאַרק צומישט געוואָרען און גענומען אין דער-גיך צונויפזאַמלען מיין קאַווע. מאַנכע זענען אַרויסגעלאָפען פון שטאַהל, אַנדערע, ווידער, זענען דוקא געלאָפען אין שטאַהל אַריין. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געוואַלטיגע מהומה, וואָס האָט פון מינוט צו מינוט געוואַקסען. נישט ווייט פון אונז האָט מען אַיסגעשאָסען פון האַרמאַטען. די קילען זענען, פייפענדיג, איבערגעפלויגען איבער אונזער שטאַהל און אַראָבגעפאַלען אין דער מענגע עקיפּאַזשען, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון אונז.

די לאַגע איז געוואָרען זעהר אַנ׳ערנסטע, און מען האָט קודם געמוזט פערלאָזען דעם שטאַהל. מיין סאָלדאַט האָט געכאַפּט דאָס פערד און זיך געלאָזט אין וועג אַריין און איך בין אַוועק נאָך איהם. אַלע זענען אַרויסגעלאָפען פון זייערע ווינקלען און יעדער האָט זיך געשטופּט צו דער בריק. טראַנספּאָרטען, האַרמאַטען, עקיפּאַזשען, פורגאָנעס זענען געפלויגען פאָראויס.

געקראָכען אײגע אויף די אַנדערע און אָקסען און רעדער האָבען געפּלאַצט, ווי גלאָז. אונטער גוואַלדען און געשרײען אויף אַלע אײראָפּעאישע שפּראַכען האָבען זיך אינפאַנטעריע־סאָלדאַטען גע־מאַכט אַ וועג מיט זײערע קאָלבעס, רײַטער האָבען געהאַקט אויף רעכטס און לינקס מיט זײערע שווערדען. פורלײַט האָבען גע־שניטען מיט זײערע בײַטשען און פערדען און קינדער האָבען אַנגעוואָרפען אַ פּחד מיט זײער פערצווײפעלטען געיאָמער. אין דערדאָזיגער גיהנום'דיגער שטורעמרײ און דריקעניש איז זיך יע־דע קאָמפּאַניע צופאַלען און איך האָב מיך באַלד געפונען צווי־שען פרעמדע אומבעקאַנטע מענשען מיט אויסגעקרימטע פּנים'ער פון פּחד און יאוש, וואָס האָבען געוואָלט אַנטלויפען, חאוהין די אויגען טראָגען און נישט געקאָנט, און די רוסישע האַרמאַטען האָבען דערווײל געפײַערט אין אונז.

אין דערדאָזיגער בהלה, וואָס האָט געשמעקט מיט טויט, האָב איך מײַן אַרויפגעכאַפּט אויף אַ'עקיפּאַזש און צו מײַן גרוי־סען שרעק האָב איך דערזעהן, אַז מיר זענען פערפאַלען. טויזענ־דער וועגענס זענען דאָ געשטאַנען צונויפגעשטיקט און צונויפגע־וואָרפען, און טויזענדער מענשען האָבען געפיהרט אַ פער'עקשנ־טען קאַמף, אַריבערצוגעהן די בריק. דער גאַנצער לינקער ברעג פון בערעזינע איז געדיכט בעזייהט געווען מיט מענשען, וואָס האָבען מיט אימה און יאוש געקוקט אויפ'ן צווייטען ברעג, וואו עס זענען געשטאַנען קאָזאַקען. הינטער אונז און לינקס פון אונז האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַנדערע קאָזאַקען, רײַטער און פוס־מיליטער און האָבען אונז בעגאָסען מיט פײַער. רעכטס פון מיר איז אַ היבשער שטח געווען פרײַ פון די רוסען און מאַסען מענ־שען זענען געלאָפען אַהין. „אין יענעם אָרט קאָן מען נאָך אי־בערגעהן דעם טײַך", — האָב איך מיך אָנגערופען צו די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום מײַן וואָגען.

נאָך פריהער האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט אויסגעבויט צווי בריקען: אײנע פאַר אונז און די צווייטע פאַר די בײַערן. מאַנכע האָבען אפילו פערזיכערט, אַז מיר האָבען דאָ נישט ווײַט נאָך צווי בריקען.

אָבער איך האָב קיין בריקען שום נישט געזעהן, בשעת איך האָב מיך אפילו אויפגעהויבען אויפ'ן וואָגען, ווייל אַלץ איז געווען פערשטעלט פון עקיפּאַזשען, טראַנספּאָרטען און מענשען. זומער אין יאָהר 1813, האָב איך בעזוכט דאָסדאָזיגע אָרט. איך האָב געזעהן, אַז דער טייך איז דאָ גאַנץ שמאָל, און דעמאָלט האָב איך פערשטאַנען, פאַרוואָס מיר האָבען נישט געזעהן די בריק.

אין דעם מאָמענט האָט אַ גראַנאַט אַ קלאַפּ געטהאָן אין די רעדער פון אַ וואָגען. עס האָט זיך דערהערט אַ שרעקליכע קנאַ-קעריי און אַ זעלנעריש ווייב איז פערוואונדעט געוואָרען. איך בין באַלד אַראָבגעשפרונגען פון וואָגען און זיך שנעל געלאָזט רענטס. אַהין, וואו עס האָט בעדאַרפט זיין נאָך אַ בריק. אַ סך מענשען זענען געגאַנגען מיט מיר, אָבער אויך אַזויפיל האָבען מיר אָנבעגעגענט, געהענדיג פון דאָרטען, און זיי האָבען געזאָגט, אַז דאָרט איז קיין בריק נישטאָ. זיי האָבען אויך געזאָגט, אַז מען זעהט דאָרט נישט קיין וועג און קיין סימנים פון טריט. מיר האָבען זיך אָבער געוואָלט איבערצייגען דערין, זענען מיר אַוועק ביי אַ וויאָרסט צו דעם דאָרף וועסיאָלאָווא. אין וועג, נעבען אַ בערגעל, האָבען מיר בעגעגענט אַ סאָלדאַט, וואָס האָט פערקויפט נאָס מעהל, צונויפגעקלעבט אין שטיקער. צוריקגעהענדיג, האָב איך געזעהן פייערן אין אַ וואַלד און בעוואָפענטע פּוילישע גרע-נאַדערן, וואָס האָבען געהיט עטליכע קיה. זיי האָבען אויך גע-זאָגט, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין בריק.

נאָך אַ ישוב-הדעת איז בעשלאָסען געוואָרען—זאָל זיין, וואָס עס וויל--אומצוקעהרען זיך צוריק אין יענעם מהומה'דיגען דער-פעל, וואָס האָט אונז געגראָזיעט מיט אומגליק, טויט און געפאַנ-גענשאַפט. אַז מיר זענען אַרויס פון וואַלד, האָבין מיר בעגע-גענט אַ הייפעל מענשען פון די אונזעריגע און הינטער זיי האָט זיך געיאָגט אַ מחנה קאָזאַקען. איך האָב מיך אַ וואָרף געטהאָן לינקס און געוואָלט זיך פערבאָרגען אין וואַלד, אָבער כהרף-עין האָט מיך אַ קאָזאַק אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָלנער פון שינעל און זיין פּיקע האָב איך דערזעהן ביי מיינע פיס. „ביזוט אַנ'צפיציר'ו"—

האָט ער מיך אַ פרעג געטהאָן. „יאָ“,—איז געווען מיין קורצער ציטעריגער ענטפער. ווי שטאַרק איך האָב מיך דערשראָקען, האָב איך מיך דאָך בעהערשט אין דעמדאָזיגען מאָמענט און איך בין געווען צופרידען כּמעט דערמיט, וואָס דאָס קאַלטע אייזען פון זיין פּיקע איז נישט אַריינגעהאַקט געוואָרען אין מיר. מיינע אייגענע הויבּין אַפילו געזעהן אַ סך שרעקליכע זאַכען פאַר דער צייט פון דערדאָזיגער מלחמה און איך האָב געמעגט זיין אַ בּיסעל שטייפער בּיי זיך און האַלטען זיך דרייסטער, דאָך בּין איך דאַסמאָל דורכגעדרונגען געוואָרען מיט הכנעה, מיט דער געוועהנליכער הכנעה פון אַ געבּאַנגענעם מענשען.

דער קאָזאַק איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר פּיראונצוואַנציג, אָהן אַ באָרד, ער האָט געהאַט אַ געשטופּעלט פּנים פון פּאָקען, אָבער מען האָט דאָך נישט געקאָנט זאָגען, אַז דאָס פּנים איז זעהר העסליך אָדער בּייז. ער האָט מיך אָוועקגעפיהרט אין דער זייט און דורך צייכענס בעוויזען, אַז איך זאָל אויסקעהרען די קעשענעס און זאָל איהם ווייזען, וואָס איך האָב. עס האָט אָוועקגענומען אַ שטיק צייט, בּיז איך האָב מיך אונטער׳ן מאַנטעל און שינעל דערשלאָגען צו מיין קעשענע, פון וואַנען איך האָב אַרויסגענומען אַ מאַפּיר מיט 14 גאָלדשטיק און איהם דערלאַנגט. האָט ער גאַנץ רוהיג אַ קוק געטהאָן אויף זיי, באַהאַלטען אַריינגעלעגט זיי אין קעשענע, די פּיקע אַריינגעשטאָכען אין דער ערד און, צולעגענדיג די האַנד צום רעכטען אויער, האָט ער אַ קנאַק געטהאָן מיט דער צונג און אַזויאַרום מיך געפרעגט, צי איך האָב אַ זייגער. איך האָב עפּיס אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, ווי איך וואָלט געזאָגט, אַז נישט. דעמאָלט האָט ער גאַנץ קאַלטבּלוטיג אַראָבּגענומען פון פּלייצע דעם בּיקס, אַ דרעה געטהאָן דאָס שיס-ציגעל און זיך גענומען צילעווען אין מיר. דאָ האָב איך מיך אינגאַנצען פערלאָרען, גין איך אַנידערגעפאַלען אויף די קניה און מיט פּחד, אַזוי ווי אינסטינקטיוו אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט—„פּאַרדאָן!“ צי האָט ער פערשטאַנען דאָס וואָרט, ווייס איך נישט, אָבער ער איז אַראָבּגעקראָכען פון פערד, דעם בּיקס אָוועקגעלעגט, און איך האָב מיך אויפגעשטעלט אויף די פיס.

באַלד דערויף האָט ער מיך גענומען אַרומזוכען, איבערהויפּט יענס אָרט, פון וואַנען איך האָב אַרויסגענומען דאָס געלד. ער האָט אָבער געפונען מיין לייפּציגער זייגער, האָט ער איהם באַלד צוגעלעגט צום אויער און ביי זיין גאַנצער שמחה האָט ער דאָך נישט פערגעסען אַ קוק צו טהאָן אויף מיר, ווי אַ בער.

ער האָט זיך נישט בענוגענט מיט'ן געלד און זייגער און מיך ווידער אַרומגעזוכט. איצט האָט ער געפונען מיין אָרדען מיט'ן בענדעל, פערוויקעלט אין אַ פּאַפּירל. איך האָב איהם נאָך נישט געטראָגען, ווייל ביי אונז האָט מען געטראָגען דעם אָרדען אויפ'ן מונדיר און נישט אויף די אויבערשטע קליידער. געפונען דעם אָרדען, האָט ער זיך ווידעראַמאָל זעהר דערפרעהט און איז שוין דאָסמאָל געוואָרען ווייכער צו מיר. פונדעסטוועגען האָט ער ווייטער געזוכט. פון מיין אָפיצירישען פּאַטראָנען-ביי־טעלע האָט ער אַרויסגענומען מיינע אַלבערטסטאָלערס (איך האָב זיי געהאַט נאָך פון דער באָראָדינישער שלאַכט צוזאַמען מיט זילבערנע רובלס, וואָס אַ פּאָליאַק האָט מיר געגעבען ביי לעסנע) און פון אַ צווייטען בייטעלע האָט ער אַרויסגענומען מיין כירורגישען אינסטרומענט. איך האָב איהם זעהר שטאַרק געבעטען, ער זאָל מיר אומקעהרן צוריק דעם אינסטרומענט, אָבער רייד צו איהם און רייד צו דער וואַנד. איבערגעלאָזט האָט ער מיר די לולקע, דאָס שערעלע, בינט-מאַטעריאַלען און דאָס ביסעל קאַווע.

דער קאָזאַק האָט געהאַט אַ געאָרגיען-קרייץ, האָט ער באַלד אויפגעהאַנגען נעבען איהם מיין אָרדען. אַרום אונז האָבען זיך אָבגעשפּילט אַזוינע סצענעס, ווי מיט מיר, און דער קאָזאַק האָט מיך אַוועקגעפיהרט צוריק, אָבער ער האָט מיך נישט אָנגעריהרט אויפ'ן וועג. רעכטס פון אונז האָט זיך ענטוויקעלט אַן ערנסטע שלאַכט, און איך האָב מיך איינגיכען איבערצייגט, אַז איך געפין מיך הינטער דער רוסישער קאַמפּסליניע. אַרום מיר האָט מען געטריבען מחנות געפאַנגענע, צווישען וועלכע איך האָב בעמערקט אַ יונגען אָפיציר פון'ם אינפאַנטערישען הערצאָג וויל־העלם-פּאָלק.

איך האָב איהם אַ שאָקעל-געטהאָן מיט'ן קאָפּ, איז ... צו

בעגאַנגען. דעמאָלט האָב איך אים גענומען אונטער דער האַנד, און פון דעם מאָמענט-אָן האָבן מיר זיך פעסט געהאַלטן צו־זאַמען. ער האָט אָנגעשריגן נאָך ערגער פון מיר. מען האָט אים איבערגעלאָזט בלויז דעם מונדיר, די שטיוועל און די הויזן. זיין קאָפּ און די הענט זענען געווען נאַקעט. דער הוט, דער מאַנטעל און בכלל אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, זענען צוגענומען געוואָרן. „מיין נאָמען איז שפּער. איך בין אַ פּאַסטאָרס אַ זון פון פילדער"— האָט ער אָנגעהויבן דערציילן. האָב איך אויך אָנגעהויבן דערציילן, וואָס מיט מיר איז געשען און צו אונז האָבן זיך בעהאָפט נאָך [illegible]. מיין יונגער קאָזאַק איז אַוועק צו די זייניגע, און מיר זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו אַנדערע, וואָס האָבן אונז ווייטער געפירט.

דער טראַנספּאָרט האָט זיך גערוקט פאָראויס הינטער דער רוסישער קאַוואַלעריע. רעכטס פון אונז איז שטאַרק געפייערט געוואָרן פון האַרמאַטן. מען האָט אונז צוגעפירט אין אַ וואַלד, ווייט פון דער שלאַכט.

שפּער האָט געהאַלטן בעסער מוטיג שטאַרבן, ווייל עס איז שוין ניטאָ געווען צו וואָס צו לעבן. הונגער און דורשט האָבן אים געפּייניגט. איך בין אויך געגאַנגען מיט אַ לעדיגן מאָגן. ער האָט מיר געראַטן, מיר זאָלן קויפן בראָנפן, זיך גוט אָנטרינקען, פאַרדרייען זיך אויפן שניי און אויף-אָרום אַנשלאָפן וועלן אויף אייביג. זיין פּלאַן איז מיר געפעלן געוואָרן, אָבער איך האָב געזאָגט, אַז מען קאָן די אייגענע זאַך שוין אויך מיט קאַלטן וואַסער. מיר האָבן ביידע נישט גע־האַט קיין געלד צו קויפן בראָנפן, אָבער ביי זאַ פּראָסט, וואָס האָט זיך וויילעוויי געשטאַרקט און ביי אונזער מידיגקייט, וועלן מיר [illegible] וואַסער בעקומען דעם אייגענעם עפעקט.

אויפן וועג האָבן מיר בעגעגנט אַ סך רוסיש מיליטער, איבערגעפּאַקטע [illegible], אין גרויסע שינעלן, קוטשמעס און אויף די קוטשמעס — געלע צלמ'לעך. זיי האָבן געטראָגן ביקסן און שוואַרצע שטיוועל פון לעדער. די אָפיצירן זענען געווען אָנגע־טאָן אין גרין [illegible] רויט און האָבן געטראָגן זויבערע קוטשמעס.

אונז האָט געהודש'ט זייער מיליטערישע אָרדנונג. זיי האָבען אויסגעזעהן ווי פּורעים און זענען דאָך געגאַנגען אין געשלאָסע-נע רייהען. אַ סך פראַנצויזען, בעזונדערס די אָפיצירען פון אונזער טראַנספּאָרט, האָבען זיך געפּרובט קלאָגען פאַר די רוסישע אָפי-צירען דערויף, וואָס מען האָט זיי צוראַבירט. אָבער יענע זענען געגאַנגען ווייטער זייער וועג און די קאָזאַקען אויף די פערד האָבען מיט די נאַהאַיקעס פערטריבען די פּראָטעסטירער.

איך בין געגאַנגען געאָרעמט מיט שעפער'ן, און קיינער האָט אונז מעהר נישט בעליידיגט. מען האָט אַ קאָמאַנדע גע-טהאָן צו אונזער טראַנספּאָרט: „אָפיצירען פאָראויס!" איך און שעפער האָבען תיכף דערפילט דעם בעפעהל און זענען נישט אָראָפּגעגאַנגען פון דעם אָנגעוויזענעם פּונקט. אָבער די אונצופרי-דענע פראַנצויזען האָט מען עפּטער געשלאָגען מיט די נאַהאַי-קעס, און עטליכע פרויען האָבען די גאַנצע צייט געוויינט און געיאָמערט. איך וויים נישט פאַרוואָס—צי דערפאַר, ווייל מיר האָבען געהאָרכט די קאָמאַנדע אָדער דערפאַר, ווייל מיר האָ-בען זיך געהאַלטען לויט דער מיליטערישער דיסציפּלין—נאָר אַנ'-אַלטער קאָזאַק איז צוגעפאָהרען צו מיר און האָט מיר פאָרגע-לעגט אַ פערד, וואָס ער האָט געפּאַקט אין דער שלאַכט און האָט איצט געפיהרט פאַר דער צוים. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן פערד און דער קאָזאַק האָט גענומען די צוים אין דער האַנד. דאָס זייגענע האָט אויך שעפער בעקומען.

מיין קאָזאַק, כאָטש ער האָט שוין געהאַט גרויע האָאָר אין קאָפּ און אין באָרד, האָט אָבער אויסגעזעהן זעהר בראַוו און כוואַטיש און האָט געפּרובט פערפיהרען אַ שמועס מיט מיר. אויף אַלע זיינע ווערטער האָב איך געענטפערט אויף דייטש יאָ אָדער ניין, אָדער איך האָב צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דעם זין פון מאַנכע ווערטער האָב איך, אפנים, יאָ פערשטאַנען, צום ביי-שפּיעל: „נישט אמת, די קאָזאַקען זענען אַ וואויל פאָלק?"

נאָך פריהער האָט ער געטיילט מיט מיר זיין ברויט, איבש האָט ער מיר געגעבען זיין בלייענע פלאַש מיט בראַנפען און דערצו נאָך אַ שטיקעל צוקער. זיין גוטסקייט האָט זיך אָבער בעשטיצט אויף אַ געוויסען געדאַנק: ער האָט געמיינט, אַז איך

האָב גאָלדשטיק אין מיין שוואַרצען ויידענעם שאַרף. אַ מאָל צווי, האָט ער איהם בעטאַפּט ביי מיר אויפ׳ן האַלז און נאָכדעם האָט ער איהם צוגענומען. זיין גראָבען שינעל האָט ער אויך פּערטרויסט אויף מיינעם. צולעצט האָט ער זעהר געוואָלט, איך זאָל איהם אַוועקגעבען מיינע סאַמעטענע וועג-שטיוועל און דערביי האָט ער מיר אָנגעוויזען, אַז ער וועט מיר צוריקגעבען זיינע. דאָסמאָל אָבער איז ער געבליבען ביי זיין חשק.

מיר זענען דערווייל געקומען אין אַ דערפעל, וואו עס האָבען זיך געפונען אַ סך פּערוואונדעטע. ביי דעמדאָזיגען דערפעל איז אין רייהען געשטאַנען רוסיש מיליטער. רעכטס פון אונז האָט מען נאָך אַלץ געפייערט פון האַרמאַטען.

אַנ׳עלטערער אָפיציר, וואָס האָט מיר אויסגעוויזען, ווי אַ דייטש, איז געזעסען אויף אַ פערד. איך האָב איהם אַ פרעג געטהאָן, וואוהין מען פיהרט אונז. „אין באָריסאָוו!"—איז געווען דער ענטפער. נאָך עטליכע פראַגען האָט ער געזאָגט: „היינט וועט זיך מסתמא ענדיגען די מלחמה, וויל היינט האָבען מיר געפּאַקט דעם פויגעל מיט׳ן נעסט."

דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, אַ שניי האָט געשאָטען. אינגיכען האָט זיך אָנגעהויבען אַ זאַווערוכע און עס איז צוגעפאַלען די נאַכט. אָהן אַ שינעל, אָהן הענטשקעס און אָהן אַ היטעל איז שעפער גאָר דערפראָהרען געוואָרען און ער האָט שוין בעסער געוואָלט געהן צופוס. אונזער קאָזאַקען-קאָמאַנדע איז שטאַרק פערקלענערט געוואָרען. מיין אַלטער קאָזאַק איז אַוועק פון אונז און איצט האָב איך געמוזט אַוועקגעבען צוריק דאָס פערד.

מיר זענען געגאַנגען דורך אַ וואַלד, און וואו-נישט-וואו האָבען נאָך דערבערענט פערלאָזטע שיטערהייפענס. דער וועג איז געווען זעהר אַ שווערער, דער שניי האָט געשאָטען און געשאָטען און ווינד און שניי האָט געהוליעט איבער אונז. מיינע כוחות האָבען זיך אויסגענומען, דער הונגער האָט געמוטשעט, אויפ׳ן האַרצען איז געווען ביטער, אין קעשענע ליידיג און איך בין אַריינגעפאַלען אין אַזאַ שטימונג, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, מיין

לעצטע מינוט איז אָנגעקומען. געהענדיג, זענען אַ סך שוין אַנידערגעפאַלען אויף אייביג, און שפּעטער טויט האָט נאָך פערגרעסערט מיינע אַנגסטען.

פון ווייטען האָבען מיר בעמערקט דאָס פייער פון אַ גרויסער שרפה. מיר האָבען גערעכענט, אַז דאָס ברענט באָריסאָוו, אין דערדאָזיגער שטאָדט זענען מיר געקומען שפּעט ביינאַכט און טויט-מיד. עפּיס אַ שווערע זאָרג האָט מיר געגעסען דאָס האַרץ. וואָס וועט מען דאָ טהאָן מיט אונז?

מען האָט אונז לאַנג אַרומגעפיהרט איבער די גאַסען, ביז די קאָזאַקען האָבען געפונען דעם מענשען, וואָס האָט אונז בעדאַרפט איבערנעהמען אין זיין רשות. דאָ האָט מען אונז צוגעפיהרט צו אַ קליין הייזעל. איינער פון אונזערע פיהרער איז אַריין אין הייזעל, אַ צווייטער האָט געהיט די טהיר און די איבריגע האָבען אַרומגערינגעלט אונזער מחנה, וואָס איז בעשטאַנען פון דריי-פירהונדערט פאַרשוין, עטליכע פראַנצויזישע אָפיצירען האָבען געוואָלט אַריינגעהן אין הייזעל, אָבער זיי האָבען בעקומען אַ פּאָרציע מיט דער נאַהאַיקע און האָבען זיך אומגעקעהרט אויף זייער אָרט.

ביי אַ שעה צייט האָבען מיר דאָ געוואַרט. צולעצט איז אַרויס אַ פעראָרדנונג, מען זאָל אונז אָבפיהרען ערגעץ. אין שטאָדט איז געווען אַ שרעקליכע מהומה, הייזער האָבען געברענט און משונה בעלויכטען די אַרומיגע זאַכען און אונז האָט מען געפיהרט אַקוראַט צו די הייזער, וואָס האָבען געברענט. דעמאָלט האָט אונזער עולם גענומען שמועסען, אַז מען וויל אונז פערברענען. האָט זיך אויפגעהויבען אַ גוואַלד און אַ געיאָמער און אַ בעטען צו גאָט, בעזונדערס האָבען די פרויען געוויינט און איינגעלעגט אַ וועלט. אויב עס איז בעשערט צו שטאַרבען אין פייער, נו, מילא,—האָב איך געטראַכט און האָב בעשלאָסען נישט אַרויסצודרעהען זיך פון אונזער מחנה. מען האָט אונז אָבער נישט געוואָלט פערברענען, מען האָט נאָר געוואָלט, מיר זאָלען זיך דערוואַרימען ביים פייער. דאָס איז אייגענטליך געווען דער זין פון בעפעהל. אַרום די ברענענדיגע הייזער האָב איך געזעהן

הונדערטער געפאַנגענע, איך האָב אָבער קיין איין געפאַנגענעם נישט געזעהן אין פייער.

דאָ האָט אונז אַרומגערינגעלט די רוסישע אינפאַנטעריע. ווי מיר האָבען זיך שפּעטער דערוואוסט, זענען עס געווען סאָל-דאַטען פונ׳ם סאָבאָלסקער פאָלק. מיר זענען געווען טויט-מיד און האָבען געציטערט פון פחד און פראָסט!

מיר האָבען זיך אַנידערגעלעגט אויף דער ערד, וואָס דאָס פייער האָט אויסגעטריקענט און וואָס מענשען האָבען אויסגע-טראָטען. לכתחילה האָט מען נישט געקאָנט שלאָפען, ווייל די [illegible]ריגע שומרים אונזערע האָבען געוואַכט ביי אונז דאָס, וואָס די קאָזאַקען האָבען אונז איבערגעלאָזט. די, וואָס האָבען געהאַט ראַנצעס, האָבען איצט בעדאַרפט זיי צוועקגעבען, און דער, וואָס האָט זיך פער׳עקשנ׳ט, האָט בעקומען בעצאָהלט אויפ׳ן אָרט. אַנדערע ראַנצעס זענען אפילו אומגעקעהרט געוואָרען נאָכדעם, ווי זיי זענען גוט אַרומגעזוכט געוואָרען. עמיץ האָט מיך גע-פרעגט: „דו ביזט אַ קאַפּיטאַן?“ — „יאָ“, — האָב איך געענטפערט. אַן אַנדער ענטפער וואָלט מיך סיי-ווי נישט בעפרייט פון אַ רע-וויזיע. איצט האָב איך שוין אינגאַנצען פערלאָרען אַלץ, וואָס די קאָזאַקען האָבען מיר פריהער איבערגעלאָזט. אָבער נאָך גוט, וואָס מען האָט מיך נישט געשלאָגען.

איך האָב מיך הייגט זעהר נישט גערן געשיידט מיט מיין כירורגישען אינסטרומענט און אַנדערע זאַכען, איצט אָבער האָט מיר זעהר באַנג געטהאָן מיין לולקע, וואָס איך האָב געקויפט אין ווין נאָך דער שלאַכט ביי וואַגראַם. אויף איהר איז געווען אויסגעמאָלט, ווי עמע פאָן-פאַלקענשטיין גיסט הייליגען ברמזאייל אויף דער וואונד פון איהר ריטער, וואָס איז געקומען אין קלוי-סטער און ווי זיי דערקאָנען איינאַנדער דורך די פינגערלעך.

אָבגעריסען פון די אַלע, וואָס איך האָב זיי ליב געהאַט און צו זיי געהערט, פערלאָרען אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך, האָב איך מיך איצט געפונען צווישען טויזענדער פרעמדע מענשען, אַנ׳עלענדער, אַנ׳אָרימער און אַנ׳אומגליקליכער, ווי זיי אַלע. אַ שרעקליך מידער, וואָס די מידקייט האָט איבערגעשטייגט

דעם הונגער, בין איך געלעגען אויף דער ערד, דערוואָרימט פון דער שרפה. עפּיס אַ שטילקייט האָט אונז אַלעמען אַרומגעכאַפּט, און אָט האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין לעבען געהערט, ווי סאָלדאַטען בעטען צו גאָט.

אַ משונה׳דיגע מחנה איז געלעגען. נעבען מיינע פיס איז געלעגען אַ פּאָליאַק. רעכטס—אַן׳איטאַליענער, לינקס—אַ שפּאַניער אָדער אַ פּאָרטוגאַלער און ביי מיין קאָפּ האָט גערוהט אַ פראַנ-צויז. מיר זענען זעהר איינג געלעגען.

זיפצען, געוויין און תפילות, און איך האָב געהערט, ווי כמעט אויף אַלע לשנות פון דער אייראָפּעאישער קאַטוילישער וועלט זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען די נעמען פון די היילינע און עס איז איבערגע׳חזר׳ט געוואָרען די תפילה „אַווע מאַריע“. ווי שטענדיג, אין אַ מינוט פון אַ גרויסער נויט, האָבען מיך די תפילות בערוהיגט און געטרייסט.

איך האָב אפשר געשלאָפען אַ צוויי שעה. אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזעהן, אַז אַלץ אַרום מיר שלאָפט שטיל און רוהיג און אַז מיר ווערען בעוואַכט פון אַ הייפעל שומרים. דעמאָלט האָב איך בעשלאָסען זיך אויפצוהויבען און פּרובען אָבזוכען מיינע לאַנדסלייט. איך בין לאַנג אַרומגעגאַנגען צווישען די שלאָפענדיגע און קיינער האָט מיר נישט געשטערט, אָבער מיין זוכען האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. צולעצט האָב איך דאָך געפונען ביי אַ פייער פיר מאַן פון די לייכטע יע-גערס. איינער פון זיי איז געוועזן אַ וואַכטמייסטער. בין איך באַלד אַריין אַ פינפטער אין דערדאָזיגער קאָמפּאַניע. מען האָט גע-שמועסט פון מאַכען פליטה און זיי האָבען גערעכענט, אַז זיי וועט עס געלינגען, ווייל איינער פון זיי האָט פערשטאַנען עט-וואָס פּויליש און אַ צווייטער, ווידער, האָט געהאַט אַ ביסעל געלד. זיי האָבען געגלויבט, אַז עס איז פאַרהאַן נאָך אַ בריק אויף דער בערעזינא, אַ בריק, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פאַר די בייערן. אָבער אַז איך האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער טעות, אַז קיין בריק איז נישטאָ און אַז צוליב דעם-דאָזיגען טעות בין איך אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט, האָ

בען זיי זיך אָבגעזאָגט פון זייער פּלאַן און האָבען גענומען מאַכען עסען. איך האָב נאָך געהאַט עטוואָס קאָווע, אַ צווייטער האָט געהאַט עטליכע קאַרטאָפעל.

עס איז שוין געווען לאַנג נאָך האַלבער נאַכט. מיר זענען געזעסען ביי אַ קליינינקען פייער, פערזונקען אין טריבע מחשבות. צו אונז איז צוגעגאַנגען אַ דייטש — אַ רוסישער מיליטערישער בעאַמטער. די ניידיגקייט, אפנים, האָט איהם אַזוי פריה אַרויסגעיאָגט צו די געפאַנגענע און האָט דערביי מסתמא זיכער געמיינט, אַז ער וועט זיי דאָ צופרידענשטעלען. אָבער מיר זענען גאָרנישט געשטימט געווען צו ריידען וועגען די מלחמה-געשעהעניש. האָט ער אונז געפרעגט, ווער מיר זענען און פון וואָסער שטאָדט. דערהערט, אַז איך בין אַ דאָקטאָר, האָט ער זיך אָנגערופען: „נו, היינטיגע צייטען קאָן זיך אַ דאָקטאָר זעהר גוט איינאָרדנען. אונזער גענעראַל נעהמט-אָן דאָקטוירים פון די געפאַנגענע, אָבער לויט אַ בעזונדער בעפעהל און איבערהויפט דייטשען". דיזאָזיגע ווערטער האָבען אויף מיר קיין שום רושם נישט געמאַכט. דער בעאַמטער איז אַוועק, אָבער מיין קליינע געזעלשאַפט האָט גע-טענה'ט, אַז איך מוז נעהמען אין אַכט דעם בעאַמטענס ווערטער. איבערהויפּט האָט זיך געסטאַרעט דער וואַכמיסטער, וואָס האָט געוואָלט פערבלייבען ביי מיר אַלס דינער און אַזוי אַרום פערבעסערן זיין לאַגע.

די נאַכט איז אַוועק. איבדערפריה, דעם 29-טען נאָוועמבער, איז געווען קאַלט און נעבעלדיג, און איבער די פּלעצער און חורבות פון באָריסאָוו האָבען זיך בעוועגט מאַסען רוסען, קאָזאַקען, געפאַנגענע, פרויען און יודען. איך האָב צוגעזאָגט מיין קאָמפּאַניע, אַז איך וועל זיך אומקעהרען צוריק נאָכדעם, ווי איך וועל מיך קריגען אַרויסראַטעווען פון מיין שווערער לאַגע, און איך בין אַוועק אין שטאָדט. איך האָב באַלד דערזעהן דעם בעאַמטען, וואָס האָט אונז ביינאַכט געמאַכט אַ וויזיט. בין איך צוגעגאַנגען צו איהם, פערפיהרט אַ שמועסט און זיך אָנגערופען: „איך נעהם מיך אונטער צו אַרבייטען אין די שפּיטאָלען, אַלס דאָקטאָר, בעת דער גאַנצער צייט פון מיין געפאַנגענשאַפט. איהר זאָגט

מיר נאָר, וואו האָב איך מיך צו ווענדען וועגען דעמסדאָזיגען ענין", האָט ער מיך אַוועקגעפיהרט צו אַן׳אָפיציר פון אַ באַהעגטער הויפטוואַך. דער אָפיציר האָט גערעדט דייטש, האָט ער באַלד צוגערופען זיין אונטעראָפיציר, וואָס האָט אויך פערשטאַנען דייטש און האָט איהם געהייסען, ער זאָל מיך אָבפיהרען צום גענעראַל.

איך בין באַלד געשטאַנען פאַר׳ן גענעראַל, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַ סך אָפיצירען אין פערשידענע אוניפאָרמען און שינעלען. דער גענעראַל האָט אַ קוק געטהאָן מיט רחמנות אויף מיין עלענדער פיגור. דאָס וואַרימע צימער האָט זעהר גוט געווירקט אויף מיר.

„ווער זענט איהר?"—האָט ער מיך אַ פרעג געטהאָן אויף דייטש, און איך האָב מיך אָנגערופען: „איך בין אַן׳עלטסטער דאָקטאָר, בעלטען אינפערפריה האָט מען מיך גענומען אין געפאַנגענשאַפט. איך בין גרייט צו אַרבייטען אין שפיטאָל, אַלס דאָקטאָר, כל-זמן עס וועט זיך ציהען מיין געפאַנגענשאַפט. איך האָב איינט ביינאַכט געהערט, אַז די רוסען געהמען-צו דייטשע דאָקטוירים". דער גענעראַל האָט ווידער געפרעגט: „צו וואָס פאַר אַ פאָלק געהערט איהר? פון וואַנען זענט איהר?" פון מיין ענטפער האָט ער זיך בעזונדערס אָבגעשטעלט אויף שטוטגאַרט, און אַזוי ווי איך האָב איהם געקאָנט ענטפערן אויף זיינע ספּעציעלע פראַגען (זיי האָבען בלויז געהאַט אַ שייכות צום גראַף ווייטענשטיין, וואָס האָט דאָרט געוואוינט), איז ער געוואָרען זעהר העפליך און פריינדליך.

אונזער שמועס, וואָס האָט זיך געצויגען אַ מינוט דריי-פיר, איז איבערגעריסען געוואָרען דורך געפאַנגענע פראַנצויזען. דער גענעראַל האָט זעהר פריינדליך אויסגעהערט יעדערן, ווי צרה׳דיג און שרעקליך יענער האָט גישט אויסגעזעהן. אייגער פון זיי האָט אפילו געטראָגען אַ צודעק פאַר פערד. דער גענעראַל האָט איהם אַ פרעג געטהאָן, ווער איז ער אַזוינער, האָט ער געענטפערט: „איך בין אַן׳עסקאַדראָן־קאָמאַנדיר אין אַ יעגער-פאָלק א. א. וו. נאָר אָט איז אַריינגעגאַנגען אַ מיליטערישער דאָקטאָר.

וואָס האָט אויסגעזעהן נאָך ערגער, ווי איך און אַלע אַנדערע, וואָס זענען דאָ געשטאַנען. ער איז געווען מאָגער און שוואַרץ, ווי דער טרופּ פון אַ נעגער, אָבגעריסען און אָבגעשליסען, ווי אַ בעטלער, און מיט ציטעריגע הענד האָט ער געוויזען אַ געמיש פון רויהע גערשטען, אַרבעס און ערד, און געזאָגט: „דערמיט נעהר איך מיך שוין פינף טעג. איך בין געפאַנגען און קראַנק־געהט, און וואָס פאַר אַ צושטאַנד איך געפין מיך." דעמאָלט האָט דער גענעראַל אַ זאָג געטהאָן צו זיין דינער, וואָס איז דערביי געשטאַנען: „ברענג־אַריין ברויט! דידאָזיגע מענשען ליידען שרעק־ליך!" דער דינער האָט אַריינגעטראָגען אַ ברויט און אַ פונט פופצעהן־צוואַנציג און האָט עס פערטיילט צווישען זיי.

איך בין אַוועק מיט מיין חלק ברויט אין דער זייט און האָב געפרעגט דעם אָפיציר, וואָס איז געזעסען ביים קאַמין נע־בען דער טהיר און האָט גערויכערט אַ [illegible]: „ווער איז דער דאָזיגער גענעראַל?" „דאָס איז גראַף [illegible]," האָב איך בעקומען אַן ענטפער. איך האָב עס [illegible] פערשטעהן פון'ם שמועס וועגען שטורעם, [illegible] קעגנאַנג איז ביי אונז אַזוי אָבגעשוואַכט [illegible], ווי די [illegible]־שע כוחות. בעקומען דעמדאָזיגען ענטפער, בין איך אַוועק ווייטער און בין צוגעגאַנגען צו אַ גלעזערנער טהיר, וואָס האָט זיך געעפענט, ווען איך האָב זי בעריהרט מיט מיין מאַנטעל. בין איך אַריין אין צימער און האָב געזעהן, ווי אַ סך אָפיציערען שלאָ־פען אויף היי. האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אין ווינקעל און גענומען עסען דאָס ברויט, אָבער אַז איך האָב מיך פערטראַכט וועגען מיין ביטערער לאַגע, בין איך איינגעשלאָפען.

איך האָב, מסתמא, לאַנג געשלאָפען, ווארום אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזעהן, אַז אַלץ אַרום מיר האָט גאָר אַן אַנדער מראה. די אָפיציערען זענען שוין נישט געווען, דאָס היי, אויף וועלכען זיי האָבען געשלאָפען, איז אויך צוגע־נומען געוואָרען, און איך בין געזעסען אַליין אין ווינקעל. די שיריים פון מיין ברויט זענען געלעגען אויף מיינע קניה. אין צימער איז זעהר שטיל געווען, און איך האָב מיך אויפגעהויבען.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער גלעזערנער טהיר און דערזעהן דעם גראַף אין צווייטען צימער. ער איז געווען אַליין; ביים טיש איז ער געזעסען, מיט'ן רוקען צו מיר, און האָט געשריבען. איך האָב געוואָלט אַרויסגעהן שטילערהייד, אָבער ער האָט מיך בעמערקט. האָט ער זיך אויפגעהויבען און געפרעגט: „איהר זוכט נאָך דאָ? איך ראָט אייך, איהר זאָלט אַרויסגעהן אין שטאָדט. איהר וועט זיכער בעגעגענען דעם הויפטדאָקטאָר פון מיין אַרמעע" (ער האָט מיר אויספיהרליך אָבגעשילדערט זיין וואוקס און אויך די אַלע סימנים, לויט וועלכע מען קען איהם דערקענען). „אויפ'ן רוקען טראָגט ער אַ ברוין לעדערן זעקעל און ער געהט פון שטוב צו שטוב, טאָמער בעדאַרף מען פערבינטעווען אַ וואונד, אָפּעריירען א. ד. גל. איהר גיט איהם איבער אייער פערלאַנג און זאָגט איהם, אַז איך האָב אייך געשיקט." מיט'ן ברויט אונטער'ן מאַנטעל האָב איך מיך פערנייגט פאַר'ן גראַף און אַרויס פון שטוב.

אויפ'ן מאַרק האָט שוין איצט נישט אַזוי געשווירבעלט און געגריבעלט פון מענשען, ווי אינדערפריה, און מיין נאַכט-קאַמפּאַניע, מיט וועלכער איך האָב מיך איצט געוואָלט טיילען מיט'ן ברויט האָב איך, צום בעדויערן, נישט געפונען, מחמת מען האָט שוין אוועקגעפיהרט דעם גרעסטען טייל געפאַנגענע. פונדעסטוועגען האָט דאָ אַלץ נאָך געטראָגען אַ מלחמה-כאַראַקטער. באַלד ווי איך האָב נאָר געמאַכט עטליכע טריט אין גאַס, האָב איך דערזעהן אַ מענשען, וואָס איז געווען ענהליך צו יענעם, וועלכען דער גראַף האָט מיר אָבגעמאָלט. ער איז אַריין אין אַ הויז רעכטס פון מיר, און הינטער איהם איז געגאַנגען אַ צווייטער, וואָס האָט געטראָגען אויפ'ן רוקען אַ לעדערן זעקעלע. איך האָב בעגונען געהן שנעלער מיט מיינע שוואַכע פיס און בין אַריין אין קיך פון זעם הויז נאָך פריהער, איידער ער. די דינסט, וואָס איז בעת מעשה געשטאַנען ביים אויווען, האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, דערזעהענדיג אַזאַ פאַרשוין, ווי איך. האָט זי אויסגעשריען און אַרויסגעלאָפען אין צימער. באַלד האָט זיך בעוויזען אַ שענע ליבע בליהענדיגע פרוי, אָנגעטהאָן אין ווייסע.

אַזאַ פּרוי און אַזאַ זיבערקייט האָב איך שוין נישט געזעהן, זינט מיר זענען אַריינגעטראָטען אין פּאָלאַנד, אין מאָסקווע און נאָכדעם אין באָבּרויסק.

„וואָס געבעהרט איהר?" האָט זי מיך אַ פרעג געטהאָן מיט מיטלייד. „גראַף וויטגענשטיין האָט מיך געשיקט אַהער",— האָב איך געענטפערט. די פרוי איז טיעף פערשוואונדען געוואָרען, אָבער אין דער איינענער רגע איז זי געקומען מיט'ן מאַן. נאָכדעם ווי איך האָב זיי אין קורצען דערציילט, צו וואָס איך בין געקומען אַהער, ווער איך בין און ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט, האָט דאָקטאָר וויט (דאָס איז ער טאַקי געווען. אין דער צייט איז ער געווען הויפּט-שטאַבּדאָקטאָר פון גראַף וויטגענשטיינס אַרמעע) געבעטען זיין פרוי, מען זאָל מיר געבען עפּיס וואַרימעס צום טרינקען. האָט מען מיר באַלד געגעבען טיי, וואָס איך האָב געטרונקען מיט אַזאַ ציטערניש און צאַפּעניש, אַז איך פלעג עפּטער צוטרייסען דאָס טעצעלע צום אויער און נישט צום מויל. דאָס אייגענע איז דערנאָך געשעהן מיט'ן לעפעל, בשעת איך האָב געמישט בּיי זיי. ביים טיש האָט מען זיך, נאַטירליך, צושמייכעלט. דאָקטאָר וויט האָט דערציילט, אַז מיט צוויי טאָג צוריק איז געקומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט אַ גאַנצער טראַנספּאָרט מיט קראַנקע און פערוואונדעטע ווירטעמבערגער צוזאַמען מיט פיר דאָקטוירים. זיי אַלע געפינען זיך אין איין דאָרף, צעהן ווערסט פון דאַנען.

דער מיטאָג, וואָס איז געגעבען געוואָרען, ווי אין שלום-צייט, אויף אַ סערווירטען טיש און וואָס איז טאַקי געווען זעהר בעטעמ'ט, האָט מיך פשוט מחיה-געווען. ביים טיש איז אויך געזעסען אַ רוסישער דאָקטאָר מיט'ן נאָמען וויגמאַן, וואָס האָט געשטאַמט פון העסען. דאָס האָט ער פריהער געטראָגען דאָס לעדיגע זעקעלע. אין יונגע יאָהרען איז ער אַלס העסישער סטודענט געקומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט דורך די פראַנצויזען. ביי די פראַנצויזען האָט ער געדינט אַלס דאָקטאָר, אָבער גיך בעדעווין איז ער פון דאָסניי איבערגעגאַנגען צו די רוסען.

נאָכ'ן מיטאָג זענען צום דאָקטאָר וויט געקומען עטליכע

רוסישע דאָקטוירים, עטליכע אַדיוטאַנטען פון גראַף וויטגענשטיין, אָפיצירען פון דער קייזערליכער גוואַרדיע און אַנדערע. זיי האָבען מיך אויסגעפרעגט וועגען אונזער ריקצוג און מען האָט אַ לענגערע צייט געשמועסט.

שפּעטער בין איך אַרויס אין גאַס. איך האָב אַרומגעבלאָנקעט איבער'ן שטעדטעל מיט דער האָפנונג צו טרעפען מייגע לאַנדסלייט, אָבער איך האָב קיין איינעם נישט געטראָפען. דערפאַר האָב איך געזעהן אַ סך זאַקסישע דראַגונער און פראַנצויזישע אינפאַנטעריסטען. זיי זענען געווען פון פּאַרטונאַס דיוויזיע, וואָס האָט זיך איבערגעגעבען און געפאַנגענשאַפט מיט אַ נאַכט פריהער און וואָס איז היינט נאָך האַלבען טאָג געקומען קיין באָריסאָוו*). מען האָט זיי דערלויבט צו האַלטען ביי זיך זייער באַגאַזש און די ראַנצעס.

איך בין ווידעראַמאָל געקומען צום דאָקטאָר וויט. ער און זיין העלפּליכע פרוי האָבען אָנגענומען ערנסטע מיטלען צו פערבעסערן מיין ביטערע לאַגע. דידאָזיגע גוטע מענשען האָבען זיך בעצויגען מיט אַזויפיל מיטלייד צו מיין קראַנקהאַפטען צושטאַנד, אַז מיין אַכטונג און דאַנקבאַרקייט צו זיי וועט זיך קיינמאָל נישט אויסלעשען.

דידאָזיגע נאַכט האָב איך גרויסאַרטיג געשלאָפען אויף היי, אין אַ וואַרימען צימער. דעם 30־טען נאָוועמבער אינדערפריה האָט די שטאָדט נאָך אויסגעזעהן, ווי אַ שטאָדט אין אַ מלחמה־פונקט. אָבער איצט האָב איך געזעהן מעהר רוסיש מיליטער, איידער געפאַנגענע. איך האָב אויך דאָ געהערט, אַז די אַלטע וויכטיגסטע גענעראַלען, וואָס זייערע נעמען זענען מיר בעקאַנט געוואָרען אין פערלויף פון דערדאָזיגער מלחמה, האָבען זיך איצט געפונען אין באָריסאָוו. אויסערדעם, האָט מען געשמועסט,

---

*) פּאַרטונאַס דיוויזיע, וואָס האָט געהערט צום קאָרפּוס פון'ם מאַרשאַל וויקטאָר, איז אָבגעשניטען געוואָרען פון איהר קאָרפּוס און איז דעם 27־טען נאָוועמבער געצוואונגען געווען זיך אונטערצוגעבען.

אַז פֿאַר צװײ טעג צײַט זענען גענומען געװאָרען אין געפֿאַנגענ-שאַפֿט 30,000 מאַן.

אין דעם אײגענעם טאָג האָט מען אױך געבראַכט עטליכע פֿראַנצױזישע דאָקטױרים, װאָס האָבען געהערט צו דער פֿראַנצױ-זישער אַרמעע און װאָס האָבען פֿאָרגעלעגט זײער דינסט אַלס דאָקטױרים פֿאַר דער צײַט פֿון זײער געפֿאַנגענשאַפֿט אױף די אײגענע בעדינגונגען, װי איך. אָבער דאָקטאָר װיט האָט צוגענו-מען בלױז אײן דאָקטאָר מיט'ן נאָמען דוקרוא, װאָס האָט גע-שטאַמט פֿון קעניגסבערג.

דער גוטער דאָקטאָר װיט האָט אונז בײדען קודם-כּל בע-שטימט אינ'ם דאָרף זשיצקאָװ, צעהן װיאָרסט פֿון באָריסאָװ, בײם טראַקט, װאָס האָט געפֿיהרט קײן פּאָלאָצק. דאָרט האָבען זיך גע-פֿונען 3000 פֿערװאונדעטע און קראַנקע, רוסען און געפֿאַנגענע און אַרום זײ איז געגאַנגען בלױז אײן דאָקטאָר.

דעם 1-טען דעצעמבער האָט ער געמאַכט די נױטיגע פֿעראָרדנונג װעגען די קראַנקע און פֿערװאונדעטע, װי אַזױ און װאוהין מען זאָל זײ איבערפֿיהרען, און דעם 2-טען איז ער אַװעקגעפֿאָהרען. ער האָט מיר געגעבען אַ פּאַפּיר, אין װעלכען עס איז געזאָגט געװאָרען, אַז איך בעדאַרף איבערנעהמען די שטעלע פֿונ'ם דאָקטאָר אין זשיצקאָװ. דער זשיצקאָװער דאָקטאָר האָט בעדאַרפֿט אַװעק מיט זײן קאָרפּוס. דוקרוא, װידער, איז גע-שיקט געװאָרען מיר צו דינסט.

די גאַנצע רוסישע אַרמעע איז אַװעק פֿאָראױס. איך האָב מיר איבערגענומען דעם דאָקטאָר װיטס װאױנונג און געװאַרט אױף דער פֿעראָרדנונג פֿונ'ם באָריסאָװער קאָמענדאַנט. אָבער אַזױ װי עס זענען אַװעק גאַנצע דרײ טעג און די פֿעראָרדנונג איז נישט געקומען, בין איך מיט דוקרואַ'ן אַװעק צום קאָמענ-דאַנט. אין דער אײגענער װאױנונג, װאו איך האָב פֿריהער גע-שמועסט מיט'ן גראַף װיטגענשטײן, האָב איך איצט געטראָפֿען צװײ שטאַבאָפֿיצירען, װעלכע איך האָב דערקלערט אױף דײטש מײן ענין און דערבײ אױך צוגעגעבען, אַז איך װאָלט געװאָלט אַרבײטען, ברענגען עפּיס אַ נוצען. האָבען זײ אַ פֿרעג געטהאָן:

„פאַרוואָס רייסט איהר זיך, דייטשען, אַזוי צו דער אַרבייט?" נאָך די ווייטערדיגע פראַגען וועגען אונזער ריקצוג, וועגען דער בעציהונג פון די דייטשען צו די פראַנצויזען א. ד. גל. האָב איך זיי געענטפערט אויף דער לעצטער פראַגע: „דער סאָלדאַט פון אַ גרעסערער מלוכה נעהמט זיך אַליין פאָרצוג. ווען מיר זענען אַמאָל, אין דער צייט פון דער דייטשער אימפעריע, געגאַנגען צוזאַמען מיט די עסטרייכער, האָט מען אונז עפטער געזאָגט: „עי, איהר פירשטליכע סאָלדאַטלעך, מאַכט אונז אַ וואַרע, וואָרום מיר דינען דעם גרויסען קייזער!" זינט מיר האָבען זיך פערבונדען מיט די פראַנצויזען, הערען מיר אויך דאָס אייגענע: „אַ גרויס פאָלק האָט שטענדיג פאָרצוג!"

איינער פון די צוויי אָפיצירען האָט בעמערקט: „אינ'ם מענשליכען לעבען איז שוין שטענדיג אַזוי — סיי אין גרויסען, סיי אין קליינעם. די רוימער האָבען נאָך געזאָגט: „איך האָב נאָכגעגעבען דעם עלטסטען".

זיי האָבען מיך פערזיכערט, אַז מיר וועלען קאָנען מאָרגען אַוועקפאָהרען.

אָבער באָריסאָוו האָבען מיר ערשט פערלאָזט דעם 7-טען דעצעמבער; דרויסען האָט געבערענט דער פראָסט. אויפ'ן וועג האָבען מיר געטראָפען אַ סך איינצעלנע רוסישע סאָלדאַטען און אַ סך טרופעס פון אונזער אַרמעע. אין אָווענד זענען מיר געקומען קיין זשיצקאָוו, וואו מיר האָבען באַלד געטראָפען דעם דאָקטאָר וו. ער האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט אונז און נאָכמעהר מיט'ן פאַפיר, אין וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז ער זאָל געהן מיט זיין קאָרפוס. ער האָט אונז זעהר פריינדליך אויפגענומען און האָט אונז מכבד־געווען, מיט וואָס ער האָט געקאָנט. אין זיין וואוינונג איז געווען איינג, מיר האָבען נאָך איינגער געמאַכט. איך האָב דאָרט געטראָפען פיר ווירטעמבערגער דאָקטוירים, נעמליך: מיין פריינד ציפערלען און די יונגערע דאָקטוירים קונלע און הערטנער. די פאַמיליע פונ'ם פעריטען האָב איך פערגעסען: ער איז איינגיכען געשטאָרבען.

דער רוסישער דאָקטאָר וו. האָט זיך איצט מבין-געווען אין

וועג אַריין, נאָכדעם, ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן זיינע קראַנקע און נאָכדעם, ווי ער האָט גוט אויסגעפּאַטשט זיין דיפּער דערפאַר, ווייל ער האָט נישט גוט געזאָלצן דאָס קאַלבענפלייש, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער נסיעה, איז ער אַוועקגעפאָהרען צוזאַמען מיט ציפּערלען׳ען.

אַנ׳אָפיציר, וואָס האָט פערוואַלטעט מיט דער ווירטשאַפט אין זשיצקאָוו, האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַ שפּייכלער, וואָס איז געווען פערלייגט מיט שעפּסענע פעלצלעך און האָט מיר געהייסן אויסקלייבען זיך אַ פעלצעל. נאָכדעם האָט יעדער פון אונז בעקומען אַ סאָלדאַט, וואָס קאָן דייטש, אַלס איבערזעצער. איך האָב בעקומען גאַנצע צוויי איבערזעצער, זעהר געשיקטע יונגען. איינער פון זיי האָט געהייסן איוואַן קרינסקי, אַ קצב׳ס אַ זוהן און האָט געשטאַמט פון ריגע, און דער צווייטער, ווערדע, איז געווען אַ זוהן פון אַ גערטנער אין פּעטערבורג. זיי פלעגען אונז בעגלייטען צו די חולאים, פלעגען אונז בעלייכטען און דערביי איבערזעצען אַלץ, וואָס איז גערעדט געוואָרען און אין דערהיים האָבען זיי אונז בעדינט, געמאַכט עסען א. ד. גל.

איצט האָט זיך אָנגעהויבען אונזער אַרבייט. פון אַלע זייטען האָב איך בעקומען איינלאַדונגען פון פערוואונדעטע אָפיצירען, וואָס דאָקטאָר וו. האָט זיי שוין אינפאָרמירט וועגען מיר. אַ סך פון זיי זענען געלעגען אין שלעכטע פריוואַטע הייזלעך. מיט די סאָלדאַטען איז געווען נאָך ערגער. מאַנכע הייזלעך זענען געווען פול געפּאַקט מיט פערוואונדעטע סאָלדאַטען.

דער גרעסטער טייל אַרבייט איז דורכגעפיהרט געוואָרען אָדער איבערפינסטער, וואָרום דער טאָג האָט איינגאַנצען געדויערט אַ פינף שעה, אָדער אין שלעכט בעלויכטענע קליינטשקע הייזלעך, וואָס זענען פול געפּאַקט געווען מיט מענשען. אין אָנהויב האָבען אויסגעפעהלט די סאַמע נויטווענדיגסטע זאַכען צום היילען און אויפצופּאַסען אַ חולה. בלויז האָלץ איז געווען גענוג. עס האָבען געפעהלט ליכט, און דעם גאַנצען ווינטער האָבען מיר געמוזט אַרבייטען פאַר׳ן שיין פון אַ קיהנעלע. אַזוי ביינאַכט און אַזוי אפילו בייטאָג.

ווי שווער עס איז אונז אויסגעקומען צו אַרבייטען באַלד אין אָנהויב, קאָן מען לייכט זעהן דערפון: מיר האָבען, צום ביישפּיל, נישט געהאַט קיין קאָרפּיע און קיין לייוועגד—צו מאַכען בינטען. דער אָפּיציר האָט אונז אפילו געבראַכט אַ ביסעל לייוועגד, אָבער דאָס איז געווען אַ לייוועגד פון גראָבע שוואַרצע און שמוציגע העמדער, וואָס זענען על-פּי-רוב גענומען געוואָרען ביי די פּוילישע פּויערים פון דער געגענד. צו בעקומען לאַנגע בינטען פון זיי, האָבען מיר זיי געשניטען פון דעם פאָדערשטען ברעג צום מיטען און אַזויאַרום פלעגען מיר בעקומען שלעכטע און זעהר נישט קיין גלייכע בינטען. קאָרפּיע האָבען מיר געהאַט אויך אַזויפיל, אויף וויפיל עס פלעגען זיי בעקומען די אָפּיצירען אָדער די סאָלדאַטען אַליין. קיין פלאַסטערס האָבען מיר אינגאַנצען נישט געהאַט. עס האָבען אויך געפעהלט די אַלע מיטלען פאַר אַ ריכטיגען בינט. די קאָרעבּרעטלעך, וואָס ווערען בענוצט ביים בינטעווען איבערגעבראָכענע ביינער, האָבען מיר געמוזט מאַכען פון שפענער.

וועגען כירורגישע אינסטרומענטען איז גאָרנישט וואָס צו ריידען. אויסער דעם מעסער, וואָס דאָקטאר וויט האָט מיר געגעבען, איז מעהר גאָרנישט געווען. דוקרוּאַ האָט יאָ עפּיס געהאַט, אָבער ער האָט זיך שטענדיג אַרויסגעדרעהט פון צו מאַכען אָפּעראַציעס. דערפאַר אָבער האָט מיין מעסער געבראַכט גרויס נוצען, מעהר פון די אַלע מעסערס, וואָס איך האָב ווען געהאַט. אגב איז עס אויך געווען זעהר אַ גוט מעסער. איך קאָן זיכער זאָגען, אַז מיט דער הילף פון דעמדאָזיגען מעסער האָב איך בלויז אין זשיצקאָוו אַליין אויסגעשניטען ביז צוויי הונדערט קוילען און אַנדערע זייטיגע געגענשטאַנדען. מיט דעמדאָזיגען מעסער האָב איך געמאַכט ביז צוויי הונדערט פערבּרייטערונגען אין וואונדען, געעפענט די פיסטעל-וועגען צו וואונדען און אַראָבגעשניטען זעהר אַ סך קערפּערטיילען, וואָס זענען אונטערגעוואָרפען געוואָרען אַנ'ענטצינדונג.

קיין רפואות זענען אויך נישט געווען. און ווי שטאַרק די קראַנקע האָבען נישט געליטען, איז דאָך נישט געווען מיט וואָס

צו שטילן זייערע יסורים. מיינע וויזיטן האָבן זיך על־פּי־רוב געענדיגט דערמיט, וואָס איך האָב געהייסן זיך האַלטן ביי אַ געוויסער דיעטע אָדער צוגעוואָרפן עטליכע טרייסט־ווערטער.

זעהר פריה, נאָך איידער עס פלעגט אָנהייבן טאָגן, פלעגן מיר אַרויסגיין פון שטוב צו אונזערע קראַנקע און פער־וואונדעטע. מיר האָבן באַזוכט דאָס דאָרף, וואָס איז בעשטאַ־נען פון אַ לאַנגער שורה הייזער מיט שטייבלערס און שייערן פון הינטן, אויף דריי חלקים. יעדער האָט אַלע טאָג בעזוכט איין מאָל, על־פּי־רוב צוויי מאָל, זיין אָבטיילונג.

אַלע פּאַציענטן זענען געווען זעהר בעשיידן, הענליך אַזוי דאַנקבאַר. זייער בעציהונג צו מיר האָט מיר שטענדיג צוגעגע־בען מוט. זיי האָבן געטיילט מיט מיר זייער וועש און עסן, וואָס זיי האָבן געהאַט. אָבער בעזונדערס גוט האָט געווירקט אויף מיר זייער טיי, מיט וועלכן זיי פלעגן מיך עפּעס מכבד־זיין.

דער מלחמה־טיפוס, אָדער די מלחמה־פּעסט האָט שטאַרק געוועלטיגט אין אונזער דאָרף. פערשפּרייט האָט זיך דיזאָזיגע פּעסט דורך אונז—געפאַנגענע. וואָרום איך האָב געזעהן איהר אָנהייב אין לאַגער ביי טשערניטשנאַ, איהר פערשטאַרקונג ביים ריקצוג און איהר פערשפּרייטונג אין זשיצקאָוו. דיזאָזיגע קראַנק־הייט האָט געוועלטיגט מיט אַזאַ אכזריות און כוח, אַז איך וועל גאָרנישט מגזם־זיין, ווען איך וועל זאָגן, אַז אַ העלפט חולאים זענען אויסגעשטאָרבן. צווישן די געפאַנגענע איז די שטער־בליכקייט געווען נאָך אַ גרעסערע.

צווישן די, וואָס האָבן בעדאַרפט ליגן אויף יענער וועלט, האָט זיך אויך געפונען אַ געפאַנגענער אונטעראָפיציר, מיט וועלכן קוהלע איז שוין לאַנג בעקאַנט געווען. נאָך אין אויגוסט האָט איהם אַ גראַנאַט, אונטער סמאָלענסק, צושמעטערט די קניה. מען האָט דעמאָלט געמאַכט אַן אַמפּוטאַציע און די וואונד איז פערהיילט געוואָרן. אינ׳ם שווערן ריקצוג איז ער צוזאַמען מיט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט פערוואונדעטע אַריינגעפאַלן

אין געפאנגענשאפט, נישט ווייט פון באבער, און נאכדעם איז ער געבראכט געווארען קיין זשיצקאוו. דא האט זיך די פערהיילטע וואונד פון דאסניי געעפענט. די הויט און די מוסקולען זענען אראבגעצויגען געווא[illegible]ען צוריק און א מאס'ער שווארצער ביין האט ארויסגעשטעקט. אליין איז ער אויך געווען שווארץ, ווי א נעגער, [illegible]ון רויך און שמוץ. ער איז שטארק אבגעצעהרט געווא־רען און איז געלעגען אין היץ, אבער ביים טולען בעוואסטזיין.

[illegible]טעך פלעגט ער זיך ווענדען צו קונלע'ן מיט איין-און-דערזעלבער פראגע: „פארוואס קומט עס מיר אזויפיל צו ליידען און צו מוטשען זיך?“ אבער איינמאל האט איהם קונלע געענט־פערט דערויף: „איהר שטעלט מיר שטענדיג דידאזיגע פראגע, זאבער איך מוז אייך איין מאל פאר אלעמאל ענטפערן אויף איהר. איהר זאלט וויסען, אז פריהער אדער שפעטער ווערט בעצאהלט פאר די גוטע אדער שלעכטע מעשים, און מיר דאכט זיך, אז עס איז געקומען די שעה פאר אייערע פערברעכערישע נחאלדסאטען, פאר אייער שרעקליכער רציחה אין שטיריען. אייער קראנקהייט איז אזא, אז איהר וועט שוין נישט העלפען נישט אונזער קונסט און נישט אייערע כוחות. עס איז אויך נישטא וואס צו האפען דערויף, אז די לאגע אונזערע וועט זיך ענדערן צום גוטען. און דעריבער בעט צו גאט, ער זאל אייך פערגעבען אייערע זינד, ווארום עס קאן זיין, אז ער וועט אייך איינגיכען א רוף טהאן אויף יענער וועלט.“

דעמאלט האט דער אונטעראפיציר בענומען זאגען יענע תפילה, וואס א מענש זאגט פאר'ן טויט: „ווער ווייס, ווי נאהענט אונזער סוף איז...“ מיר האבען איהם צוגעווארפען עטליכע טרייסט-ווערטער און זענען אוועק און אין עטליכע טעג ארום איז ער געשטארבען.

איך געדענק נאך איצט זעהר גוט די בעטיכטע פון דער־דאזיגער רציחה. באלד נאך וואגראם זענען מיר געגאנגען קיין פיומע און זיך צוריקגעקעהרט דורך שטיריען. דא האט דער אונ־טעראפיציר דערשאסען אין א דארף א בעקער בלויז דערפאר, ווייל יענער האט אין דער מהומה, בשעת די מאסען מיל טער

זענען אַדורכגעגאַנגען און געפּאָדערט ברויט, איהם נישט אַזוי שנעל דערלאַנגט דאָס ברויטעל, וואָס ער האָט געוואָלט קויפען. דאָסדאָזיגע פערברעכען האָט אַרויסגערופען אַ גאַנצע סענסאַציע. דער שולדיגער איז באַלד צוגעצויגען געוואָרען צום געריכט, אַ האַלב יאָהר האָט מען איהם געזעהן אין קייטען, ווי אַנ'אַרע-סטאַנט, אָבער מיר איז נישט בעקאַנט, ווי אַזויאַרום איז ער בעגנעדיגט געוואָרען.

ביי דער גרויסער אַרבייט און ביי אַ פערבעסערטער נאַה-רונג בין איך באַלד געקומען צו די כחות. איך בין געוואָרען בעזינגדטער און פעסטער און לעבענסלוסטיגער, און איך האָב מיך זעהר גוט געשפּירט. מיט איין וואָרט, מיר איז געווען גוט, און דעריבער איז מיר פיל מאָל געקומען אין זינען די פראַגע, פאַר-וואָס ווער איך אַלץ שטאַרקער און געזינדטער, בשעת אַלץ אַרום מיר גוסס'עט און שטאַרבט? איך האָב אודאי נישט פערגעסען צו דאַנקען דעם הימעל דערפאַר און אויך פאַר מיין רעטונג, אָבער אין האָב איך נישט פערגעסען הופעלאַנדס ווערטער: „דאָס שפּירען זיך בעזונדערס גוט איז אַנ'אָנזאָג פון אַ נאָהנטער קראַנקהייט".

איינמאָל, אינדערפריה, ווייהנאַכט-צייט לויט'ן רוסישען סטיל, בין איך אין מיין געוועהנליכער שעה אַרויס פון שטוב אין אַ מונטערן און געזונדטען צושטאַנד. איך האָב שוין פערענדיגט אַ גרויסען טייל פון מיינע ענינים און געהאַלטען ביים אַריבערגעהן פון איין הויז אין אַ צווייטען, איז מיר פלוצלונג, פונקט ווי אַ קלאַפּ פון אַ דונער, בעפאַלען אַ קראַנקהייט. די כחות האָבען מיך פערלאָזען און איך בין אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד און פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין. די שרעקליכע קראַנקהייט האָט מיך באַלד אַרומגעכאַפּט מיט אַזאַ כח, אַז פון דעם אַלעם, וואָס איז מיט מיר נאָכדעם געשעהן, געדענק איך בלויז, ווי צוויי רוסישע סאָלדאַטען האָבען מיך אַריינגעטראָגען אין מיין וואוינונג.

אַרומגעלעגט מיט היי און שטרוי, האָב איך פערבראַכט אויף די נאַרעס אַ סך טעג אָהן בעוואוסטזיין און אין היץ.

אין יאַנואַר 1813 איז אָבגעטראָטען דער קריטישער מאָ-

מענט פון דער קראַנקהייט, איך האָב מיך אָנגעהויבען בעסערן און דאָס בעוואוסטזיין האָט זיך צוריקגעקעהרט. דעמאָלט איז צו דזקרוש׳ן געקומען אַ יונגער פראַנצויזישער דאָקטאָר, האָט ער זיך שטאַרק גע׳חדוש׳ט, וואָס איך ליג אָהן רפואות און האָט מיר גע-געבען עטליכע טראָפּענס מיענטע-אייל אויף צוקער. איך האָב זיי איינגענומען און פערשטאַנען, אַז איצט בעדאַרף איך אויסהאַלטען דעם קאַמף מים׳ן טויט. אין מויל האָט מיר געברענט, עס האָט געשטאָכען און געביסען, פונקט ווי איך וואָלט איינגענומען הייס צושמאָלצען מעטאַל. איך האָב מיך געדרעהט, ווי אַ וואָרם, אָבער קיינער האָט מיר נישט דערלאַנגט קיין טראָפּען וואַסער. איך האָב מיך לאַנג געמוטשעט, ווי אַ ווילד-משוגע׳נער, אָבער איך בין דאָך אַריבערגעקומען די גרויסע יסורים. איך בין געווען שרעקליך אויפגערעגט און דער יונגער פראַנצויזישער דאָקטאָר איז דערווייל אַנטרונען געוואָרען.

מיין רוסישער דענשטשיק האָט זיך זעהר געסטאַרעט, איך זאָל געזונד ווערען. ער האָט מיך אָבגעהיט און אויפגעפּאַסט, ווי אַ קינד און האָט גאָלאַנאַנד געבעטען צו גאָט פאַר מיר. אָבער אַז ער האָט געענדיגט די דייטשע תפילות, האָט ער זיך גענומען צו די רוסישע—אפשר וועלען די העלפען.

איך האָב מיך זעהר לאַנגזאַם פערבעסערט אין געזונד און האָב מיך זעהר שטאַרק געקימערט וועגען מיין געהער און מיין ראיה. די לאַנגע נעכט, וואָס פלעגען זיך שרעקליך ציהען אָהן שלאָף, האָבען מיך שטאַרק געפּייניגט. אַרום מיר פלעגען אַלע שלאָפען שטאַרק און רוהיג.

אין די לעצטע פעברואַר-טעג האָב איך מיך אַזויפיל פערבע-סערט אין געזונד, אַז איך האָב שוין געקאָנט אָנהויבען אַרביי-טען. פאַר דער צייט זענען אויך געזונד געוואָרען אַ 500 פאַר-שוין פון אונזערע פערוואונדעטע און קראַנקע, וואָס האָבען צ׳אַט בעוואַרט, מען זאָל זיי אויסשרייבען. פאַר דערדאָזיגער צייט זענען אַריינגעטראָגען געוואָרען פערבעסערונגען אין אַ סך זאַכען: ער-שטענס, האָט מען אָנגעהויבען געבען בעסער עסען, צווייטענס, האָט מען בעקומען די נויטיגסטע רפואות און, דריטענס, זענען

איך געבראַכט געוויסע מאַנכע אינסטרומענטן. דער באָריסאָ־װער קאָמענדאַנט האָט אויך צוגעשיקט אַ זאַק קאַרטאָפֿל און בינ־מען, וואָס די קייזערין־מוטער מאַריע פֿיאָדאָראָװנע האָט איהם צוגעשיקט פֿון פּעטערבורג. אין אונזער דאָרף האָט זיך בעוויזען מילך, פּוטער, ווײַן און האָניג. דער עולם האָט גאָר אויפֿגעלעבט.

סוף מערץ האָט זיך פֿערקלענערט די צאָהל פֿון אונזערע פֿער־װאונדעטע. די געזונד־געוואָרענע רוסישע סאָלדאַטען, אין אַ צאָהל פֿון פֿינפֿהונדערט מאַן, זענען אָװעגעשיקט געוואָרען צוריק אין דער אַרמײַ, און די געפֿאַנגענע האָט מען אָװעקגעפֿיהרט קיין פּאָלאָצק.

פֿאַר דער גאַנצער צײַט, סײַ פֿאַר און סײַ נאָך מײַן שווע־רער קראַנקהייט, האָב איך מיך אַלץ געסטאַרעט צו ברענגען אַ נוצען די רוסישע אָפֿיצירען און סאָלדאַטען, ווי אויך די אַלע געפֿאַנגענע פֿון אַלע פֿעלקער. דאָס האָט מיר פֿערשאַפֿט זעהר אַ גוטען נאָמען. די אָרימע דוואָריאַנעס האָבען מיך איצט עפּעס אײַנגעלאַדען צו זייערע חלאָים. דער קאָמענדאַנט פֿון באָריסאָוו, פּאָלקאָוניק סוועטשין, וואָס איז צו יענער צײַט געוועזען קאָמאַנדיר איבער די מאָסקווער רעקרוטען, האָט געהערט, ווי דער עולם לויבט מײַן מעדיצינישע טעטיגקייט, האָט ער מיך אין אַפּריל 1813 איבערגעפֿיהרט קיין באָריסאָוו און געגעבען מיר אַן אָרט אין האָספּיטאַל פֿון דערדאָזיגער געגענד. איצט בין איך געוואָרען זײַן דאָקטאָר. ער איז געוועזען אַ גוטע רעקאָמע פֿאַר די אָרימע דוואָריאַנעס, פּויליש פּריצים און אָפֿיצירען און אַלע האָבען מיך אײַנגעלאַדען אַלס דאָקטאָר. פֿון דער צײַט־אָן האָבען גענו־מען שטייגען מײַנע אַקציעס. איך האָב מיך, נאַטירלין, נאָכ־מעהר געסטאַרעט און מײַן שם האָט זיך שטאַרק פֿערשפּרייט.

אָט ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט דאָס געדענקליכע 1812־טע יאָהר, דאָס סאַמע מערקווירדיגסטע יאָהר אין מײַן לע־בען! איך בין אויסגעהיט געוואָרען פֿון שווערדען, פּיקעס, שפּי־זען און פֿײַלען; פֿון קוילען, קעלט און, צולעצט, פּעסט. און איך קאָן זאָגען צוזאַמען מיט העלערטין: „גרויסער גאָט, איך דאַרף דײַן נאָמען לויבען. דו האָסט מײַן גורל אין דײַן האַנד גע־האַלטען און דײַן אויג האָט שטענדיג איבער מיר געוואַכט.“

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל.

אין באָריסאָוו.—דער גורל פון אַ סך פרויען און קינדער.—דאָס פאַהרען קיין סטודענקאַ.—אַ קרגאַן.—דער רויב פון בערעזין.—קלעפ מיט אַ קנוט.—געפאַנגענע פון נאָך דער שלאַכט ביי בוריצען.—אַ דייטשער לעגיאָן.—באַראָן קאָרסאַק.—די יודישע שפּראַך.—אַ מלחמה-מעשה פון יאָהר 1809.—אַ וואונדערליכע פערוואונדונג.—עטוואָס וועגען דייטשען.—דאָס שליסען שלום.—מיין אָבפאָהר פון באָריסאָוו.—אַ בעפעהל פון'ם וירטעמבערגער קעניג.—נייס פון דערהיים.—אַ מיטטיילונג וועגען מיין טויט.—אַן'אינטערעסאַנטער בריף פון לויטענבורג.—לעצטע בעמערקונגען.

אַ וואָך פאַר פסח בין איך געקומען אויף מיין נייעם אָרט. אומעטום, סיי אין די הייזער און סיי אין דרויסען, אין די אָפיצירישע וואוינונגען, אין פאַמיליען-וואוינונגען, אין די הייזער, וואו עס האָבען זיך געפונען שפּיטאָלען, ווי אויך אויף די גאַסען און מערק—אומעטום האָב איך געפונען שפּורען פון דער

מלחמה, וואָס האָט זיך אַזוי שרעקליך פערענדיגט אויף דעמדאָזיגען אָרט. דער מאַרק איז געװען פערשטעלט מיט די געפאַנגענע האַרמאַטען, טראַנספּאָרטען, פורגאָנעס א. ד. גל. אויף די גאסען האָבען זיך נאָך געװאַלגערט שיריים פון געװעהר, וואָס דער שׂונא האָט עס בעדעקט און דאָס שטעדטעל איז געװען פאַק און פול מיט רוסישע סאָלדאַטען, רעקרוטען, געפאַנגענע פון אַלע פעלקער, אין פערשידענפאַרביגע צוריסענע קליידער און שמוציגע יודען-הענדלער און פויערים, וואָס האָבען געבראַכט צום פערקויפען זײערע פּראָדוקטען.

אין די דערפער און אויך דאָ האָט מען איצט פלייסיג צונויפגעזאַמעלט דאָס געװעהר, וואָס איז פערבליבען פון פיינד אויף דער רוסישער ערד. מען האָט אויך געברענט די קליידער און די אַלע זאַכען, וואָס האָבען געהערט צו מענשען און פערד פון דעם פיינדס אַרמעען און מען האָט גערייניגט די הייזער.

דעם יודישען דאָקטאָר הירש האָט די שטאָדטישע מאַכט איבערגעגעבען אויסצורויכערן די קוואַרטירען. איך האָב אויך געהאַט פולע הענד מיט אַרבייט. מען האָט בעדאַרפט היילען דאָס מיליטער און זיך אויך פערנעהמען מיט פּריוואַטער פּראַקטיק. עס וואָלט מיך צו-חייט פערפיהרט, ווען איך וואָלט געװאָלט דערצעהלען די אַלע, צייטענווייז זעהר טשיקאַווע פאַקטען פון קראַנקהייטען און זייער אויסגאַנג. איך נעהם אַרויס בלויז עטליכע צופאַלען, וואָס זענען מעהר אינטערעסאַנט און וואָס האָבען פּאַסירט מיט מיר און אַרום מיר אין יענער וואונדערליכער צייט.

בשעת איך בין דעם 26-טען נאָוועמבער אַדורכגעגאַנגען באָרדיסאָוו צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון דער גרויסער אַרמעע, האָב איך אין דערדאָזיגער שטאָדט מיט הילצערנע הייזער בעמערקט איין געמויערט הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן מאַרק. די פּראָבלעם האָבען איינגעאָרדענט אין דעמדאָזיגען הויז אַ שפּיטאָל. געהערשט האָט דאָרט אַ שרעקליכע אונאָרדנונג. אַז איך בין דעם 28-טען נאָוועמבער נאָכאַמאָל געקומען קיין באָריסאָוו, אָבער שוין אַלס געפאַנגענער, און האָב אַרומגעבלאָנקעט אין ער'ן מאַרק, האָב איך דערזעהן אַ שרעקליך בילד: דורך די

פירען און פענסטער פון שפיטאָל האָט מען אַרויסגעוואָרפען די טויטע קערפּער און זיי זענען געלעגען קופּעסווייז, איינגעפראָהרענע.

פון אָט דעם פערשמוצטען און אָנשטעקענדיגען הויז האָבען די רוסען נישט געמאַכט קיין שפּיטאָל. אָנשטאָט דעם האָבען זיי בעזעצט דאָס הויז מיט די סאַמע אומגליקליכסטע כּפּנשען פון דערדאָזיגער מלחמה: מיט פרויען און קינדער. איבער דרייהונדערט פרויען, מיידלעך און קינדער, וואָס זענען צוריקגעבליבען געוואָרען אויף די פּלעצער ביים איבערגעהן דעם טייך בערעזינאַ, זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרען אַהער.

איצט שטעלט אייך פאָר די פרויען און די לאַגע זייערע: די מענער זענען אָדער דער׳הרג׳עט געוואָרען אָדער גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. די פרויען זענען געבליבען אַליין אין אַ פרעמדען לאַנד, אין קעלט, נויט און פּיין. אַרום זיי האָבען זיך געבאָמבעלט אַ סך קינדער, וואָס האָבען פערלאָרען די עלטערן, און דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען מיט די פראַנצויזען פון פערשידענע ערטער אין אייראָפּאַ, איבערהויפּט אָבער פון גרויסע דייטשע שטעדט, בעזונדערס פון האַמבורג. אַנדערע פון זיי זענען שוין אַהער געקומען קראַנקע אָדער מיט סימנים פון אַ קראַנקהייט. איצט האָבען זיי אַלע געוואוינט אין אַ הויז, וואו עס האָט פריהער געוועלטיגט דער טיפוס. אָבער זייער שרעקליכע לאַגע איז דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה פון אומגליק און שרעק, ווען זיי זענען אַלע קראַנק געוואָרען און איינע האָט נישט געקאָנט העלפען דער צווייטער. אין דער גאַנצער פאַר ווייהנאַכט האָט גענומען ברענען דאָס הויז. דאָס פייער האָט אַרומגעכאַפּט אַלץ און אַלעמען, און דער, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט ראַטעווען, איז פערברענט געוואָרען.

פונדעסטוועגען האָבען נישט אַלע געפאַנגענע פרויען געהאַט אַזאַ סוף. מאַנכע האָבען זיך שוין דאָ פריהער איינגעאָרדענט ביי גוטע מענשען און אַ סך אומגליקליכע קינדער האָבען געפונען אַנדערע עלטערן. מאַנכע מיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען מיט די פראַנצויזישע אָפיצירען, האָבען דאָ געפונען שטעלעס

די פּאָליאַקן און רוסן האָבן זיך אפילו זעהר גע'חדוש'ט, וואָס אין דער פערבינדעטער אַרמעע געפינען זיך אַזוי-פיל פרויען און קינדער. ביי די רוסן זעהט מען עס נישט, זיי פלעגן מיך עפטער פרעגן וועגן דעם און איך פלעג זיי ענטפערן, אַז אין דער דייטשער אַרמעע איז שוין פון לאַנג אַזאַ מנהג: אַ ראָטע אָדער אַן'עסקאַדראָן מעג האָבן אַ צוויי-דריי פרויען. זייער אַרבייט בעשטעהט אין בעזאָרגען דאָס מיליטער מיט וועש און שפייז בשעת'ן מאַרש אָדער אין לאַגער. אינ'ם איצטיגען קריג מיט די רוסן האָבן זיך אָבער געפונען ווענינגער פרייוויליגע פרויען, ווי אין די אַנדערע מלחמות, און דעריבער איז די צאָהל פרויען אַ גאַנץ קליינע קעגען אַזאַ געוואַלטיגער אַרמעע.

איינמאָל, בשעת איך בין אַדורכגעגאַנגען אַ קליין געסעל, האָב איך דערהערט ווי אַ יודישע פרוי קריגט זיך אין אַ הויז מיט אַ דייטש. לויט'ן קול האָט דער דייטש בעדאַרפט זיין אַ יונגערמאַן און לויט דער אויסשפּראַך — מיינער אַ בן-עיר. בין איך אַריין אין הויז און האָב דאָרט געטראָפען אַ יונגענמאַן אין אַ רוסישער מיליטערישער פאָרם. געהייסען האָט ער ווייקאַרד און געשטאַמט האָט ער פון היילבראָן, אָבער אין פעטערבורג האָט ער זיך אויפגעהאָדעוועט. ער איז געווען אַ קאָלאָנע-פיהרער אינ'ם רוסישען קאַוואַלערישען קאָרפּוס פון גראַף לאַמבערט, אָבער אין די נאָוועמבער-פרעסט האָט ער אָבגעפראָהרען די פינגער פון די פיס.

וועדליג ער דערצעהלט, האָט ער זיך בעטייליגט אינ'ם קאַמף פון 21-טען נאָוועמבער, וואָס איז פאָרגעקומען נאָהנט פון דער שטאָדט צווישען פראַנצויזען, פּאָליאַקן און רוסען. ער האָט אויך געזעהן דעם 7-טען ווירטעמבערגישען פּאָלק, וואָס איז אין יענעם טאָג נאָר-וואָס געקומען פון דאַנציג. דערדאָזיגער פּאָלק האָט זיך בעטייליגט אין דער שלאַכט ביי דער בריק און האָט געהאַט גרויסע פערלוסטען. אַז איך האָב איהם איינמאָל געבעטען, ער זאָל מיר ווייזען אויפ'ן אָרט דעם גאַנצען גאַנג פון דערדאָזיגער שלאַכט, האָט ער מיך צוגעפיהרט צו די שיריים פון אַן'אָפּגעבּרענטען הויז און פון אָבגעבּרענטע מענשליכע ביינער.

„דאָס זענען די שריים פון אונזערע לאַנדסלייט,—האָט ער זיך אָנגערופען.—זיי זענען פערוואונדעטע געוואָרען אין דערדאָזיגער שלאַכט און זענען געבראַכט געוואָרען אין דעמדאָזיגען הויז. אָבער דאָס הויז האָט אָנגעהויבען ברענען, און די, וואָס האָבען זיך נישט געקאָנט ראַטעווען, זענען פערברענט געוואָרען."

דרויסען איז געוואָרען פריהלינג. די וועגען זענען אויסגעטריקענט געוואָרען, די בוימער זענען בעדעקט געוואָרען מיט גרינע בלעטער. אויף די פעלדער האָט זיך בעוויזען גראָז, און אָט האָבען מיר איינמאָל אין אַ זונטאָג בעשלאָסען אויסצופיהרען אונזער פלאַן—אַראָבפאָהרען, רייטענדיג, אינ'ם דערפעל סטודענקאַ, יענס אָרט, וואו נאַפּאָלעאָן איז איבערגעגאַנגען דעם טייך בערעזינאַ. אַרויסגעפאָהרען זענען מיר אינדערפריה אין דער געזעלשאַפט פון אינזשענערן-אָפיצירען, וואָס האָבען בעדאַרפט אָברייניגען דעם טייך, אויסבויען בריקען און בריקען-פעסטונגען, און אַ לעהרער פון אַנ'אויעזד-שולע, וואָס האָט זעהר גוט געקאָנט די דאָזיגע געגענד און איהר געשיכטע. מיר האָבען אויסגעוועהלט דעם וועג, איבער וועלכען עס איז געגאַנגען די גרויסע אַרמעע. דעמדאָזיגען וועג בין איך אויך אַדורכגעגאַנגען: ער האָט זיך געצויגען איבער אַלט-באָריסאָוו.

געקומען אינ'ם דאָרף סטודענקאַ, וואָס איז געווען איינגאַנצען צושטערט און אויסגעגלייכט מיט דער ערד, האָבען מיר צו אונזער גרויסען וואונדער דערזעהן, ווי אַלץ איז געדיכט פערוואַקסען מיט תבואות און בעזונדערס יענס אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דאָס דאָרף. דאָס קאָרן, האָבער א. ד. גל., וואָס דאָס מיליטער האָט פערשאָטען אינ'ם דאָרף בשעת זיין איילינען מאַרש, זענען גרויסאַרטיג אויפגעגאַנגען אינ'ם דאָרף און אויף די אַרומיגע פעלדער. דאָס קאָרן האָט זעהר שען געוואַקסען, נאָר וואונישט-וואו האָט זיך אַרויסגעזעהן אַנ'אָבגעבראָכענער קוימען אָדער אַ האַלבער אויווען. מען האָט געשמועסט, אַז באַלד ווי די אַרמעע איז אַוועקגעגאַנגען, האָבען די איינוואוינער פון דאָרף געוואָלט פון דאָסניי אָבבויען עס און זיך בעזעצען דאָ, ווי פריהער, אָבער אַלעקסאַנדער I האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז

דאָס דאָרף סטודענקאַ בעדאַרף אויסגעגלייכט ווערען מיט דער ערד און טאָר מעהר נישט עקזיסטירען. אין מזרח און אין מערב פון דעמדאָזיגען דאָרף האָבען זיך געפונען גרויסע קברים-קורגאַנעס. איין קורגאַן, וואָס האָט זיך געפונען נעבען יענעם אָרט, וואו איך האָב פערבראַכט די נאַכט פון 26-מען אויפ׳ן 27-טען נאָוועמבער, איז געווען הויך, ווי אַ פויערש הייזעל און אויף איהם האָבען געוואַקסען סאָסנעס.

אונזער לעהרער פערזיכערט, אַז דערדאָזיגער קורגאַן איז אַנטשטאַנען מיט הונדערט יאָהר צוריק, ווען די רוסען האָבען אויף דעמדאָזיגען אָרט אויפגעהאַלטען דעם טייך-איבערגאַנג פון די שוועדען אונטער דער אָנפיהרונג פון קאַרל XII. דער קורגאַן עקזיסטירט נאָך ביז היינט. דער לעהרער זאָגט, אַז מען קאָן זיך דערין לייכט איבערצייגען: מען בעדאַרף איהם נאָר עטוואָס אָבגראָבען און באַלד וועלען זיך ווייזען ביינער פון מענשען.

אַ סך העכער און גרעסער איז דער צווייטער קורגאַן, וואָס איז נישט לאַנג אַנטשטאַנען אין מערב פון דאָרף סטודענקאַ. דאָרטען ליגען שוין אונזערע העלדען, וואָס זענען געפאַלען אין שלאַכט אָדער דערפראָהרען געוואָרען אָדער זענען גאָר אומגעקומען פון הונגער און נויט אין דערדאָזיגער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע. לויט די אָרטיגע בעווייזען, איז די צאָהל טויטע דערגאַנגען אין די היבשע טויזענדער.

אַז מיר זענען צוגעפאָהרען צו דעם טייך, וואָס איז דאָ נישט ברייט און בעזונדערס צו יענעם אָרט, וואו נאַפּאָלעאָן האָט אויפגעשטעלט צוויי בריקען פאַר זיין אַרמעע, האָבען מיר דאָ געטראָפען אַ מאַיאָר פון יבשה- און וואַסער-פערקעהר צוזאַמען מיט אַן׳אָפיציר און עטליכע סאָלדאַטען. אויף דעמדאָזיגען אָרט האָט דער מאַיאָר בעדאַרפט אויסרייניגען דעם טייך פון דעם אַלעם, וואָס דאָרט איז פערבליבען נאָכ׳ן איבערגעהן דעם טייך. ער האָט אונז אַ סך דערצעהלט וועגען די רעזולטאַטען פון זיין אַרבייט. דער טייך (לויט אונזער אַלגעמיינער מיינונג האָט ער אין דער ברייט פון 16 ביז 18 קלאַפטער; איין ברעג איז אַ משופּע׳דיגער און אַ פּעטטער, דער צווייטער—אַ פלאַכער און אַ זומפּיגער;

דער שטראָם איז נישט קיין שטאַרקער) איז אויבען און אונטען
אין זיין שטראָם נישט בלויז פערלעגט געוועזען מיט טויטע קער-
פער פון מענשען און פערד, נאָר אויך מיט אַ סך אַנדערע זאַ-
כען, וואָס געהערען צו אַנ'אַרמעע. נאָך ווינטער האָט מען אויס-
געהאַקט פון אייז און אַרויסגעגראָבען פונ'ם שנײ טרופּעס פון
מענשען; אין די אַרומיגע וועלדער האָט מען געפונען געוואַלטי-
גע מאַסען טרופּעס פון דערפראָהרענע מענשען, וואָס זענען גע-
זעסען אונטער די בוימער אָדער זיך פערוואַלגערט אין די
שנײען.

ביי דידאָזיגע טרופּעס האָט מען געפונען אַ סך טייערע
זאַכען, ווי: זייגערס, געלד, אָרדענס, געוועהר א. ד. גל. די
פויערים, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען אויפצוקלויבען די
טרופּעס, האָבען געפונען די אַלע טייערע זאַכען, אָבער מען
האָט זיי געמוזט אַוועקנעמען די פּריצים. אפילו דער מאַיאָר
אַליין, בשעת ער איז ביי־געווען ביי דער אַרבייט אויף דעמדאָ-
זיגען ברעג, האָט אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער אַ סך טשעמאָדאַ-
נעס, קאַסטענס, ראַנצעס א. ד. גל.

ער האָט געהאַט גרויסע זאַפּאַסען געוועהר, זאָטלען, שליטעס,
אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס ער האָט אויפגעזאַמעלט אויף די פעל-
דער אַרום באָריסאָוו. די יודען אין באָריסאָוו האָבען געמאַכט
גרויסאַרטיגע געשעפטען, נישט-געקוקט דערויף, וואָס אַ גרויסען
טייל פונ'ם געוועהר האָט מען בעדאַרפט אָבגעבען דער רע-
גירונג.

דער דאָזיגער מאַיאָר האָט אַרויסבעקומען פון טייך אפילו
האַרמאַטען און פערשידענע עקיפּאַזשען. ער האָט אויך געוואוסט
די ערטער אין טייך, וואו זיי ליגען. ער האָט אונז מכבד-געווען
און האָט אונז געשענקט מתנות אין די באַראַקען, וואָס ער האָט
פאַר זיך און פאַר זיין קאָמאַנדע אויסגעבויט אויפ'ן ברעג פונ'ם
טייך-געהילץ. די זאַכען, וואָס ער האָט געפונען, זענען געווען
נישט אָבצושאַצען. אין די טשעמאָדאַנעס און קאַסטענס האָט ער
געפונען גרויסע פּליטעס גאָלד און זילבער, בריליאַנטען און בכלל
אַ סך שענע און נוצליכע זאַכען. זיינע סאָלדאַטען האָבען זיך

נישט געקאַנט איינהאַלטען און האָבען אונז בעוויזען זייגערס, פינגערלעך, גאָלדענע און זילבערנע מטבעות, קליידער א. ד. גל. דאָס אַלץ האָט איצט געהערט צו זיי. דער מאַיאָר האָט מיר גע־שענקט אַ שווערד, אַ זעבעל און אַ זאָטעל.

מיר זענען געפאָהרען ווייטער, און דאָ האָבען מיר געזעהן זיך וואַלגערן מאַסען געוועהר, שיריים פון קליידער, בעזונדערס אַ סך קאַסקעס, היט, פאַפּירען, נאָטיצביכלעך, קאַרטעס און פלאַ־גען. איך האָב געפונען אָפיצירישע פּאַטענטען, שיינען וועגען טויט, וואָס האָבען בעהערט צו מיין מיליטערטייל. אין צוויי יאָהר אַרום האָב איך דאָס אַלץ איבערגעגעבען אונזער באָטשאַפט אין פּעטערבורג.

צוליב דער פּריוואַטער פּראַקטיק פלעג איך טיילמאָל קומען קיין זעמבין און נאָך ווייטער. דאָס איז דער אייגענער טראַקט, איבער וועלכען נאַפּאָלעאָן איז געגאַנגען מיט די רעשטלעך פון זיין אַרמעע נאָכ'ן אַריבערגעהן דעם טייך בערעזינאַ.

אין זעמבין האָב איך נאָך געפונען אַ סך שפּורען פון צו־שטערונג. ווייטער מיט'ן טראַקט, אין דער ריכטונג צו ווילנאָ זענען על-פּי-רוב געשטאַנען גאַנץ בלויז אויוועגס און קוימענס— דאָס איינציגע, וואָס איז פערבליבען פון די הילצערנע הייזער. ווייטער איז אַלץ פערברענט געוואָרען.

אין זעמבין האָב איך איינמאָל איבערגענעכטיגט אַ נאַכט מיט איינעם אַ וואָלאָוויטש, וואָס איז פאַר 80 וויאָרסט געקומען קיין באָריסאָוו מיך רופען צו זיין קראַנקער פרוי. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי אַ קאַטוילישען גלח, און אויפ'ן צווייטען טאָג, בשעת מיר זענען שוין געוועזען אין וועג, האָב איך מיך גע־כאַפּט, אַז איך האָב פערלאָרען מיין טאַשענבוך. אין צוויי טעג אַרום זענען מיר געפאָהרען צוריק און זיך ווידער אָבגעשטעלט ביי דעם אייגענעם גלח. דערהערט, אַז איך האָב פערלאָרען מיין טאַשענבוך, האָט ער באַלד גענומען אויפ'ן צימבעל זיינע מענ־שען, און דער, וואָס האָט אונז געמאַכט דאָס געלעגער צום שלאָפען—אַ יונג פון אַ יאָהר זיבעצעהן—האָט זיך מודה-געווען, אַז ער האָט געפונען דאָס געלד און מען האָט עס מיר אָבגע־

געבען, אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַזאַ מין פּייניגען, וואָס איך האָב עס קיינמאָל נישט געזעהן אין מיין לעבען.

דער גלח האָט אַרויסגענומען אַ קנוט. דער יונג האָט אַראָבגעצויגען זיין קורטקע, זיך אַנידערגעשטעלט אויף די קניה און דער גלח האָט געשאָטען און געשאָטען מיט אַ שטאַרקער האַנד און דערביי האָט ער אַלץ געפרעגט: „װעניג ברויט גיט מען דיר?״ אָבער דער גלח האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צוקאָכט, איז אַריין אין צאָרן און זיינע ווערטער האָבען שוין נישט דעריאָגט די קלעפּ. די קלעפּ זענען פריהער געפאַלען פון די ווערטער.

הער וואָלאָוויטש האָט זיך מיט גרויס תענוג צוגעקוקט צו דערדאָזיגער סצענע, אָבער איך האָב מיך געמוזט בעטען ביים גלח, ער זאָל אויפהערען צו שלאָגען און דער יונג זאָל אויפהערען צו שרייען פון וועהטאָג, אַז עס פערכאַפּט ביים האַרצען. לסוף האָב איך עס ביי איהם קוים גע׳פּועל׳ט.

אין דעם קומענדיגען ווינטער בין איך ווידעראַמאָל געפאָהרען מיט׳ן הער וואָלאָוויטש איבער דעם אייגענעם וועג און דאָ האָב איך איינגעזעהן, אַז דאָס, וואָס מען האָט געשמועסט, אַז מאַסען וועלף געהען נאָך דער גרויסער אַרמעע, איז ריכטיג. וואָרום אויך איצט, אויפ׳ן שניי, ביים וועג, האָב איך געזעהן אַ סך מחנות וועלף, פּונקט ווי מען האָט פּאַרציייטענס ביי אונז געזעהן גענען וועג הירשען און ווילדע חזירים. נישט איינמאָל פלעגען אונזערע פיר פערד, איינגעשפּאַנט אין איין שורה, ווערען מיט אַמאָל אונרוהיג פון בערישע שפּורען.

אַ סך געפאַנגענע פון אַלע פעלקער און פיל פויערים פון די אַרומיגע גובערניעס האָבען ענערגיש געאַרבייט ביים אויפשטעלען די בריק אויפ׳ן טייך בערעזינאַ און ביי די בריק-בעפעסטיגונגען קעגען באָריסאָוו. צווישען די אַרבייטער זענען געווען אַ סך, וואָס זענען אין זיעם אייגענעם יאָהר גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט אין דער שלאַכט ביי בויצען. צווישען די לעצטע האָבען זיך געפונען אַ סך ווירטעמבערגער. וואָס זענען ערשט פאַראַיאָהרען גענומען געוואָרען אין מיליטער.

די האָבען נאָך אויסגעזעהן פריש און מונטער. דורך אַ פעלדפעבעל האָב איך מיך דערוואוסט וועגען דעם גורל פון מיינע פריינד און בעקאַנטע, וואָס זענען צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז עס איז געשאַפען געוואָרען אַ נייע אַרמעע, וואָס איז אַוועק קיין זאַקסען. דערדאָזיגער פעלדפעבעל, וואָס האָט געהייסען וואַלץ, איז זעהר געשעצט געוואָרען פון זיינע לאַנדסלייט און איז געווען אַ גוטליבער מענש. ער האָט בעזאָרגט דערויף, אַז צווישען זיי זאָל פּינקטליך פערטיילט ווערען דאָס עסען און די פעקעטע, אַדאַנק די מיליטערישע רשימות, וואָס זענען ריכטיג און גענוי געפיהרט געוואָרען. נאָך ביז זיין קומען האָב איך געהאַט אַ לאַנגע רשימה פון די אַלטע ווירטעמבערגער, וואָס זענען געשטאָרבען אין זשיטקאָוו און אין באָריסאָוו. אַז ער איז געקומען, האָט ער די רשימה ווייטער געפיהרט. ביי מיר זענען שוין געווען פערצייכענט 100 געשטאָרבענע ווירטעמבערגער. ווען וואַלץ אַליין איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען. אָבער די אַלע פאַפּירען, וואָס איך האָב צוגענומען ביי איהם נאָך זיין טויט, און אויך מיינע אייגענע פאַפּירען, וואָס האָבען זיכער געהאַט אַ גרויסען ווערט פאַר יענער צייט, האָט מען ביי מיר אַרויסגע׳גנב׳עט.

פּאָדפּאָלקאָווניק סוועטשין, אַן׳אָפיציר פון אונזער גאַרניזאָן, האָט פאַראַיאָהרען צונויפגעזאַמעלט אַ גרויסע צאָהל פאַפּירען, וואָס זענען געפונען געוואָרען אַרום סטודענקאַ און וואָס האָט געהערט צו דער אָבטרעטענדיגער אַרמעע. דידאָזיגע פאַפּירען האָט ער פונאַנדערגעסאָרטירט לויט די שפּראַכען, אין וועלכע זיי זענען געשריבען געוואָרען. דאָ זענען געווען בריף, נאָטיצביכלעך, קאַרטען און פּלאַנען.

אויף זיין בקשה האָב איך איהם עפּעטער געלייענט די דייטשע פאַפּירען, אָבער על-פּי-רוב זענען עס געווען בעפעהלען צו די פּאָלקען, בריגאַדעס א. אַז. וו. די פראַנצויזישע פאַפּירען האָבען פאַר איהם געהאַט מעהר אינטערעס, ווייל ער איז אויסגעצייכענט גוט בעזעסען דידאָזיגע שפּראַך. ער האָט געפונען פערשידענע בריף פון די מאַרשאַלען, זייערע טאָגביכער, אפילו

נאַפּאָלעאָנס בריף, מאַנכע צו דער ווייב, אַנדערע צו די מיני־סטאָרען אין פּאַריז. פון די בריף צו דער ווייב האָט זיך געלאָזט מערקען, אַז ער האָט געקאָנט זיין זעהר צערטליך און פון די בריף צו די מלוכה־לייט האָט מען געקאָנט אַרויסזעהן, אַז ער איז געוועזן ערנסט בעזאָרגט פון דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך.

די פאַפּירען האָט איהם גאָרגעלייענט אַ געפאַנגענער פראַנצויזישער סערזשאַנט, און יעדעס מאָל, ווען איהם פלעגט אויסקומען צו לייענען וועגען אַזוינע זאַכען אָדער אומשטענדען, וואָס האָבען בעליידיגט זיין נאַציאָנאַלען שטאָלץ, פלעגט ער געהמען ווייגען. אָבער אַזוי ווי אַזוינע זאַכען פלעגט ער עפּטער געפינען אין די פאַפּירען, דעריבער פלעגט ער זעהר אָפט בעגאָסען ווערען מיט טרעהרען.

פּאָדפּאָלקאָווניק סאַזאָנאָוו האָט זיך זעהר געסטאַרעט, מיר זאָל נישט זיין לאַנגווייליג. „קומט צו מיר אַלע טאָג,—האָט ער מיר פאָרגעלעגט,—מיינע אָפיצירען זענען מיינסטענס דייטשען און מען רעדט ביי מיר דייטש. זיי מיטאָגען אַלע טאָג ביי מיר און איהר קאָנט ביי מיר פערברענגען זעהר גוט די צייט.“ ער האָט מיר אויך אַ גרויסע טובה געטהאָן דערמיט, וואָס ער פלעגט אומעטום זאָגען, אַז איך בין אַ גוטער דאָקטאָר. אין זיין באַטאַליאָן האָט זיך געפונען איינער אַ קאַפּיטאַן שילדער, וואָס האָט מיר געגעבען שילערס עטליכע לידער. דאָס ליד „די גלאָק“ און אַנדערע האָב איך זעהר שנעל איינגעחזר'ט אויף אויסווענינג.

ביים גאָראָדניטשי, אַנדרעי קירילאָוויטש שאַטאַלאָוו האָב איך אויך שטאַרק נושא־חן געווען, ווייל איך האָב איהם אָבגעראַטעוועט אַנ'אויג און אויסגעהיילט פון פיבער. פון די אַלע טובות, וואָס ער האָט מיר געטהאָן, וועל איך בעזונדערס דערמאָהנען דאָס, וואָס ער האָט מיר בעקליידט און בענייהט. אַזוי גוט האָבען זיך צו מיר אויך בעצויגען אַלע אָפיצירען פון גאַרניזאָן, אַלע ציוויל־בעאַמטע, דער נאַטשאַלניק און די לעהרער פון דער אויעזד־שולע און אפילו מאַנכע יודישע פאַמיליעס.

אַלע האָבען געוואָלט פערלייכטערן מיר דאָס לעבען און

האָבן מיר זעהר דעליקאַט געמאַכט פערשידענע פאָרשלאָגען. ווידעריגע לייט וואָלטען מיך אפילו געוואָלט התונה-מאַכען, און די שענע בלאָנדע מאַנע מעקלע וואָלט אפשר געוואונען מיין הארץ, ווען עס וואָלט שוין פון פריהער נישט געהערט צו אַ צווייטער, וואָס האָט זיך געפונען אין מיין פאָטערלאַנד.

איינמאָל איז אַדורכגעגאַנגען בעריסאָוו אַ גרויסער דייטשער לעגיאָן, וואָס איז בעשטאַנען פון געפאַנגענע פון אַלע דייטשע געביטען. איצט איז דערדאָזיגער לעגיאָן געגאַנגען פון טיף רוסלאַנד קיין דייטשלאַנד און איך האָב מיך זעהר געפרייט מיט איהם. זיי זענען אַריין אין שטאָדט, זינגענדיג דייטשע לידער. דערדאָזיגער פאַל האָט מיר געגעבען די געלעגענהייט צו פערשטעהן יענע שטימונג, וואָס בעפאַלט דעם שווייצער, בשעת ער בענקט נאָך דעם פאַסטוכס פייפעלע און נאָך די בעשנייטע שפּיצען פון די היימישע בערג.

צווישען די אַלע אָפיצירען, וואָס זענען געקומען אַהער, האָב איך נישט געטראָפען קיין איין בן-עיר, און צווישען די סאָלדאַטען—בלויז דריי. מען האָט זיי געלאָזט אָפרוהען אין שטאָדט. איך האָב געכאַפּט אַ שמועס מיט די אָפיצירען און האָב מיך איבערצייגט, אַז זיי אַלע זענען נאָך אַלץ גרויסע אַנהענגער פון נאַפּאָלעאָנ׳ען. בלויז עטליכע האָבען זיך געסטאַרעט צו פערבערגען פאַר מיר, אַז זיי זענען אַריינגעטראָטען אין דינסט בלויז דערפאַר, ווייל זיי ווילען זיך אַרויסדרעהען פון געפאַנגענשאַפט און איבערגעהן די גרענעץ.

אין אַ טאָג אַרום האָב איך מיך בעקאַנט מיט׳ן קאָמאַנדיר פון דערדאָזיגען לעגיאָן. דאָס איז געווען אַן׳אויסלענדישער דייטש, וואָס האָט שוין לאַנג געדינט אין רוסלאַנד. אין דעם אייגענעם אָווענד האָט זיך פערזאַמעלט זעהר אַנ׳אַנגעזעהענער קרייז מענשען. דאָ איז געווען דער קאָמאַנדיר מיט אַלע זיינע אָפיצירען און זייערע דאַמען, מחמת פאַר דער צייט פון דער געפאַנגענשאַפט האָבען אַ סך אָפיצירען התונה-געהאַט מיט שענע רוסישע מיידלעך, וועלכע זיי האָבען איצט געפיהרט קיין דייטשלאַנד.

דער קאָמאַנדיר איז געוועזן זעהר אַ היציגער מענש. אַ גרויסער פיינד פון נאַפּאָלעאָנ׳ען, האָט ער געהאַלטען, אַז ער איז בערופען געוואָרען צו טויטען איהם. גערעדט האָט ער הויך און מיט גרויס פייער: „איך וועל בעפרייען אייראָפּאַ און די גאַנצע וועלט פון דעמדאָזיגען טיראַן. אָט מיט דער האַנד און מיט אָט דעם קינזשאַל וועל איך מקיים-זיין מיין וואָרט.״ ער איז געוועזן אַ געוואַלטיגער פּאַטריאָט און אַ גרויסער פערעהרער פון זיין קייזער. וועגען זיינע אָפיצירען האָט ער געזאָגט: „זיי זענען אַלע זעהר הייס איבערגעגעבען אי מיר, אי אונזער זאַך, אויסער אַ קליינער צאָהל מענשען. אָבער איך וועל זיי ווייזען, וואָס מען בעדאַרף טהאָן. אויב אָבער זיי וועלען זיך נישט פערבעסערן, וועלען זיי—גאָט איז אַנ׳עדות!—זיך מאוס בעצאָהלען!״

אוים׳ן דריטען טאָג איז דאָס מיליטער אַרויס פון באָריסאָוו. איך האָב זיי בעגלייט ביז הינטער׳ן טייך, אויף יענער זייט בריק. דערדאָזיגער אָפיציר האָט טאַקי געהאַלטען וואָרט: מען האָט געשמועסט, אַז ביי דער גרענעץ האָט ער דערשאָסען צוויי אָפיצירען, מיט וועלכע איך בין, דאַכט זיך, געוועזן בעקענט.

פון מיינע ווייטערדיגע בעקאַנטשאַפטען איז פאַר מיר בעזונדערס אינטערעסאַנט און נוצליך געוועזן דידאָזיגע בעקאַנטשאַפט. באַראָן קאָרסאַק, דער הויפּטפערוואַלטער איבער די גיטער פון די פירשטען ראַדזיוויל (ער האָט געוואוינט אין אַלט-באָריסאָוו) איז איינמאָל אין אָוועגד געפאָהרען אַהיים; דאָס פערד איז אומגעפאַלען און דער באַראָן האָט אויסגעלונקען דעם לינקען סאָראַקסעל.

האָט מען געשיקט אַ טראָיקע נאָך מיר. מיר האָבען זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין און נאָך פאַר האַלבע נאַכט געקומען אַהין. געטראָפען האָבען מיר דאָרט אַ גרויסע געזעלשאַפט פון עלטערע און וואָנסענדיגע פּאָליאַקען. זיי זענען בעזעסען אין אַנ׳איינגען קרייז מיט זעהר ערנסטע פּנים׳ער, פּונקט ווי אַ ישוב-הדעת פון באָיאַרען, און מיין פּאַציענט האָט זיך געפונען צווישען זיי.

איך האָב מיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט, אָבער איך

האָב פריהער געמוזט איינשטימען דערמיט, אַז די אַלע מענשען זאָלען גישט פערלאָזען דאָס צימער. איך בין דעמאָלט געווען זעהר געשיקט און געאיבט אין אַזוינע אָפעראַציעס און מיין אַרבייט האָט באַלד געהאַט גרויס ערפאָלג. דער עולם איז גאָר ענטציקט געווען מיט מיר און דער באַראָן האָט זיך זעהר געפרעהט, וואָס ער קאָן פון דאָסניי בעוועגען מיט דער האַנד. לויט׳ן אָרטיגען מנהג האָט מען מיך בעדאַנקט דורך זעהר לאַנגע דרשות, געשאָטען מיט די גרעסטע שבחים און געקושט מיך אין האַנד, אַקסעל, שטערען און איך האָב געמוזט איבערנעכטיגען ביי זיי. דער קראַנקער האָט געפאָדערט, איך זאָל איהם בעזוכען אַלע טאָג, בין איך געפאָהרען צו איהם אַלע פאַרנאַכט און דאָרט געטראָפען אַ גרויסע געזעלשאַפט, אַ סך מענשען, צווישען וועלכע איך האָב אויך געפונען מיינע שטאָדטישע פריינד.

מיינע גייע פאַציענטען האָבען מיך אַלץ שטאַרקער געבונדען מיט דעמדאָזיגען הויז און מיר זענען אינגיכען גרויסע פריינד געוואָרען. מיר האָבען געהאַט גענוג מאַטעריאַל צום שמועסען, און איבערהויפט איז געשמועסט געוואָרען וועגען דער פעראַיאָהריגער מלחמה. שוין דאָ האָב איך מיך בעקאַנט מיט די פאָליטישע אידעען פון די פּאָליאַקען. זיי זענען געווען שטאַרקע אַנהענגער פון נאַפּאָלעאָנ׳ען און זיי האָבען געהאָפט, אַז אינגיכען וועט ער קומען צוריק. אַנדערע זענען אַזוי דורכגענומען געוואָרען דורך דידאָזיגע האָפנונגען, אַז זיי האָבען שוין געהערט האַרמאַטען-שאָסען און האָבען געהאַלטען אין איין טענה׳ן, אַז נאַפּאָלעאָן איז שוין נישט ווייט.

אין דעמדאָזיגען הויז האָבען זיך אויך געפונען מאַסען זאַכען, וואָס האָבען געהערט צו דער פראַנצויזישער אַרמעע. אין דעם באַראָנס צימער איז צונויפגעזאַמעלט געוואָרען דאָס בעסטע געוועהר פון יענער צייט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאָ געזעהן איינערנע האַנד-מיהלכעלעך, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געבראַכט פון פראַנקרייך פאַר זיין אַרמעע. אין דעמדאָזיגען הויז האָט מען מיר אויך אומגעקעהרט דעם היזק פון מיין פערלאָרענעם אָרדען.

דער באראן האט שוין לאנג בעמערקט דאס שווארץ-געלבע בענדעל אינ'ם לעכעל פון מיין בייגעם סורדוט און עפטער פלעגט ער מיך פרעגען, פארוואס האב איך בעקומען אב'ארדען, ווי אזוי האב איך איהם פערלארען, ווי האט ער אויסגעזעהן, ווי גרויס איז ער געווען א. ד. ג. ל. און אז ער האט מיך לעצטענס געפרעגט, צי האט דער ארדען געהאט אב'-אויפשריפט און איך האב געזאגט, אז אויף איהם האט זיך גע-פונען אב'אויפשריפט: „פאר פערדינסטען", האט ער מיך אריינ-געפיהרט אין קאבינעט, געעפענט דעם קאמאד, וואו עס זענען געלעגען מאסען ארדענס און אויסצייכנונגען, כמעט פון אלע פעלקער, וואס האבען געפיהרט די מלחמה, און האט געזאגט: „אויב איהר וועט דא געפונען אזא ארדען, וואס וועט אייך קא-נען אומקעהרן דעם פערלוסט, וועל איך אייך איהם מיט פער-גענינגען אוועקגעבען".

פון די פינף ווירטעמבערגישע ארדענס פאר מיליטערישע פערדינסטען, וואס זענען דא געלעגען, האב איך גענומען איינעם צוזאמען מיט א שווארץ-געלבען בענדעל.

אט די אלע ארדענס און די גרויסע מאסע געוועהר האט דער באראן בעקומען זעהר לייכט. ער האט געוואוינט נעבען דעם ארט, וואו די גרויסע ארמעע איז איבערגעגאנגען דעם טייך. די ארומיגע איינוואוינער זענען על-פי-רוב געווען זיינע לייבקנעכט און האבען דעריבער געבראכט צו איהם דאס אלץ, וואס זיי האבען געפונען. אויסערדעם, האט ער א סך אנגעקויפט ביי די קאזאקען און סאלדאטען, וואס האבען געוואלט פערוואנ-דלען זייער רויב אין געלד.

איינמאל אין אווענד—ביי יודען איז דעמאלט געווען שבת—בין איך געקומען אהיים א מידער פון מיין פראפעסיאנעלער ארבייט. געבליבען אליין אין צימער, האב איך מיך שטארק גע'-חדוש'ט אויף מיין בעל-הבית'טע, וואס האט עפיס געלייענט אינ'ם דערבייאיגען צימער. איך האב מיר גארנישט אינטערעסירט דער-מיט, וואס זי האט געלייענט, אבער די דייטשע שפראך האט מיר אלץ מעהר און מעהר געקלונגען אין אויער. בעגען מיין

װילען, איך האָב מיך צוגעהערט און האָב באַלד פֿערשטאַנען, אַז זי לייענט הויך די ביבעל, נעמליך — דעם חומש. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין אויפמערקזאַמקייט מאַכט איהר אויסשפּראַך דייטליכער און ריכטיגער. איך האָב גענומען פֿערשטעהן יעדעס װאָרט פֿון דעמדאָזיגען ריין-דייטשען בוך, בפֿרט נאָך, אַז דער גע-לייענטער איגהאַלט איז מיר גוט בעקאַנט געװען. געענדיגט מיט דעם היסטאָרישען טייל, האָט די יודענע גענומען זאָגען תהלים. פֿאַר דעמדאָזיגען אָנגענעהמען צייט-פֿערטרייב בעדאַרף איך דאַנק-באַר זיין דעם דינעם װענדטעל, װאָס האָט אָבגעטיילט מיין צימער פֿון איהרען. ערשט דאָ האָב איך מיך איבערצייגט, אַז װאָס פֿאַר אַ ריינער און גוטער פֿאָרם עס איז פֿערבעהאַלטען געװאָרען די דייטשע שפּראַך אין די ספֿרים פֿונ׳ם היגען יודענ-טום און װי בעקװעם זי װערט געלייענט און געשילדערט דורך די יודישע ספֿרים.

אַז מיין בעל-הבית׳טע האָט געענדיגט, בין איך געגאַנגען אַ קוק טהאָן די ביבעל, פֿון װעלכער זי האָט געלייענט. דאָס בוך איז געלעגען אויפ׳ן טיש און איך האָב דערזעהן די מיר בעקאַנטע יודישע אותיות. אַז דער מאַן איז געקומען פֿון גאַס, האָב איך איהם געבעטען, ער זאָל מיר לייענען די ביבעל. אויף מאָרגען האָב איך דאָס אייגענע געפֿאָדערט פֿונ׳ם יודישען בריף-פֿיהרער און פֿון אַנדערע יודען. פֿון די בריף און פֿון אַנדערע יודישע ביכער בין איך דערגאַנגען, אַז די יודען בענוצען אַ ריינע דייטשע שפּראַך. דידאָזיגע שפּראַך איז אָבער ריין און שען אין זייערע ביכער, אָבער מאוס און העסליך אין זייער גע-װעהנליכען שמועס. אינ׳ם שמועס קאַלעטשען זיי און פֿערדאַרבען די דייטשע שפּראַך*).

*) די אַלטע חומשים, סדורים און דערגלייכען זאַכען, װי בעװאוסט, געגעבען געװאָרען נישט מיט יודישע, נאָר מיט דייטשע אָדער האַלב-דייטשע איבער-זעצונגען. דעם מחבר׳ס קוק יערריף, „אַז יודען קאַלעטשען די דייטשע שפּראַך אין זייער געװעהנליכען שמועס“, זעהט היינט אויס אַזוי נאַאיװ, אַז בלויז לייענענ-דיגע שורות מוז מען נישט-הילנדיג אַ שמייכעל טהאָן.

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב פערבראַכט אין פּױלען און שפּעטער, איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען צו שמועסען אויף דערדאָזיגער טעמע. פון וואַנען אייגענטליך שטאַמען דידאָזיגע יודען? פון וואַנען קומט צו זיי די דייטשע שפּראַך? ווי אַזוי האָט זי זיך אויסגעמישט מיט דעם יודישען לשון און איז פערבליבען אין אַזאַ פאָרם? מיר האָבען זיך עפטער געשטעלט דידאָזיגע פראַגען. אין דער תשובה, וואָס איז געגעבען געוואָרען אויף דידאָזיגע פראַגען, זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אַ סך געדאַנקען און מיינונגען, אָבער סוף־כל־סוף זענען דאָס געווען בלויז השערות אָהן שום היסטאָרישען אמת.

עס דערנעהנט זיך דער סוף פון דעמדאָזיגען בוך, און איך וויל דערצעהלען, ווי אַזוי איך פלעג ווײלען די רוסען און פּאָליאַקען אין די לאַנגע ווינטעראָוועגדען.

צו די סאַמע מערקווירדיגסטע פּאַסירונגען פון מיין מיליטערישער קאַריערע געהערען די־יעניגע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אינ׳ם מאַרש פון יאָהר 1809, בעזונדערס די שלאַכט ביי עקמיל, דעם 22־טען אַפּריל. מיט עטליכע טעג פריהער פאַר דערדאָזיגער שלאַכט האָבען מיר אין איילעגע מאַרשען דערגרייכט דעם דונאַי און דאָס שטעדטעלע פּאָבורג אין בייערן. דרויסען איז געפאַלען אַ שלאַקסרעגען און נאַפּאָלעאָן האָט זיך געפונען אין אַ קליין הייזעל, אויף אַ באַרג, נעבען דער בריק, וואָס פיהרט אין שטעדטעל אַריין, און איך מיט די איבעריגע האָבען זיך אויסבעהאַלטען אין אַ גרויסען שטאַהל.

פון דאַנען האָבען מיר געקאָנט זעהן דורך די פענסטער, ווי דער קייזער און עטליכע עלטסטע אָפיצירען זענען בעשעפטיגט אינ׳ם הייזעל מיט דריי מענשען, וואָס זענען געווען אָנגעטהאָן, ווי פּויערים, און וואָס זענען באַלד אַרויס פונ׳ם הייזעל איינער נאָכ׳ן צווייטען מיט פערזאָרגטע פנים׳ער. מיר האָבען זיי אָנגענומען פאַר שפּיאָנען, וואָס האָבען געבראַכט ידיעות און בעקומען נייע אינסטרוקציעס.

שפּעט אין אָוועגד זענען מיר איבערגעגאַנגען דעם דונאַי אין חושך און רעגען. אויף מאָרגען האָבען מיר זיך פעראייניגט

מיט אונזערע בעליבטע מיטקעמפפער—מיט די בייערן און צוזאַמען מיט זיי האָבען מיר זיך דעם 20-טען אַפּריל בעטייליגט אין דער נצחון׳דיגער שלאַכט ביי אַבענדסבערג. דעם 21-טען אַפּריל זענען מיר אַרויף אויפ׳ן טראַקט, וואָס האָט געפיהרט פון לאַנדס-גוט קיין רעגענסבורג. לאַנדסגוט איז געלעגען רעכטס פון אונז און מיר האָבען געזעהן דידאָזיגע שלאַכט פון דערווייטענס. אויף אַ גרויסען פלאַכפעלד האָבען מיר געפּאַקט און פערנומען אַ סך עסטרייכישע וועגענס מיט פּראָוויאַנט און צו האַלבען טאָג האָבען מיר געלאַגערט אין אַ דאָרף, דריי שעה גאַנג פון לאַנדסגוט. אין דער נאַכט פון 21-טען אויפ׳ן 22-טען אַפּריל האָבען מיר איילינ געמוזט פערלאָזען דעם לאַגער און צוזאַמ׳ען מיט די פוס-יעגערס זענען מיר בעפאַלען אַ דאָרף, וואָס איז געלעגען ביים מיליטערישען טראַקט.

פאַרטאָג זענען מיר שוין געווען אין דאָרף. אַלע הייזלעך זענען געווען פּאַק און פול מיט שלאָפענדיגע אונגאַרישע גוסאַ-רען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שיסעריי אין די פענסטער און פון די פענסטער. די בהלה איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט. די גוסאַרען און די איינוואוינער, וואָס זענען בעפאַלען געוואָרען אין סאַמע מיטען שלאָף, האָבען געקוקט אַרום זיך מיט אויסגע-קרימטע פנימ׳ער פון פחד. נאַטירליך, זענען דאָ געווען פער-וואונדעטע און דער׳הרג׳עטע, אָבער בעזונדערס גרויס איז געווען די צאָהל געפאַנגענע.

אין עטליכע שעה אַרום איז פון דאָסניי אַלאַרמירט גע-וואָרען, און מיר זענען ווייטער אַוועק מיט׳ן טראַקט קיין רע-גענסבורג. גענעראַל וואַנדאַם צוזאַמען מיט אַ סך אָפיצירען האָט אונז אָנגעיאָגט אין וועג. היגטער אונז איז געגאַנגען אַ געוואַל-דיגע מאַסע מיליטער, אָבער בעזונדערס קריגעריש און אָנגעצוי-גען האָבען זיך געהאַלטען די פראַנצויזישע קיראַסירען מיט זייער גלאַנציגער בעוואָפענונג און גאַלאָפּירונג, ווי די שדים. נאַפּאָלעאָן האָט זיך אויך געפונען נישט ווייט פון אונז. מען האָט געקאָנט פערשטעהן, אַז אינגיכען וועט פאָרקומען אַ גרויסע שלאַכט.

מיר זענען געקומען אין אַ דאָרף, וואָס איז געלעגען אויף

אַ באַרג. אונזער פּאָלקאָווניק גראַף פאָן-וואַלבורג האָט תיכף בע-קומען אַ בעפעהל אויסצושפּירען דעם שונא׳ס פּראָנט און איבער-צעהלען זיינע באַטאַרייעס, און דעמאָלט האָבען מיר שוין דייטלי-כער געזעהן, אַז עס האַלט ערב אַ שלאַכט.

מיר האָבען איינגיכען פערלאָזען דאָסדאָזיגע דאָרף און טאַקי באַלד האָבען מיר דערזעהן די עסטרייכישע קאַמפּאַניעס, וואָס האָבען זיך געצויגען איבער זעהר אַ גרויסען שטח. די אַוואַנפּאָסטען האָבען תיכף גענומען רייצען איינאַנדער און עס האָבען זיך בעוויזען פערוואונדעטע. דאָס ערשטע הייזעל פונ׳ם פערלאָזטען דאָרף איז איינגיכען אָנגעפילט געוואָרען מיט פער-וואונדעטע. דער פּאָלק פונ׳ם ווירטעמבערגישען הערצאָג לודוויג האָט געמאַכט די התחלה פון דער שלאַכט און איך האָב אויפ-גענומען די ערשטע פערוואונדעטע.

די פערשטאַרקונג און פערשפּרייטונג פונ׳ם ביקסען-פייער און דאָס קראַכען פון די האַרמאַטען האָבען עדות-געזאָגט, אַז די שלאַכט האָט זיך צופלאַקערט אומעטום. פון דער זייט פון לאַנדס-גוט זענען געקומען מאַסען מיליטער און איילענדיג צוגעוואָרפען די פראַגע: „וואו איז דער קייזער? וואו איז נאַפּאָלעאָן?”

פערבינטעוועט מיינע פערוואונדעטע און זיי בעזאָרגט, ווי געהעריג, בין איך אַוועקגעלאָפען אָבזוכען מיין פּאָלק. איך האָב איהם געפונען אויף דער קאַמפּאָזיציע, אָבער ער איז געשטאַ-נען אַזוי, אַז ער האָט נישט געקאָנט בעשאָסען ווערען. דערפאַר אָבער איז דאָ געווען זעהר אַ בעקוועמער פונקט צו בעטראַכטען און אָבסערווירען די שלאַכט. און טאַקי דאָ האָב איך געזעהן די סאַמע וואונדערליכסטע און מערקווירדיגסטע בעוועגונגען פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין מיליטערישער קאַריערע. רעכטס פון אונז איז געלעגען דאָס דאָרף עקמיל, אַ פונקט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט איהם צוגעגעבען זעהר אַ גרויסע בעדייטונג. דאָס דאָרף איז געלעגען אויף אַ באַרג, אָבער נאָך העכער איז געשטאַנען דער קלויסטער, אַרומגערינגעלט מיט אַ שטאַרקער וואַנד און בעזעצט מיט עסט-רייכער.

צוויי פראַנצויזישע אַטאַקעס זענען אָבגעשלאָגען געוואָרען.

דעמאָלט האָט באַפאָלען בעפוילען דער לייכטער ווירטעמבערגישער בריגאַדע, זי זאָל בעגיינען די אַטאַקעס. פיר באַטאַליאָנען, וואָס זענען צוזאַמען מיט אונז אויפ'ן באַרג בעפאַלען די אונגאַרישע גוסאַרען און זענען איצט געהען זעהר בעגייסטערט פון ערפאָלג, האָבען זיך מיט געשרייען און געפילדער אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן דאָרף. זיי זענען בעגעגענט געוואָרען פון טויזענדער פייערשפייענדיגע מיילער. עס האָט גענומען קראַכען, ברילען און קנאַקען און דאָס גאַנצע דאָרף איז בעדעקט געוואָרען מיט געדיכטע וואָלקענס רויך.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ האַנדגעמענגט. ביסלעכווייז איז שטילער געוואָרען, און אַז דער רויך איז אָבגעזעצט געוואָרען, האָבען מיר דערזעהן אונזערע לאַנדסלייט: זיי האָבען פערכאַפט דאָס דאָרף מיט'ן קלויסטער. דעמאָלט האָבען זיך איבער דער גאַנצער קאַמפּסליניע פונאַנדערגעטראָגען קולות פון עקסטאַז און בעגייסטערונג, וואָס איך האָב אַזוינס נישט געהערט — נישט פריהער, נישט שפּעטער און מען האָט געשמועסט, אַז אפילו נאַפּאָלעאָנס ערנסטע געזיכט איז דאָסמאָל עטוואָס אויפגעהייטערט געוואָרען.

נאָך ערנסטער און שרעקליכער זענען געווען די בעוועגונגען פון די קיראַסירען, ליניקס און פאָראויס פון אונז. דאָס דונערן פון האַרמאַטען, די נישט-דייטליכע קאָמאַנדעס פון די קיראַסירישע אָפיצירען און די קלאַנגען פון הערנער — דאָס אַלץ האָט בעשאַפען עפּיס אַ זעלטענעם מערקווירדיגען אַקאָרד, וואָס האָט לאַנג געקלונגען אין דער מיט פולווער אָנגעפילטער לופט. און די קיראַסירען האָבען זיך ווי כוואַליעס צוגאָסען איבער'ן פלאַכפעלד, דאָרט, וואו עס זענען געשטאַנען די רייהען פון דער עסטרייכישער אינפאַנטעריע. די קיראַסירען האָבען צוריסען די דאָזיגע רייהען און גענומען געפאַנגען גאַנצע ראָטעס און באַטאַליאָנען. נאַטירליך, דעם שונא'ס פייער האָט אויך נישט געשוויגען. אין לופטען זענען געפלויגען אייזערנע העלמען און מענשען און פערד זענען געפאַלען. אָבער שטעלט זיך נאָר פאָר, ווי אַ מאַסע פון 10—12 קיראַסירישע פּאָלקען, וואָס זענען גרויס.

אַרטיג אויסגענוצט געוואָרען, בעוועגען זיך, פּונקט ווי אויף מאַנעווערס, רייסען-דורך דעם שונא'ס ליניעס און בעשליסען דעם גורל פון דער שלאַכט!

דער אָוועגד איז צוגעפאַלען, די זון האָט זיך געזעצט. און אין דער אָוועגדרויטקייט האָבען פלוצלונג אַלע אָרקעסטרעס, אַלע כאָרען און האָרניסטען גענומען שפּילען און זינגען זייער נצחון. די שמחה פון די זיגער איז נישט צו בעשרייבען, אָבער פאַר מענשען מיט אַ ווייך האַרץ איז די שמחה פערשטערט געוואָרען דורך די גרויסע מאַסען פערוואונדעטע, וואָס זענען געלעגען אויף די פעלדער און וואָס מען איז איצט געלאָפען איבער זיי, פערפאָלגענדיג דעם שונא.

דאָס סאַמע שרעקליכסטע בילד פון פערוויסטונג און מענשליכער נויט, וואָס איז מיר אויסגעקומען צו זעהן ביז דער רוסישער קאַמפּאַניע, בעלאַנגט אויך צו דעמדאָזיגען מלחמה-צוג פון יאָהר 1809. איך האָב עס געזעהן ביי אַ קליין עסטרייכישען שטעדטעל עבערסבערג, נישט ווייט פון לינץ. דעם 3-טען מאַי האָבען מיר געלאַגערט אין וועלס, אַ שטעדטעל, וואָס ליגט ביי דעם אייגענעם טייך. עס האָט זיך דערהערט אַ שרעקליכע קאַנאָנאַדע און מיר האָבען דערזעהן אין מזרח וואָלקענס רויך פון עפּיס אַ ברענענדיגען ישוב. עס איז געפאַלען אַ רעגען. מיר האָבען בעקומען אַ בעפעהל צו פערלאָזען דעם לאַגער, און דעם 4-טען מאַי האָבען מיר זיך גענומען דערנעהנטערן צו די וואָלקענס רויך, וועלכע מיר האָבען פריהער געזעהן. מיר זענען צוגעגאַנגען צו דעם שטעדטעל עבערסבערג. דאָ איז געווען אַ שווערע לופט פון רויך און פערברענטע קערפּערס.

דאָס שטעדטעל איז געווען צונישטערט און פערוויסט— שוואַרצע אַרומגעברענטע ווענד, קוימענס, אויוועגס. מען האָט געשלעפּט טרופּעס און צוקאַלעטשעטע מענשען, וואָס האָבען נאָך געלעבט. אויף די גאַסען האָבען זיך געוואַלגערט טויטע קערפּערס, על-פּי-רוב פראַנצויזען, מאַסען געוועהר, גרענאַדערישע היטעלעך, ווייל דאָ האָבען הויפּטזעכליך געקעמפט די גרענאַדערן, וועלכע די עסטרייכער האָבען זעהר פלייסיג צושאָסען פון די דעכער און

שענסטער, אָבער אויך די עסטרײַכער זענען דערשטיקט געװאָרן פון די שרפות, װאָס האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטעדטעל.

אַזױאַרום איז אומגעקומען אַ גרױסע צאָהל זיגער, אָבער נאָכמעהר עסטרײַכער, װאָס האָבן העפטיג בעשיצט דאָס שטעדטעל און װאָס זענען נאָכדעם אומגעקומען אין די הײַזער פון די שרעקליכע שרפות.

מיר זענען אײַנגיכען אַװעק פון דידאָזיגע שרעקליכע בילדער, אָבער אויף דער לאַנגער בריק, װאָס איז געלעגען אויפ'ן טײַך טראַאון, האָבן מיר דערזעהן נײַע שרעקבילדער. די בריק איז שטאַרק צושעדיגט געװאָרען פון די פערטײדיגער און די אָנפאַלער. בײַ די פּאָרענצען זענען געלעגען טרופּעס, אַ סך זענען געלעגען אונטער דער בריק, װאו דער שטראָם איז געװען נישט קײן שטאַרקער. אָבער מען האָט געשמועסט, אַז װײַטער, װאו דער שטראָם איז געװען אַ שטאַרקער, האָט דאָס װאַסער פערטראָגען אַ סך טרופּעס. דאָס זענען אַלץ געװען פראַנצױזען.

נאָך די אַלע שרעקליכע בילדער זענען מיר בײַנאַכט געקומען קײן לינץ. אונזער גענעראַל האָט געהײסען בלאָזען אין האָרן, מען זאָל פערלעגען אַ לאַגער. עס זענען אַרױסגערופען געװאָרען אַלע האָרניסטען און זינגער פון אַלע פיר קאַװאַלערישע פּאָלקען, און בשעת מיר זענען אַרײַנגעטראָטען אין דער שענער שטאָדט, װאָס מיר אַלע האָבן זי ליב געהאַט, האָט אײן טײל געשפּילט אויף די בלאָז-אינסטרומענטען דעם ערשטען פערז פון שילער—„װאַלענשטײנס לאַגער": „חברים, װאָס דרײסטער און שנעל אויף די פערד! מיר פליהען אין פעלד אויף דער פרײהײט!" א. אַז. װ. און דער צװײטער טײל האָט געזונגען דעם צװײטען פערז. אונזער שװערע שטימונג, װאָס איז אָנגעזעטיגט געװען מיט די שרעקען פון עבערסבערג, האָט זיך איצט אויסגעלײטערט, און מיר האָבן דערשפּירט די שמחה פון זיגער. פײַערליך זענען מיר אַרײַנגעפאָהרען קײן לינץ, און די אײַנװאױנער פון דערדאָזיגער שענער שטאָדט האָבן אונז בעגעגנט, װי פרײַנד.

און די סאַמע מערקווירדיגסטע וואונד, וואָס איך האָב ווען געזעהן אויף די שלאַכטפעלדער פאַר דער צייט פון מיין מיליטערישער קאַריערע, בעלאַנגט אויך צו דעמדאָזיגען מלחמה-צוג. אַזאַ וואונד זעהט מען זעהר זעלטען, אָבער אַזוי ווי זי טרעפט דאָך אַמאָל, וועט מען מיר מסתּמא גלויבען.

דעם 18-טען מאַי האָבען מיינע לאַנדסלייט צוקלאַפּט אויף'ן לינקען דונאַי-ברעג דעם עסטרייכישען גענעראַל גראַף בעלהאַרד. אינגיכען זענען מיר אַוועק קיין ווין דורך עבערסבערג און ענס און האָבען געלאַגערט ביי די קלויסטערס פון מעלק, פּענטען און דער אומגעבונג. דעם 31-טען מאַי זענען אונז דאָ בעפאַלען די עסטרייכער, וואָס זענען איבערגעגאַנגען דעם דונאַי ביי שטיין און קרעמס. זייערע העלדישע מעשים און ערפאָלגען זענען געווען גאַנץ קליינע. אונזערע פּוסיעגערס צוזאַמען מיט אונזער לייכטער אינפאַנטעריע האָבען אינגיכען אָבגעשטויסען די עסטרייכער צום דונאַי, אויף זייערע שיפען, און אַז זיי זענען איבערגעשוואומען דעם טייך, האָט אונזער לייכטע קאַוואַלעריע זיי שטאַרק בעשאָסען, אָבער זיי האָבען אויך נישט געשוויגען און געפייערט אין אונז פון די שיפען, פון לינקען דונאַי-ברעג און האָבען אונז פערשאַפט פערלוסטען. אין דעמדאָזיגען געפעכט האָב איך געזעהן, ווי אַ גראַנאַט האָט אָבגעריסען דעם שניי-ווייסען קאָפּ ביים אַרטילערישען קאַפּיטאַן פראָנגיאַרד, אָבער אָבגעריסען אַזוי, אַז מען האָט דעם קאָפּ בשום אופן נישט געקאָנט געפינען. דאָ האָט מען מיך אַ רוף געטהאָן צו אַ פערוואונדעטען, וואָס איז געלעגען, אַ פערבלוטיגטער, אויף אַ טרעפּעלע פון'ם דונאַי-ברעג.

ער איז געווען פערוואונדעט אין דעם ר ע כ ט ע ן טייל פון דער ברוסט, נעבען אָרים; שווער און קרענקליך האָט ער געאָטעמט און מיט בלוט האָט ער געהוסט. אַז איך האָב איהם אויסגעטהאָן, האָב איך דערזעהן אַ געריסענע וואונד, גרויס ווי אַ שפּיל-קאָרט מיט דריי צובראָכענע און צושמעטערטע ריפּען. די וואונד איז אָבגעגאַנגען מיט בלוט; זי האָט געשוימט און ג ע אָ ט ע מ ט; אַנדערש געזאָגט—די אויבערפלעך פון'ם לונגען איז גע-

ווען אַזוי צושעדיגט, אַז די לופט איז אַריין און אַרויס, זיך צוזאַמענגעמישט מיט'ן בלוט און געשוימט. קעגנאיבער דעם אָרט, וואו איך האָב מיך אַרומגעשטעלט, איז גראָד געשטאַנען דעם פיינדס אַ באַטעריי, און איך האָב מיך געמוזט שטאַרק צואיילען. איך האָב אַרויסגענומען די צושמעטערטע ביינער, צוזאַמענגעצויגען די שטיקלעך וואונד, אַרויפגעלעגט דערויף אַ הויפען קאָרפּיע מיט אַ קאָמפּרעס. אַז איך האָב געבעטען דעם פערוואונדעטען, ער זאָל זיך אַנידערזעצען, האָט ער זיך גענומען קלאָגען, אַז ער שפירט אַ שטאַרקען וועהטאָג און עפּיס אַ משא אונטער דער צווייטער האַנד.

אַז איך האָב איהם אַרומגעקוקט און בעטראַכט, האָב איך איינגעפונען, אַז דער לינקער אָרים איז אָנגעפילט מיט עפּיס אַ קיילעכיגען האַרטען געגענשטאַנד, אָבער נאָכדעם, ווי איך האָב איהם נאָכאַמאָל בעטראַכט, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז אַ גראַנאַט. איין האַלבען טייל פון'ם קיילעכיגען גראַנאַט האָט מען לייכט געקאָנט אָנטאַפּען, דער צווייטער טייל האָט אָנגעפילט דעם לינקען אָרעם און איז געווען בעדעקט מיט דער הויט. דורך דער הילף פון אַ קרייצאָרטיגען שניט האָב איך גאַנץ לייכט דערווייטערט דעמדאָזיגען גראַנאַט. אויך אויף דער זייט האָב איך געפונען צוויי צובראָכענע ריפּען. פערענדיגט דעם בינט, האָב איך מיטגענומען דעם זעקסצונטיגען גראַנאַט. דעם פערוואונדעטענס חברים האָבען געפּאַקט ערגעץ אַ פּוהר, מען האָט איהם אַריינגעלעגט דערין און אַזויאַרום האָבען מיר זיך דערווייטערט פון דעמדאָזיגען געפעהרליכען אָרט.

דידאָזיגע פערוואונדונג איז בעזונדערס משיגעווע געוועזען נישט בלויז דערמיט אַליין, וואָס זי געשיהט גאַנץ זעלטען, נאָר אויך דערפאַר, ווייל דער טויט קומט דאָ נישט גלייך נאָך איהר און ווייל די לונגען זענען נישט געוועזען אַבסאָלוט צושעדיגט, וואָרום דער פערוואונדעטער האָט געקאָנט דייטליך ריידען, הוסטען און שפּעטער אפילו הויך שרייען. די חוט-השדרה איז, אפנים, נישט אָנגעריהרט געוואָרען און דער פּאַציענט האָט געקאָנט זיצען בשעת דער אָפּעראַציע.

דערדאָזיגער פאַרוואונדעטער האָט אָנגעהערט צו די שוואַרצע יעגערס (צוויי באַטאַליאָנען פון די פוסיעגערס; די אוניפאָרם — טונקעל-גרין און שוואַרץ; דאָס זענען געווען העלדישע יונגען, וואָס פלעגען זיך בעזונדערס אויסצייכענען ביי די אויסשפּירונגען. אין אַ שלאַכט און אין אַנ׳אַטאַקע זענען זיי שטענדיג געווען פון די ערשטע). פאַרפאָלגענדיג דעם שונא, האָט ער דערגרייכט דעם דונאַי און איז דאָ פאַרוואונדעט געוואָרען. מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט אינ׳ם שטעדטעל מאַאוטערן, און איך האָב מיך אָנגעשלאָסען אָן מיין פאָלק. ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, איז ער אין דער ערשטער נאַכט געשטאָרבען אין שווערע קאָנוואולסיעס, אָבגעהענדיג מיט בלוט. זיין קערפּער איז געל געוואָרען.

צווישען די אַלע פראַגען, וואָס די רוסען און פּאָליאַקען האָבען מיר עפטער געשטעלט אין באָריסאָוו, איז אויך געווען אַזאַ פראַגע: וואָסער נאַציע פון די פאַרבינדעטע און בעזונדערס וואָסער אַרמעע-טייל האָט צום בעסטען געקאָנט איבערטראָגען די אַלע שוועריגקייטען פון דער מלחמה, איבערהויפּט הונגער און קעלט? הער לאַרע האָט זיך וועגען דעם אייגענעם ענין אַרויסגעזאָגט לטובת די פראַנצויזען, וואָס שטאַמען פון דרום-פראַנקרייך. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז אַמבעסטען האָבען זיך געהאַלטען יענע מענשען, (זיי האָבען געקאָנט געהערן צו פערשידענע פעלקער), וואָס האָבען אַ סך געליטען אין זייער לעבען, וואָס האָבען זיך געקאָנט בענוגענען מיט ווייניג און וואָס האָבען זיך קיינמאָל נישט גענויטיגט אין זייטיגער הילף ביים צופרידענשטעלען זייערע בעדערפנישען. פערקעהרט, מענשען יונגע, נישט-דערפאַהרענע, שוואַכע, וואָס זענען געהאָדעוועט געוואָרען אין וואוילטאָג און אין לוקסוס, צופּיעסטעטע, נישט-געשיקטע און עצלים, וואָס זענען געוועהנט צו בעקומען אַלץ פון דעם דינערס האַנד — אַזוינע זענען באַלד אין אָנהויב אָבגעשטאַנען און זענען מאַסענווייז אויסגעשטאָרבען פון דער זומערדיגער היץ. די, ווידער, פון זיי, וואָס האָבען אויסגעהאַלטען ביז׳ן ריקצוג, זענען שפּעטער געווען די ערשטע קרבנות. אָבער אויף דער פראַגע, וואָסער

מיליטער פון די פערבינדעטע האָט זיך לייכטער און שנעלער געקאָנט איינלעבען מיט דער גרויסער נויט און הונגער, האָב איך געמוזט זאָגען דעם אמת, אַז וועניגער פון אַלע האָבען עס געקאָנט די דייטשען — מיין פאָלק.

נאָך גאָר אין די יונגע יאָהרען, בשעת'ן לאַגער, ביים רהיין, האָב איך בעמערקט, אַז אויב די אונגאַרן, טשעכען, קראָאַטען א. ד. גל. בענוגענען זיך מיט ברויט, פלייש און בראָנפען, נויטיגען זיך נאָך די דייטשען אין קאַווע, אין וויין און געבראָטענס. אויב די פראַנצויזען האָבען אין דייטשלאַנד געפאָדערט ווייס ברויט, זענען זיי אין רוסלאַנד זעהר שנעל צוגעוועהנט געוואָרען צו שוואַרץ ברויט און קרופניק אָהן זאַלץ און אָהן חזיר־שמאַלץ, אָבער די דייטשען האָבען געפאָדערט ביידע זאַכען און האָבען זיך גאָרנישט געקאָנט בעגעהן אָהן דעם. אין ערגסטען פאַל איז ער געווען גרייט זיך צו בענוצען מיט פולווער, אַנשטאָט זאַלץ, און מיט ליכט, אָנשטאָט שמאַלץ. נאָך מאָסקווע האָבען די דייטשען די ערשטע איינגעפיהרט דעם טיי אַלס אַ נויטווענדיג מיטעל און אַנדערע פראָדוקטען. די פראַנצויזען און אפילו נאַפאָלעאָנס גוואַרדיע, האָבען באַלד אָנגעהויבען עסען פערדענפלייש. די דייטשען אָבער האָבען זיך אָבגעזאָגט דערפון ביז די גרויסע נויט און דער גרויסער הונגער האָבען זיי נישט געצוואונגען דערצו.

די פאָליאַקען, ווידער, האָבען אין דעם פרט איבערגעשטייגט אַלע פעלקער. בשעת מיר האָבען געהונגערט אין לאַגער ביי טאַרוטין, האָבען זיי צום ערשטען גענומען עסען גע'פגר'טע פערד. בשעת'ן ריקצוג פלעגען זיי און די פראַנצויזען אַרויספאַלען אויף די גע'פגר"טע פערד און האָבען אפילו געהאַנדעלט מיט פערדישע צינגער און פערדענברוסט. וואָס איז שייך צו מוט און העלדישקייט, זענען די דייטשען פון די ערשטע פעלקער אין דער וועלט.

פאַרהאַן, ווידער, צופאַלען, וואָס בעווייזען, אַז מענשען קאָנען זיך טיילמאָל נישט צושיידען מיט זייערע טעגליכע געוועהנהייטען אפילו אין אַ גרויסער נויט. אָט איז אַ ביישפיל מיט אַ

פראָוויזאָר: אַ געפאַנגענער, האָט איהם שטאַרק געפייניגט דער דורשט, און ער אַז מען האָט איהם דערלאַנגט אַן׳עמער וואַסער, האָט ער געבעטען אַ גלאָז. כמעט דאָס אייגענע איז געשעהן מיט מיר אין באָריסאָוו. אַז מען האָט מיר געפרעגט, וואָס ברויך איך צו האָבען ביי דער איצטיגער מינוט, האָב איך געענטפערט—אַ נאָזטיכעל...

צווישען די פילע און פערשידענאַרטיגע בעשעפטיגונגען פון מיין פאַך, צווישען די פערוויילונגען פון מיינע בעקאַנטע, וואָס זייער שמחה האָט זיך נישט געקאָנט אָבּרופען אויף מיר, ווי גע-הערוג, ווייל איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך מיין היים—צווי-שען דעם אַלעם זענען פאַוואָליע איבערגעגאַנגען די לאַנגע זו-מערדיגע טעג אין קורצע ווינטער-טעג. אָבער די טעג זענען שוין ווידער לאַנג געוואָרען, ווען איך האָב בעקומען די בשורה, אַז מען האָט געשלאָסען פרידען מיט דייטשלאַנד. די עסטרייכער, וואָס האָבען זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפט, האָבען זיך שוין אומגעקעהרט אַהיים דורך באָריסאָוו.

דעמאָלט האָב איך אויך גענומען בעטען, מען זאָל מיך אָבלאָזען, אָבער איך האָב בעקומען אַ תשובה, אַז דערויף בע-דאַרף איך האָבען אַ דערלויבניש פון נאַטשאַלסטוואָ.

מיין טעטיגקייט, וואָס איז לויט מיין מיינונג געווען אַ נו-צליכע,--איך קאָן עס בעשטעטיגען אָהן פאַלשער ענוות—האָט אָבער אויסגענומען נישט ביי אַלעמען, אַ זאַך, וואָס טרעפט גאַנץ אָפט. טיילמאָל האָט מען מיך שטאַרק פערביטערט אָדער אפילו פערזענליך בעריהרט, און געטהאָן האָבען דאָס מענשען, וואָס זע-נען אַוועק אין דער אַרמעע אָדער אין די שפּיטאָלען אַלס דאָ-קטוירים אָהן דער געהעריגער מעדיצינישער בילדונג. דיזאָזיגע האָבען זיך בעצויגען צו אונז, ווי צו געוועהנליכע געפאַנגענע, מיינענדיג, אַז זיי מעגען זיך אַזוי בעציהען צו אונז פון נאַציאָ-נאַלען שטאַנדפּונקט אויך דערפאַר, ווייל זיי בעזיצען די היימישע שפּראַך. כדי צו מאַכען אַ סוף צו דערדאָזיגער חוצפה, האָב איך זונער דערלאַנגט אַ בקשה, אַז איך וויל מיך עקזאַמענירען אין איינעם פון די גובערניע-שטעדט, צום ביישפּיל, אין ווילנאָ.

פון דער צייט וואָס איך האָב אָנגעגעבן די בקשה ביז'ן סוף יאַנואַר 1814 איז אַוועק אַ האַלב יאָהר. איך האָב שוין גע־מיינט, אַז די מאַכט האָט אודאי פערגעסען אָן מיין בקשה ווע־גען עקזאַמען, אָבער פלוצלונג איז אָראָבגעקומען פון פעטערבורג אַ בעפעהל: מען זאָל מיך אַריבערפיהרען אַהין אַלס אָרדינאַטאָר פון אַן אינפאַנטעריע-שפּיטאָל און מען זאָל מיר דערלויבען צו האַל־טען עקזאַמען ביי דער מעדיצינישע-כירורגישער אַקאַדעמיע.

ערשט איצט האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי אַזוי מען האָט מיך געהאַלטען טייער אין באָריסאָוו. פון אַלע זייטען האָבען זיך גע־שאָטען בעגריסונגען. רוסען און פּאָליאַקען האָבען מיר געשיקט געלד-מתּנות. מיין פוהר איז געווען אָנגעלאָדען מיט כל-טוב צו עסען און צו טרינקען.

שטאַרק גערירט, האָב איך מיך צוזעגענט מיט די אַלע גוטע מענשען, וואָס האָבען מיר געוואונשען גליק מיט טרעהרען אויף די אויגען, און האָב מיך אַריינגעזעצט אין דער פוהר צו־זאַמען מיט'ן אינזשענער-אָפיציר פאָן-דענגעלשטעדט. עס איז גע־ווען אַ שענער וועטער און אַ גוטער וועג, אויף די פּאָסט-סטאַנ־ציעס האָט מען אונז נישט פערהאַלטען, מיר האָבען אָנבעגעגענט אַ סך געפאַנגענע, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט אַהיים און אין זיבען מעת-לעת זענען מיר אָנגעקומען קיין פעטערבורג.

דאָ האָב איך באַלד איבערגענומען מיין פּאָסטען אין'ם אינפאַנטעריע-שפּיטאָל. איך האָב מיך בעדאַרפט ווייזען אין'ם מעדיצינישען דעפּאַרטאַמענט פונ'ם קריגסמיניסטעריום. מיין גע־שפּרעך מיט'ן ניצמאָלדיגען חשוב'ען דירעקטאָר פונ'ם קריגסמיני־סטעריום האָט אָנגענומען זעהר אַן ערנסטען כאַראַקטער, ווייל איך האָב געפאָדערט, מען זאָל מיך אָבלאָזען אַהיים — דער פרידען מיט דייטשלאַנד איז שוין געשלאָסען געוואָרען. ער האָט אָבער געפאָ־דערט, איך זאָל מיך עקזאַמענירען, ווייל איך האָב דערלאַנגט אַ בקשה וועגען דעם, און דעריבער בין איך אַריבערגעפיהרט געוואָ־רען אַהער, אין פעטערבורג. אונזער שמועס, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבען זעהר ערנסט, איז אָבער ביסלעכווייז אַריבער אין אַ ווייכען פריינדליכען טאָן און זיך געענדיגט מיט דריקען די הענד און

מיט די פאָלגענדיגע ווערטער: „פערבלייבט ביי אונז, איך ראַט אייך אַזוי, איהר וועט קיין חרטה נישט האָבען" א. ד. גל. איך האָב מיך געפונען אין זיין מאַכט, ער האָט מיך געקאָנט פערהאַלטען און אָבלאָזען—און איך בין געווען גרייט זיך אונטערצוגעבען.

אויב טהאָן, בעדאַרף מען עס טהאָן שנעל, האָב איך בעשלאָסען. גלייך פון איהם בין איך אַוועק אין דער מעדיציניש־כירורגישער אַקאַדעמיע. דאָ האָב איך געטראָפען אַ גוטען מענשען, אַ פריינד פון אויסלענדער—דעם דאָקטאָר אָרלע, וואָס אַ דאַנק זיינע בעמיהונגען בין איך אין עטליכע טעג אַרום געזעסען אין אַ קרייז פון חשוב'ע פראָפעסאָרען, וואָס האָבען אין אַ משך פון עטליכע שעה צייט אויסגעפרובט מיינע קענטנישען און נאָך עטליכע שעה—מיינע פראַקטישע אַרבייטען.

מיין עקזאַמען איז אַראָב גוט און גלאַט אין אַלע פרטים, הגם איך האָב שוין צוויי יאָהר אין האַנד נישט געהאַלטען קיין מעדיציניש בוך.

נאָכ'ן עקזאַמען זענען געהאַלטען געוואָרען לויב-דרשות, וואָס האָבען מיר געגעבען די האָפנונג אויף אַ בעסערע צוקונפט. איך וועל קיינמאָל נישט פערגעסען די ווערטער פונ'ם געלעהרטען סעקרעטאַר, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון דער אַקאַדעמישער קאָנפערענץ: „פאַר צוויי יאָהר צייט האָט נאָך קיין איין אויסלענדער נישט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אַזוי גוט, ווי איהר." נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעשריבען און דערלאַנגט אַ דיסערטאַציע, האָב איך בעקומען אַ דיפּלאָם פון דאָקטאָר מעדיצין אין דער רוסישער אימפעריע. דערדאָזיגער דיפּלאָם איז מיר איבערגעגעבען געוואָרען אָהן שום הוצאות פון מיין זייט.

זאָגער נאָך דער גוטער בעהאַנדלונג און נאָך די אַלע טובות, וואָס די רוסען האָבען מיר געטהאָן אין רוסלאַנד און אין פוילען, האָב איך נאָך אַלץ נישט געוואָלט פערבלייבען אין רוסלאַנד.

קיין פעטערבורג איז צו דער צייט געקומען די באָטשאַפט פון מיין פאָטערלאַנד. דורך דערדאָזיגער באָטשאַפט האָב איך

באַלד אָבגעשיקט אַ פּאַפּיר צו דעם ווירטעמבערגישען קעניג. אין פּאַפּיר האָב איך געבעטען, מען זאָל מיך אָברופען אַהיים און איבערגעבען מיר עפּיס אַ געהעריגען פּאָסטען. אויב דאָס קאָן נישט פערווירקליכט ווערען, זאָל מען מיר דערלויבען צו פערבלייבען אין רוסלאַנד.

אין פּעטערבורג האָט זיך דעמאָלט געפונען דער הערצאָג אַלעקסאַנדער פון ווירטעמבערג, וואָס איז צו יענער צייט געווען גובערנאַטאָר אין ווייסרוסלאַנד. האָב איך איהם געבעטען, ער זאָל מיר בעהילפיג זיין אַרויסצוקריגען זיך פון דאַנען אַהיים. אָבער ער האָט מיר גע'עצה'ט עפּיס אַנדערש: „אמת, איהר האָט דאָ איבערגעלעבט אַ סך שווערע מאָמענטען, אָבער דערפאַר וועט אייך איצט זיין גוט. איהר בעדאַרפט דאָ פערבלייבען". דאָס איז געווען זיין עצה.

אַזוינע עצות האָב איך אויך בעקומען פון דערהיים פון מיינע בעשיצער און פריינד, וועלכע איך האָב געבעטען, זיי זאָלען זיך משתדל-זיין פאַר מיר.

צולעצט איז געקומען דעם קעניגס ענטפער, אין וועלכען עס איז מיר דערלויבט געוואָרען צו פערבלייבען אין פּעטערבורג.

איצט איז שוין קיין אַנדער ברירה נישט געווען—און איך האָב בעשלאָסען צו פערבלייבען.

מיינע קרובים האָב איך נאָך פון באָריסאָוו געשריבען, אַז איך לעב און דערביי האָב איך זיי איבערגעגעבען די פּרטים פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און איבערגעטראָגען פאַר דער צייט פון דערזאָזיגער מלחמה. אָבער זיי האָבען דעם בריף נישט בעקומען. מיינע פאָלק-חברים האָבען זיי פערזיכערט, אַז זיי האָבען געזעהן מיין טרופּ אויפ'ן וועג קיין ווילנאָ.

זיי זענען געווען אַזוי זיכער אין מיין טויט, אַז זיי האָבען מיך אויסגעשטראָכען פון אַלע רשימות, ווי אַ פערשטאָרבענעם, און מיינע נאָהנטע האָבען אפילו אָבגעדרוקט אין דער צייטונג די פאָלגענדיגע מעלדונג:

„מיט טיפען טרויער טייל איך מיט וועגען דעם פריהצײ-

טיגען טויט פון מיין געליבטען ברודער, דעם פעלק-דאָקטאָר היינריך פאָן-ראָס, דעם קאַוואַליער פון קעניגליכען אָרדען פאַר פערדינסטען. ער האָט געדינט אינ'ם רייטיגערישען פּאָלק פון קעניג לודוויג און איז געשטאָרבען פון אָבגעשוואַכטקייט אין ווילנאָ אָנהויב יאַנואַר, דאָס יאָהר, אין דער עלטער פון 33 יאָהר. איך בעדאַנק זעהר הערצליך די אַלע פאַר דער ליבע, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען דעם נפטר און האָף אויף זייער ווייטער-דיגער פריינדשאַפט צו מיר.

לודוויגסבורג, דעם 25-טען מאַי 1813.

פרידעריקאַ ווילהעלמינאַ ראָס.

אין נאָמען פון אַלע קרובים."

מיינע באָהנטע און פריינד זענען, נאַטירליך, געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז איך בין בשלום אַרויס פון דער קאַטאַסטראָפע.

מיין ברודער האָט מיר געשריבען:

„היים, אויפ'ן גאָלדענעם טיבר, צווישען די זיבען בערג פון דער אַלטער און נייער רעזידענצשטאָדט, אין דעם חודש פון דיין געבורט, אויגוסט 1814.

טויזענדער מאָל בעגריס איך דיך, מיין אָקאָרשט-אָבגעפּו-נענער, טויזענדער מאָל נעהם איך דיך אַרום אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון אונזערע נאָהנטע אויף דער און יענער זייט פון די אַלפען! די פילמאָליגע בשורות וועגען דיין טויט האָבען מיך, אמת, שטאַרק געשראָקען, אָבער יעדעס מאָל האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז זיי זענען נישט בעגרינדעט. נישט דערפאַר, וואָס דו, מיין טייערער, האָסט זיך הונדערטער מאָל געפונען אין די אָרימס פון טויט, נאָר דערפאַר, ווייל עפּיס אַ'איבערליכער קול האָט געשריען אין מיר: היינריך לעבט!

מיט'ן גאַנצען הארצען און מיט ברידערליכער פרייד און ליבע שטרעק איך דיר אויס נאָכאַמאָל די האַנד. און נאָכאַמאָל בעגריס איך דיך!.. די אַלע ברידערליכע געפיהלען זענען ביים בעקומען דיין בריף צונויפגעגאָסען געוואָרען אין איין שטילען געפיהל פון שמחה. אונזער פאַמיליען-יום-טוב האָבען מיר גע-

טיערט אין דעם דערבייאיגען טעמפעל פון דער גוטער מינערווע. פאר דיין געזונד איז אזוי הויך געשריען געוואָרען, אז די טויזענדיעהריגע באלקענס זיינע האָבען געענטפערט מיט א הילכיגען עכאָ א, אָ, ו.

קאַרל ראָס.

זומער אין יאָהר 1814 האָט זיך אין די רוסישע צייטונגען בעוויזען א מעלדונג, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרען דורך דער ווירטעמבערגישער רעגירונג. אין דערזעלביגער מעלדונג איז געזאָגט געוואָרען, אז די אַלע ווירטעמבערגישע אונטערטאַנען, וואָס זיינען פערבליבען אין רוסלאַנד נאָכ'ן מאַרש פון יאָהר 1812, זאָלען זיך אומקעהרען אַהיים, אויב נישט, וועלען זיי פערלירען זייער האָב-און-גוטס און אַנדערע רעכט. איך האָב דערלאַנגט א בקשה וועגען פערלאָזען מיין דינסט אין שפּיטאָל צוזאַמען מיט דער צייטונגסמעלדונג, און אין סעפּטעמבער איז אַזויאַרום פערענדיגט געוואָרען מיין קאַריערע אַלס מיליטערדאָקטאָר.

איצט בין איך פון דאָסניי געוואָרען אַן'אונטערטאַן פון מיין פאָטערלאַנד און איך האָב געמאָלדען דעם קעניג, אַז איך האָב פערלאָזט מיין שטעלע אויפ'ן סמך פון דער מעלדונג אין די רוסישע צייטונגען, און איך בין דעריבער מיכן ומזומן זיך אומצוקעהרען אַהיים. דערביי, נאַטירליך, האָב איך געבעטען, מען זאָל מיר געבען אַ פּאָסטען אין דער מיליטערישער אָדער ציוויל-פערוואַלטונג, אָדער מען זאָל מיר דערלויבען צו פערבלייבען אין רוסלאַנד. אין נאָוועמבער האָב איך בעקומען דורך דער באָטשאַפט אַ קאָפּיע פון דעם קעניגס רעסקריפּט, אין וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז מיר ווערט דערלויבט צו פערבלייבען אין רוסלאַנד.

ביי מיין דינסט אין שפּיטאָל האָב איך דאָך געהאַט אַ סך פרייע צייט, צו שרייבען אַלע מיינע פריינד אין דייטשלאַנד אוי אין מיין צמאָליגען פּאָלק, וואָס איז אין דער צייט געשטאַנען אין עליזאַס. כמעט אַלע האָבען מיר געענטפערט. אָבער מיין פריינד וובער האָט מיר צוגעשיקט אַ בריף, וואָס איז געווען אינטערעסאַנטער פון אַלע.

„מסתמא געדענקט איהר נאָך,—האָט ער מיר געשריבען,— אַז בשעת אונזער פּאָלק, שוין אויף יענער זייט מאָסקווע, איז איבערגעגאַנגען דעם ערשטען טייך, וואָס זיין נאָמען האָב איך שוין פערגעסען*), האָט מען מיך אַוועקגעשיקט צוריק קיין מאָסקווע מיט אַ טראַנספּאָרט קראַנקע און האָפּנער איז אויך געקומען אָהער. מיר האָבען זיך געוואָלט אומקעהרן צוריק אין פּאָלק מיט אַכט רייטיעגערס און מיט דעמדאָזיגען צוועק האָבען מיר זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם פּראָוויאַנט-טראַנספּאָרט, וואָס איז געגאַנגען פון מאָסקווע. ביי אַ דריי שעה גאַנג פון דערדאָזיגער שטאָדט זענען אונז בעפאַלען פויערים, וואָס זענען געווען בעוואָפּענט, ווי קאָזאַקען, און האָבען אונז צויאָגט. איינער פון אונזערע יעגערס איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, אַ צווייטען האָט מען פערוואונדעט. מען וואָלט אונז מסתמא זיכער אויסגעשאָכטען. מיר האָבען געהאַט אַזויאַרום בלויז איין מיטעל—אַרויסציהען די פּערזשאַווערטע שווערדען און פּרובען זיך אַדורכשלאָגען. אונז איז אפילו געלונגען צו פּאַקען איינעם פון דידאָזיגע „קאָזאַקען", אָבער מיר האָבען איהם גאָרנישט געטהאָן און געלאָזט געהן, וואוהין ער וויל, ווען מיר האָבען דערזעהן די פּראַנצויזישע אינפאַנטעריע, וואָס האָט אונז אַרויסגעראַטעוועט פון דערדאָזיגער נויט.

מיר האָבען בעמערקט די ריקצוג-בעוועגונג פון אַלע אַרמעע-טיילען און זענען אַוועק מיט איינעם פון זיי. ביז בערעזין זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען, אָבער דאָרט, אין דער בהלה, האָבען מיר איינאַנדער פערלאָרען. נאָכדעם, ווי איך בין איבערגעגאַנגען דעם טייך, האָט אַ גראַנאַט דער׳הרג׳עט אונטער מיר דאָס פערד און איך בין געגאַנגען צופוס ביז וולאָצלאַוועק, וואו עס זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען די שיריים פון אונזער קאָרפּוס. דאָ בין איך קראַנק געוואָרען אויף אַ טיפוס; אָבער איינדערהיים בין איך ערשט געקומען צו די כחות.

איך וויל אייך נישט בעלעסטיגען מיט די בעשרייבונגען

---

*) קלאַזמאַ ביי באָגאָראָדסק.

פון די צרות און אַנגסטען, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט בשעת׳ן ריקצוג. אגב וואָלט איך זיי גאָרנישט געקאָנט איבערגעבען גענוג בולט, אָבער אויף מײן חלק איז אויסגעפאַלען אַ היבשע פּאָרציע.

איין סצענע אָבער, וואָס בעלאַנגט דעם טײך־איבערגאַנג בײ בערעזין, וויל איך אײך יאָ איבערגעבען. דידאָזיגע סצענע האָט געמעגט מאָלען אַ ראַפאַעל. נאָך איצט אפילו בעפאַלט מיך אַ פּחד, ווען איך דערצעהל וועגען דעם.

נעבען מיר, נישט ווייט פון דער בריק, וועלכע מיר האָבען בעדאַרפט איבערגעהן, איז געשטאַנען אַ שענע פינפאונצוואַנציגיעהריגע פרוי. דאָס איז געווען די פרוי פון אַ פראַנצויזישען פּאָלקאָווניק. מיט עטליכע טעג צוריק האָט זי פערלאָרען איהר מאַן, וואָס איז געפאַלען אין שלאַכט. גלייכגילטיג צו אַלץ און צו אַלעמען, האָט זי איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף איהר פיר־יעהריג חנ׳עוודיג טעכטערל, וואָס איז געזעסען מיט איהר אויפ׳ן פערד. נישט איין מאָל האָט זי זיך געפרובט צוטרעטען צו דער בריק, אָבער יעדעס מאָל איז זי אָפּגעשטויסען געוואָרען. עפּיס אַ קאָלטער יאוש איז איהר בעפאַלען. מיט אַנ׳אונבעוועגליכען בליק האָט זי געקוקט דאָ אויפ׳ן הימעל, דאָ אויף איהר טאָכטער, און איינמאָל האָב איך געהערט, ווי זי האָט אַ זאָג געטהאָן: „אָ, מײן גאָט, איך בין אַזוי אומגליקליך, צו איך קאָן נישט בעטען צו דיר!“

אין דער מינוט איז געפאַלען איהר פערד און אַ צווייטער גראַנאַט האָט איהר צושמעטערט דעם פוס העכער פון דער קניה. מיט דער רוהיגקייט, וואָס קומט פון טיפען יאוש, האָט זי גענומען דאָס וויינענדיגע קינד, אַ קוש געטהאָן עס עטליכע מאָל, נאָכדעם אַראָבגענומען פונ׳ם פוס דעם פערבלוטיגטען ביינ[illegible] און דערמיט דערשטיקט דאָס קינד. נאָכדעם האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך דאָס דערשטיקטע קינד, אַוועקגעלעגט זיך דערמיט נעבען דעם דער׳הרג׳עטען פערד און שווייגענדיג גענומען וואַרטען אויפ׳ן טויט. די פערד, וואָס האָבען זיך געדרעהט אַרום דער בריק, האָבען זי תיכף צוטראָטען.

באלד ווי איך האב מיך נאר עטוואס פערבעסערט אין גע- זונד, בין איך ווידער אוועק אין מלחמה מיט א קאוואלערישען פאלק. האלדערלע, וואס האט נאך איך איבערגענומען דעם לעצ- טען פונ׳ם הויפטדאקטאר, איז אומגעקומען אינ׳ם בזואמענ- שטויס ביי דער עלבע. איך האב איבערגענומען זיין פאסטען. האפנער איז דער׳הרג׳עט געווארען דורך א זעקספונטיגען גרא- נאט ביי בויצען.

גובער.

דיטענבורג אין עלזאס.

30־טער אקטאבער 1817

אין יאהר 1815 האב איך פערלאזט מיין מיליטערישען פאס- טען און געווארען א פרידליכער בירגער. סיי פריהער און סיי שפעטער האב איך מיך בעשעפטיגט אלס דאקטאר. גאנצע צוויי- אונדרייסיג יאהר האב איך געארבייט און איך וואלט וועלען נאך לאנג ארבייטען, ווייל איך האב ליב מיין פראפעסיע.

איך בין בעקאנט געווארען מיט אלע צושטאנדען פון מענ- שען סיי אין שלום-צייטען און סיי אויף מלחמה, מיט׳ן מאנא- כענטום אין די מאנאסטירען, מיט די יסורים אין די שפיטאלען, וואו איך ארבייט שוין 32 יאהר, מיט׳ן דלות אין די ארימע הייזלעך, מיט דער פלייסיגער פראצע אין די ווערקשטאטען, אין די וויינגערטנער און אין פעלד, מיט דער טעטיגקייט פון קא- מערסאנטען, לעהרער, קינסטלער און, צולעצט, מיט׳ן לעבען פון די רייכע און שטארקע—די, וואס האבען מאכט אויף דער וועלט.

אין אלע מענשען ליגען געגענזעצליכע התחלות, אבער איך האב מיך שטענדיג בעצויגען מיט אכטונג צו יענע מענשען, וואס דאס גוטע שטייגט ביי זיי איבער דאס שלעכטע, וואס זענען אויסגעהאלטען אין די געפיהלען, וואס זענען דרייסט אין אנ׳- אונטערנעהמונג, ערנסט אין דער ארבייט, מוטיג אין גויט און בעפאהר, עהרליך אין די מעשים, טאלעראנט צו מענשען און זייערע מיינונגען און מעסיג אין די פערגעניגענס.

און אלע מיינע סימפאטיעס זענען קיינמאל נישט געווע

היינריך ראָס.

אויף דער זייט פון מענשען מיט אַ פערקעהרטען כאַראַקטער. איך האָב שטענדיג פיינט דעם קריגער מיט די רייזענוואַנסען און באַקענבערד, מיט די רציחה׳דיגע אויגען, דעם קריגער, וואָס קלינגט מיט די שפּאָרען, דערצעהלט פון זיינע העלדישע מעשים און מאַכט אַנ׳אָנשטעל פון אַ העלד פאַר נייגיריגע און נישט-פּראַקטישע מענשען (איך האָב עפטער געזעהן אַזעלכע העלדען אָפיצירען און סאָלדאַטען אויפ׳ן פּראָגט און אויף די טראַנספּאָרט-וועגענס). איך האָב פיינט דעם דינער פון אַ קירך, וואָס רופט אַרויס טרעהרען אויף די אויגען מיט זיינע וואַרימע ווערטער, מיט זיין גוטען בליק און געניטע זשעסטען, וואָס ריהרען און ציהען די הערצער פון עולם, אָבער אַז ער קומט אַהיים און וואַרפט-אַראָב דעם קירך-מלבוש פון זיך, ווערט ער באַלד פערוואַנדעלט אין אַ מענשען אַנ׳אכזר און אַ רשע; איך האָב פיינט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט אַנ׳ערנסט און שטאָלץ געזיכט, כדי די מענשען זאָלען מיינען, אַז זיינע פּאַציענטען לעבען אייביג, אָבער ער קאָן נישט מעהר זוי שרייבען רעצעפּטען; איך האָב פיינט דעם יוריסט, וואָס איז גרייט צו דינען דער גערעכטיגקייט בלויז פאַר געלד און אַנדערע גוטע זאַכען; איך האָב פיינט דעם טשינאָווניק, וואָס טראַכט, אַז זיין פּאָסטען איז בעשאַפען געוואָרען בלויז פאַר זיין טובה-וועגען און דערגלייכען.

אונזער לעבען וואָלט געווען שען און אָנגענעהם, ממש אַ גן-עדן, ווען מענשען וואָלטען זיך נישט האַלטען אַזוי גרויס און שלעכט.

די חסרונות פון מענשען מאַכען קאַליע דאָס לעבען.

סוף